STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09337

ALE VERK

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ

אינהאַלט פון די 18 בענדער

1) פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן
2) די צייט
3) דראמען
4) אָדם וחוה
5) חסידיש
6) פאר קליין און גרויס
7) בילדער און סקיצן
8) אויפזאצן און פעליעטאָנען
9) אלט און ניי
10) פון שטוב און גאס
11) געדאנקען און אידעען
12) פינף מגילות
13) לידער און באַלאַדן
14) געשיכטן און סצענעס
15) ליטעראטור און לעבן
16) אין מיין ווינקעלע
17) שטעט און שטעטלעך
18) מיינע זכרונות און בריוו

פון פאַרלאַג „יידיש"

דער קליינער און יונגער יידישער אַרגענטינער קיבוץ איז אַ דאַנק דער שוידערלעכער יידן־אויסראָטונג זינט אויגוסט 1939 געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע יידישע ישובים אין דער וועלט. דער יידישער וועלט־חורבן האָט אונדזער ישוב דערהויבן און אים אָנ־געטון אַ טראַגישן און גרויסן זכות.

אַ זכות גייט ביי אונדז זייט שטענדיק אָן האַנט ביי האַנט מיט חוב. פאַר דעם גרויסן טראַגישן חוב איז אונדזער ישוב אַ סך, אַ סך שולדיק. און פאַרלאַג „יידיש", וואָס איז אין דער פאָרעם אַ פריוואַטע אונטערנעמונג און אין תוך געהער ער צום גאַנצן ישוב, שטרעבט צו באַצאָלן אַ קליינעם טייל פון די חובות, וואָס דער ישוב איז שולדיק.

דורך דעם פאַרלאַג „יידיש" וועט דער אַרגענטינער יידישער ישוב אָנהויבן העלפן אויפבויען דאָס דאָזיקע, וואָס דער שונא האָט חרוב געמאַכט.

און נישט אומזיסט הייבן מיר אָן מיט אונדזערע קלאַסיקער! דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם האָבן באַ־שריבן וועט מען שוין מיט קיין טאַנקען אויך נישט אויסמעקן.

און ווען דער צאָרן וועט זיך ענדיקן און אייראָפּע וועט זיך נעמען באַנייס אויפבויען און מען וועט דאָרט נעמען אויפבויען אויך דעם יידישן שארית הפליטה, וועט דער אַרגענטינער ישוב דורך דעם פאַרלאַג „יידיש" שיקן די ביכער פון די קלאַסיקער פאַר די ערשטע פון סניי אויפגעבויטע יידישע ביבליאָטעקן.

פאַרלאַג „יידיש" הייבט אָן מיט אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ, ווייל בעצם האָט פּרץ געראַטעוועט דאָס מאָדערנע יידישע לעבן פון אַ שריפה, וואָס האָט עס גענומען אַרומכאַפּן פון אַלע זייטן. פּרץ איז אַריין אין פייער אַריין פון השכלה און אַסימילאַציע און ער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם סאַמע עיקר פון דער באַדראָטער יידישקייט. די ערשטע ווערק וואָס מען וועט אַריינשטעלן אין אַ באַנייטער יידישער ביבליאָטעק פון אייראָפּע, מוזן זיין פון י. ל. פּ ר ץ !

י. ל. פּרץ

אלע ווערק

מיט בילדער, פאקסימילן, געקליבענע פערזענלעכע בריוו און
ביאָגראַפישע שטריכן פון יעקב באָטאָשאַנסקי

פאַרלאַג „יידיש"
פון וואָלף ברעסלער און אברהם מיטלבערג
בוענאָס איירעס 1944

פערצנטער באַנד

געשיכטן און סצענעס

PRINTED IN ARGENTINE

I. L. PERETZ
Obras Completas
TOMO XIV
"GESCHIJTEN UN STZENES"

Editorial y Talleres Gráficos "IDISCH"
Bmé. MITRE 2146 BUENOS AIRES
1944

אינהאַלט פון פערצנטן באַנד

	זייט
דער פאַרשאַלטענער ברונעם	9
וועבער־ליבע (דערציילונג אין בריוו)	20
מאָטל פּרינץ	42
פּרינצעסן קוניגונדאַ און פּרינץ פּראָש (אַ מעשה)	49
אָבער דאַווענען מוז מען דאָך	61
פּען־דע־סיעקל	63
פּליגל	72
עס ענדערט זיך	73
שטערן	74
ר' שלומהס מעשהלעך	76
דרשה־געשאַנק (אַ מעשה פון בעל־שם)	92
דער בעל־שם פירט אויס אַ שידוך	103
זינדיק בלוט	123
נעילה אין גיהנום (הומאָרעסקע)	135
אַן נדן איז ערגער ווי פּאָקן	141
ווי אַזוי די וואַלד־ישיבה איז בטל געוואָרן	149
דער חשוב ביים קאַנאַניק	158
אַ קלעזמער טויט	169
דער עפּל (אַ מאָנאָלאָג פון אַ באַנקיר)	173
ס'הערצל צאַפּלט	177
אויף אַ קרבן (אַ מעשה)	179
באַנייט אַ תליה	184
וועגן אַ שווימער, אַ דאַך־באַשלעגער, און אַ פּאָרצע־לייען־מיידעלע	187
דער באַרד	194

זייט

יענקל פעסימיסט — — — — — — — — — — — 200

כיבוד־אָב (אַ מעשהלע פון יוחנן מלמד) — — — — — 203

אַ פּראַגע — — — — — — — — — — — — — — 210

חזיאל און אוריאל (פראַגמענט) — — — — — — — 218

אַ פרימאָרגן (איינאַקטער) — — — — — — — 223

שאַמפּאַניער (איינאַקטער) — — — — — — — — 239

אַביסל נאַטור־געשיכטע (אַ סצענע) — — — — — — 253

עולם־הבאָ (אַ סצענע) — — — — — — — — — 257

ס׳ברענט (איינאַקטער) — — — — — — — — — 263



פּרץ אין זיין קאַבינעט

דער פאַרשאָלטענער ברונעם

אין שטעטל, אין סאַמע מיטן מאַרק, שטייט אַ ברונעם, און דאָך נוצן יחידי־סגולה טייך־וואַסער, וואָס מען פירט פון אַ האַלבע מייל פון הינטער דער שטאָט!

דאָס טייך־וואַסער איז פון סאַמע „וואָדאָפּאָי" — בלאָטיק, מיט אַ שלעכטן ריח, און דאָס ברונעם־וואַסער איז דווקא ריין ווי גאָלד!

אייך וואונדערט אוודאי, פאַרוואָס מען טרינקט שלעכט טייך־וואַסער, אַז מען קאָן האָבן גוט ברונעם־וואַסער? וועל איך אייך איבערדערציילן וואָרט ביי וואָרט די מעשה פון דעם ברונעם, וואָס איך האָב פון ר' אליעזרס, דעם שמשס אייגן מויל געהערט.

און דערציילט די מעשה האָט ער מיט שרעק און שטאָלץ צוזאַמען. די מעשה איז טאַקע שרעקלעך, און דאָך איז ער שטאָלץ דערויף, אויף זיין שטעטל, אין וועלכן אַזוינע מעשות טרעפן זיך!

— פאָרט אויס — זאָגט ער — אַ האַלבע וועלט, וועט איר אַזאַ מעשה נישט הערן!

— אָנגעהויבן האָט עס זיך אין [illegible]

נאָר דאָס יאָר האָט ער פאַרגעסן, און איר מוזט אייך באַגיין אָנ'ם יאָר.

געווען איז דעמאָלט סליחות־צייט.

נו, אַ שטאָט איז אַ שטאָט, ס'איז דאָ פיינע יונגעלייט, פיינע בחורים; עס איז דאָ, ווי דער שטייגער איז, לאָבוסעס אויך...

גייענדיק צו סליחות, פינצטער איז נאָך, דאַרף מען דאָך אביסל שטיפן, שטיפט מען מיטן בכור, און אַ בכור האָבן מיר דעמאָלט געהאַט אַ זעלטענעם, ממש אַ גיבור! מיט איין שפרונג פלעגט ער איבערקערן קינד און קייט אין גאַס.

אַז מען שטיפט מיטן בכור, הייבט מען אים אָן צו יאָגן, נאָכוואַרפן שטיינער.

דער בכור שטעלט זיך אקעגן; חברה איז אָבער גרויס, מאכט דער בכור פּליטה.

יאָגט מען אים נאָך: מיט שטיינער, מיט שטעקנס, און דער בכור פליט פייל פון בויגן אהער און אהין, אהער און אהין...

פונקט דאַרף זיך טרעפן, אַז דעמאָלט איז דער ברונעם קאַליע געווען.

נאָך א צייט פריער האָט דער וואָיט געמאכט אן אָנשלאָג, צונויפּגעקלאפּט די מטבע, און דערווייל צענומען די צעמברינע; שטייט דער ברונעם אָפן.

דער ברונעם שטייט אָפן, און גאָט העלפט, דער בכור פאַלט אריין אין אָפענעם ברונעם אריין.

חברה האָט נישט געוווסט, ווו דער בכור איז אהינגעקומען; זענען זיי זיך צעלאָפן יעדערער זיין וועגס.

מען שטייט אין בית־המדרש ביי סליחות, אונדזער ר׳ יונהלע צעלאָזט זיך ביי א תפילה, און דאָ הערט זיך פלוצלינג פון גאַס א געשריי, א יללה, אז גאָט זאָל שומר ומציל זיין!

וואָס טראכט מען?

א יידענע גייט, לא־עליכם, שווער צו קינד, אָדער, חס־ושלום, אן אנדער צרה...

מען כאַפּט געשווינד אָפּ די סליחות, מען לויפט ארויס, מען הערט זיך איין, — אַז דער קול גייט פון דעם ברונעם.

וואָלט די ווייסע חברה אויסגעזאָגט, אַז זיי האָבן געשטיפּט מיטן בכור, וואָלט מען זיך אפשר געשטויסן, אַז דאָס ליגט ער אין ברונעם; האָבן זיי דאָך אָבער מורא פאר טאטע־מאמע, שווייגן זיי, און אונדז האָט גאָר אנדערש נישט געקענט איינפאלן, נאָר א שד אָדער א לץ...

צי זענען מיר אזוי דערשראָקן געוואָרן, צי האָט באמת דער בכור אַזאַ קול געהאט, געגנוג, מיר זענען זיכער, אז דאָס איז א קול פון א מענטש.

און, ווייל עס האָט קיינער אין שטעטל נישט געפעלט, פון דער פרעמד איז קיינער נישט געקומען, איז עס א נישט־גוטער; שטייט מען, און די הויט ציטערט, און די ציין קלאַפּן ווי אין קדחת, רחמנה־ליצלן...

פון גרויס גערודער, האָט זיך אויפגעכאפּט דער סטאַרשי סטראַזשניק און נאָך עטלעכע גויים, און זענען אויך ארויסגעקומען; שטייען זיי אויך און גאַפן. אין עישוון שטעקט אָבער פאָרט א גבורה, לויפן זיי צום וואָיט, ברענגען עמער און שטריק (מען זאָל זיי נישט אוועקגנבענען, פלעגט מען

זיי איבערגעבראכט האלטן אין גמינע)... מען ברענגט, מען לאָזט אַראָפּ און מען שלעפּט ארויס א טויטן בכור!

אוי, דער בכור, נעבעך, האָט אויסגעזען... צעבראָכענע הערנער, צעבראָכענע פּיס, אין די זייטן לעכער, אוי!

און ר׳ אליעזר פארשטעלט זיך דעם פּנים מיט די הענט, ער זאָל דאָס שרעקלעכע בילד, וואָס שטעלט זיך אים פאר די אויגן, נישט זען...

— און פון דעמאָלט אָן טרינקט איר נישט קיין ברונען־וואסער? — פרעג איך.

— פאר אזוינע נאראָנים האלט איר אונדז? — מאכט ער מיט א פאָרוואורף — הערט ווייטער!

אמת איז, אז שוין דעמאָלט האָבן טייל איידעלערע מענטשן אויפ־געהערט צו נוצן ברונעם־וואסער.

מענטשן האָבן עדות געזאָגט, אז ווען זיי גייען דורך ביינאכט, הערן זיי א קול פון א גוסס פון דעם ברונעם ארויס.

אַנדערע האָבן געשווירן מיט כל־השבועות, אז ווען זיי קוקן אין ברונעם אריין, זעען זיי רויטע פינטעלעך, און עס איז אוודאי בלוט...

דעם אמת זאָגנדיק, האָט דאָך דער בכור געהאט געלעכערטע זייטן; גאנצע שטיקער פלייש האָבן דאָך ווירקלעך געפעלט!

און דאָ, אז מען האָט געבעטן דעם וואָיט, ער זאָל דעם ברונעם אויס־רייניקן, האָט ער געזאָגט, אז אויף דעם איז קיין אָנשלאָג נישטאָ...

פונדעסטוועגן וואָלט מען זיך מיט דער צייט צוגעוווינט, מען וואָלט פארגעסן, צום טייך איז פאָרט א האלבע מייל וועגס, — מאכט זיך אָבער נאָך א מעשה:

דער ברונעם איז שוין פאריכט, די צעמברינע פארטיק, דאָס ראָד אריינגעשטעלט און דאָס וואסער הייבט מען אָן צו נוצן!

נאָר, איינמאָל ביינאכט, פאָרט פארביי א בעל־עגלה, מיט א שווע־רער בריקע, אָנגעפּאַקט מיט סחורה. פון שווערן וועג זענען די פערד גע־ווען פגר, באגאָסן מיט שוויים, מיט פּיאנע. איין פערד א בולאנער, איך געדענק נאָך עד־היום די מאַשטש, האָט זיך פאר דעם ברונעם אויסגע־גליטשט, געפאלן, און אפשר נאָך פופציק בייטשן האָט ער קוים כוח גע־האט זיך אויפצושטעלן!

און — הערט א מעשה:

קוים דערלאנגט דער בעל־עגלה פאר די פערד דעם ערשטן עמער

מיט וואַסער, דערשרעקן זיי זיך, שפּרינגען אָפּ, דרייען זיך אויס און אַנט־לויפן גאַלאָפּ מיט דער בריקע.

און דער בעל־עגלה זעט מיט זיינע אייגענע אויגן, — און גע־שווירן האָט ער, און מען מעג אַ מסיח לפי תומו גלייבן, אַז פון דעם עמער איז אַרויס אַ יאַשטשערקע! זי האָט אַ לאַך געטון ווי אַ מענטש, און איז צוריק אַריינגעשפּרונגען אין ברונעם...

און איר מיינט, מען וואָלט די פערד געכאַפּט? אַז אסור! ווי די טייוולאָנים זענען זיי געפלויגן. דאָס גאַנצע גליק איז געווען, וואָס זיי זענען אַריין מיטן דישל אין אַ האָלצערן הייזל, דורכגעלעכערט די ווענט (אמת, עס איז געווען אַ מפּולת) און געבליבן שטיין!

נאָר וואָס איז מער וווּנדער: איז אינעווייניק, ביי דער אייגענער וואַנט, איז געזעסן איינער, אַ שניידער־יונג, יצחקל, און האָט געלייזט אַ גוטן קלאַפּ אין די פּלייצע מיטן דישל...

און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער איז טאַקע געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן יאָגן דעם בכור...

אַזוי איז זיך אַ בכור נוקם!

ער אַליין, יצחקל מיין איך, האָט מודה געווען!

און הערט ווייטער:

אַז מען איז פון זיין מויל געוואָר געוואָרן, אַז דער צווייטער, וואָס האָט אָנגעהויבן שטיפן מיטן בכור, איז ר' ירוחמלס אַ בן, — פאַר אונדז, נישט אויף זיך, אַ שיינע סחורה געווען, — פאַלט דער בן פאַר שרעק אין אַ משוגענע קרענק אַריין, הייבט אָן ציטערן אויפן גאַנצן לייב, און ציי־טערט אַוועק עטלעכע חדשים!...

— איז שוין? — פרעג איך.

— אַוודאי! — מאַכט ר' אליעזר חוזק — אַצינד גייט ערשט דאָס געדיכטע.

פאַרשטייט זיך, אַז דער עולם האָט מורא געקריגן צו נוצן דאָס ברונעם־וואַסער... און דאָס וואַסער אַליין איז טאַקע נישט געווען צום נוצן; עס האָט עפּעס משונהדיק גרינלעך געגלאַנצט, און אַ מיאוסן ריח באַקו־מען. איך האָב עס נישט פאַרזוכט, נאָר געזאָגט האָט מען, אַז מען פילט עס פון יאַשטשערקעס. נאָר מורא אַהין, מורא אַהער, אונדזערע וואַסער־טרע־גער האָבן קיין פערד און קיין פעסער נישט צום פירן פון טייך, און צו

טראָגן א האלבע מייל וועגס אויף דעם אייגענעם מקח, וואָס זיי באקומען, ווילן זיי נישט.

וואָס זאָל איך לאנג ברייען, מען האָט צוריק אָנגעהויבן צו נוצן דאָס ברונעם־וואסער.

פלוצלינג, לאָזט זיך ארויס א קול, אז יעדע נאכט, צען דער זייגער, אזוי ווי מען נעמט אראָפּ דעם שטריק מיטן עמער און מען טראָגט צום וואָיט, באווייזט זיך א חברה ווייסע און שווארצע קעץ פון שטאָט און פון פארשטאָט; זיי זעצן זיך אויפן ראָד, מיאוקען און זיפצן, וויינען אויף זייער אופן, און, אונטער זיי, דרייט זיך דאָס ראָד אליין ארויף און אראָפּ, ארויף און אראָפּ, און אזוי ביז פארטאָג.

און קעץ זאָלן זיך זעצן אויף א ראָד פון א ברונעם, איז נאָך מעגלעך, עס איז דאָך נישט ערגער ווי א דאך!

אין מערץ איז עס געווען; דאָס הייסט — אין דער צייט, ווען קעץ האלטן זיך צוזאמען און לאָזן קיין אויג נישט צו־טון!

נאָר קעץ זאָלן דרייען א ראָד, אָדער דאָס ראָד זאָל זיך אליין דרייען אונטער קעץ, — דאָס האָט מען נאָך נישט געהערט!

און זאָל עס כאָטש אויפהערן, ווען דער האָן קרייט, וואָלט מען גערעכנט, אז עס איז — מעשה־לץ.

הערט איר דאָך אָבער — ביז אינדערפרי! מוז דאָך עס האָבן א שייכות מיט דער יאשטשערקע, צי, להבדיל, מיטן בכור...

וכך־הוה! עס האָט זיך געפונען אן אלטע ערלית ביים וואָיט, וואָס האָט עדות געזאָגט מסיחה לפי תומה, אז ביי זיי אין דאָרף האָט זיך אמאָל געהאלטן א יאשטשערקע אין א זומפּ, פלעגן טאקע אלע קעץ פון דער גאנצער געגנט קומען צו איר צו גאסט, אזוי, אז ארום זומפּ איז באַשטענדיק געווען א כמארע קעץ...

נאָר פארוואָס עס דרייט זיך דאָס ראָד, דאָס האָט זי שוין אויך נישט געוווסט; כאָטש זי איז שוין גאָר, גאָר אן אלטע ערלית געווען, און נישט פון איין אויוון ברויט געגעסן.

— נאָר דאָ, מוז איך — זאָגט ר' אליעזרל — איבערהאקן, און פארציילן, ווי אזוי איך אליין האָב די קעץ געזען מיט מיינע אויגן; איר שמייכלט? דעמאָלט האָב איך אויך געשמייכלט!

א יונגערמאן בין איך געווען, אביסל די קליינע אותלעך געקוקט... געקאָנט גאנץ שיין לשון־קודש!

הכלל, איך האָב נישט געגלייבט!

ארויסגערעדט האָב איך עס נישט, נאָך וואָס זאָל איך איבער אזא קלייניקייט אָנהייבן מיט לייט?

נאָר געדאַכט האָט זיך מיר אזוי:

ווינטער איז, שניי פאַלט, ליגן קופּקעלעך שניי אויפן ראָד, זאָגט דער עולם — קעץ!

אויפהויבן זיך נאָך צען ביינאַכט פון בעט און גיין זען, גלוסט זיך נישט.

ערשטנס, איז אונטערן איבערבעט ווארעם און אין דרויסן קאַלט!

צווייטנס, בין איך מודה, אז איך האָב אביסל מורא געהאַט צו גיין. וואָרום — ווער ווייסט? טאָמער יאָ? און אויב יאָ, איז עס דאָך נישט קיין פּשוטע קעץ, קאָן מען טאַקע ניזוק ווערן...

טרעפט זיך פונקט אזא מעשה:

איך בין אויף א חתונה, צו דער וועטשערע נעם איז איין טרונק בראָנפן, דערנאָ, פאַרגעס איך, און נעם דעם צווייטן... נאָך די פיש — ווייטער א קאָפּ, ווי דער שטייגער איז. נאָך פליש — אביסל ביר!

א שוואַכער מענטש בין איך, הייבט זיך מיר אָן, לאַ־עליכם, דער קאָפּ צו דרייען, און, אינעווייניק, ברענט ממש ווי א פייער; איך פיל, איך פאַל חלשות, און פאַרשטער, חס־ושלום, די גאַנצע חתונה.

וואָס טו איך?

גנבע איך מיך בסוד־סודות ארויס, רוף אפילו מיין ביילע־רחל נישט מיט, און גיי מיר אַהיים... איך וועל מיך איבערשלאָפן, טראַכט איך, און פאַרטאָג וועל איך זיין צוריק אויפן אָרט! וואָרום צוגעזאָגט האָב איך דעם חתן, (מיינס א לייבלעך שוועסטער־קינד געווען), אז ער וועט זיך פון מיר אזוי לייכט נישט אויסקויפן.

און געוואָלט האָט זיך מיר האַלטן וואָרט...

אז איך וועל דאַרפן גיין פאַרביי דעם ברונעם, פאַרגעס איך; ווי איינער פאַרגעסט אָן טויט!

און, אז איך דערמאָן מיך, שטיי איך שוין פּנים־אל־פּנים צום ראָד!

— און איר זעט קעץ? — פרעג איך.

— נישט אזוי געשווינד! נאָר פאַרקערט; — איך זע אויפן ראָד ליגן קופּקעלעך שניי, כדרך־הטבע! דאָס ראָד שטייט; איך זע בחוש, אז עס שטייט!

איך וויל שוין אָנהייבן לאַכן און ווייטער גיין, דערפיל איך אָבער, אז עס הייבט מיר אָן קלאַפּן דאָס האַרץ. פאַרוואָס?

איך נעם די האנט צום שטערן, עס גיסט א שווייס, גאָט זאָל שומר ומציל זיין — א שווייס!

און פּלוצים באפאלט מיך א מורא, און ווי הייסט א מורא! מיט פיס ווי די נעגל צוגעשלאָגן; נישט צו רירן פון אָרט. און די האָר הייבן מיר דעם ספּאָדיק מיט דער יארמולקע, אין דער הייך, אז איך פיל דעם ווינט אויף דער געגאָלטער הויט.

אז די שרעק קומט פון ברונען, האָב איך באלד פארשטאַנען; וויל איך טאָקע אוועקקוקן — עס גייט נישט. איך קאָן דעם קאָפּ נישט איבער־דרייען; איך מוז קוקן!

און, אין דער אייגענער רגע, אזוי ווי איך שטיי און קוק, הייבט זיך אָן דאָס ראָד וואָלגע־וואָלגע צו רירן, און אזוי ווי עס רירט זיך, ווערט פון יעדן קופּקעלע שניי א ווייסע קאַץ, און פון יעדן האָלצערנעם פּלאָקן פון ראָד — א שווארצע קאַץ! און אזוי שטייען זיי אויפן ראָד און דרייען זיך מיטן ראָד צוזאמען... א שווארצע קאַץ, א ווייסע קאַץ, א ווייסע קאַץ, א שווארצע — א ווייסע...

דערנאָך הייבן זיי אָן מיאַוקען. און אזוי ווי זיי מיאַוקען, קריכט ארויס פון ברונעם די יאַשטשערקע פון איין זייט, דער קאָפּ פון בכור פון דער צווייטער זייט... וואָס קלערט איר? איך פאַל חלשות!

ר׳ אליעזרל רוט זיך אָפּ און דערציילט ווייטער:

ביז אהער איז עס אלץ געווען מיט חיות... א צאַפּ, אפילו נישט קיין פּראָסטער צאַפּ — א בכור, פאָרט נישט קיין מענטש; א יאַשטשער־קע, א פערד; לא־עליכם, שווארצע און ווייסע קעץ; דער ברונעם הייבט אָבער אָן צו דארפן מענטשן ! ! !

ויהי־היום, איינמאָל זיץ איך ביי א מאָלצייט, ביי ר׳ קלומינוס דיין... אונדזער ר׳ קלונימוס האָט געהאט א בת, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין — למעלה מעשרים אמה; א יאָר צוואנציק אוודאי. קיין יפה־פיה, האָבן די נשים געזאָגט, איז זי נישט. אזוי — א יידישע טאָכטער. קיין פעלער, חס־ושלום, האָט זי אפילו נישט געהאט, נאָר א גראָשן ביי דער נשמה אויך נישט! מען האָט געמיינט זיכער, זי וועט פארזיצן אין גרויען צאָפּ אריין.

און עס איז א רחמנות אויפן מיידל; אויפן פאָטער דעם צדיק, האָט מען נישט וואָס צו שמועסן, אוודאי א רחמנות.

נאָר וואָס זאָל מען טון? קהל, לא־עליכם, האָט נישט קיין דרייער... און מען זאָל אפילו האָבן און וועלן געבן! קאָן מען נישט געבן, וואָרום

דער רב, זיכרונו־ליברכה, האָט געהאַט דריי טעכטער, און טעכטער ווי די דרענגער! ביכלל איז א שלימזלדיקע צייט געווען. גאַנץ כלי־קודש האָט קיין בנים זכרים נישט געהאַט, סאַמע טעכטער, און איינע עלטער ווי די צווייטע! פאַר אַלע ווייטער ווער ממון קורח נישט גענוגן! מאַכט מען זיך נישט ווייסנדיק, מען קרעכצט, נאָר מען ווייסט, אַז מען וועט נישט העלפן...

ר׳ קלונימוס האָט זיך שוין געוואָלט אראָפּלאָזן, גאָר אראָפּלאָזן: נעמען א שניידער, באַדיי א שוסטער פאַר אן איידעם, האָט ערשטנס קהל געמורמלט, וואָרום באמת, עס פּאַסט נישט פאַר קהל!

צווייטנס, זענען היינט די בעלי־מלאכות, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, פאַרשייט; און די בתולה, ווי געזאָגט, איז קיין בתולה יפה נישט געווען.

מיט איין וואָרט — ר׳ קלונימוס האָט קיין עצה און קיין ראָט נישט געהאַט, ווי אַזוי פּטור צו ווערן די בתולה!

מיט איין מאָל מאַכט זיך א קלאַנג, אַז ר׳ קלונימוס האָט א שידוך געטון! מויל און אויערן האָט מען אויפגעשטעלט!

און, איר הערט? טאַקע א שידוך פון דער פרעמד, דווקא א לייטישער שידוך, אָבער גאָר א געהויבענער שידוך... א מיוחס, א בן־תורה, און — א בחור! מען זאָגט כאָטש אַן אַלמן, אָדער — א גרויס מיט קינדער!

פופצן הונדערט זהובים איינגעלייגט במזומנים! און עס איז שוין תנאים!

די שימחה ביים עולם איז גרויס; א באַשערטע זאַך, בת פּלוני לפּלוני, ר׳ קלונימוס זכות!

א מזל־טוב אין שטעטל. א טשיקאַווער מענטש בין איך, וויל איך טאַקע וויסן, וואָס דאָס קאָן זיין?

קומט גראָד צופאָרן מיינס א שני־בשלישי פון דאָרט, טאַקע פון דער שטאָט, פון וואַנען דער חתן איז, און פאַרציילט מיר בסוד־סודות, באַשר־בכן — אין דער מישפּחה איז דאָ א געהאַנגענער פעטער, דעם פאָטערס א ברודער...

נו, מען קאָן נישט זאָגן, א פּגם איז עס, אָבער — פופצן הונדערט זהובים במזומנים!

ס׳איז דאָ נאָך א פּגמל פון דער מוטערס צד — דערציילט ער ווייטער, — טאַקע דער מוטערס א שוועסטער — ליגט ערגעץ שוין א יאָר צוואַנציק אין א שפּיטאָל אויף קאָפּ־ווייטיק, רחמנא־ליצלן!

מילא, דאָס געהער אפשר גאָרנישט צו דער זאַך! איז נישט — א עפּעס — פרעג איך, — אן איבערגעקערטער, א משומדל..

— דאָס נישט! — זאָגט ער, — נאָר אַן אַפּיקורסל איז יאָ דאָ... עפּעס אַ ווייטער קרוב פון פּאָטערס צד, איז אַ גרויסער הולטיי געווען! דאָס גאַנצע גליק איז, וואָס מען האָט'ן פון הימל אַנידערגעלייגט, און ער ליגט שוין עטלעכע יאָר, און עס דאָרט אים דער חוט־השדרה!

— אָבער דער חתן, — פרעג איך, — דער חתן!

— דער חתן, — זאָגט ער, — איז גאָר אַן אש־להבה! אַ למדן! און אַזוי פאַרטיפט אין לערנען, אַז ער פאַרגעסט צו עסן, צו טרינקען, צו שלאָפן, נאָר געלערנט. און אפילו ער לערנט נישט, טראַכט ער פון לער־נען; שטענדיק פאַרטראַגן, ער הערט קוים, וואָס מען רעדט צו אים...

פּאָטער און מוטער גייען אים נאָך, ווי אַ פּקיעהלע! מען היט אים, ווי אַן אויג אין קאָפּ, מען לאָזט אים אַליין קיין טריט נישט מאַכן... אויף גלייכע וועגט וואָלט ער געקראָכן!

איינמאָל האָט ער זיך אַרויסגעגנבעט אויס דער שטאָט, געגאַנגען, ווי זיין שטייגער איז, פאַרטראַכט, געלערנט בעל־פּה... געגאַנגען און געגאַנ־גען, ביז ער איז אַריין אין טייך! ער האָט אפילו נישט געשריגן, ער לערנט ווייטער!

די מערכה איז געווען, וואָס אַ וועשן האָט עס פון ווייטנס געזען, און געמאַכט אַ געוואַלט...

איינמאָל ווייטער, האָט ער געלערנט הלכות־שחיטה; האָט ער זיך געשאַרפט אַ חלף! געבאָרגט, פאַרשטייט זיך, ביים שוחט, — און האָט'ן אַזוי אויסגעשאַרפט, אַז דערנאָך, אַז דער שוחט האָט'ן געפּרוווט, האָט ער געשווווירן מיט כל־השבועות, אַז מען דאַרף זיין הונדערט יאָר שוחט, מען זאָל אַזוי אָנשטעלן אַ חלף... פריער אָבער האָט ער אים אַליין גע־וואָלט פּרוון... און ווי אַזוי, מיינט איר? מיט אַ פינגער? אויף דער צונג? דער פּלוט נעמט זיך צום האַלדז, צו זיינע אייגענע סימנים! און אפשר האָט ער גאָר געוואָלט סימנים אָנטאָפּן. —

גענוג, אַז ווען נישט די שטוב־לייט, וואָס זענען צוגעשפּרונגען, וואָלט ר' קלונימוס היינט קיין איידעם נישט געהאַט...

און נאָך, און נאָך אַזוינע מעשות...

האָב איך מיך טאַקע זייער געפריייט, אַז ר' קלונימוס קריגט אַזאַ בן־יקיר, אַזאַ טייערע כלי; און, זיצנדיק ביים מאָלצייט, וואָס מען האָט געמאַכט לכבוד די מחותנים (איך בין ר' קלונימוס אַ לייבלעכער חמישי ברביעי), האָב איך מיך טאַקע געשמאָלצן אין פּוטער.

אַן אמת תבשיטל, טאַקע — כדת משה וישראל! אַ גערגעלע —

דאָר און בלאָסלעך; אויגן גרויסע, — מיט איין וואָרט, די שכינה, כביכול, ליגט אויף זיין פּנימל, אזא חן האָט ער געהאַט... עס האָט ביים הארץ אָנגעכאַפּט!

מען האָט אים געהייסן עפּעס זאָגן, האָט ער געזאָגט.

איך געדענק אפילו נישט וואָס, נאָר געזאָגט האָט ער, און ווויל געזאָגט.

דערנאָך איז פון דער דרשה ארויס א וויכוח, א גערעדעריי, האָט ער זיך אין דער התחלה אריינגעמישט, אפילו היים אריינגעמישט.

ר׳ קלונימוסן, וואָס האָט אנדערש געזאָגט, איז ער כמעט אין דער באָרד אריין... נאָר פּלוצלינג האָט ער זיך אינמיטן פאַרטראַכט און אָפּגעהאַקט!

איך אליין, דעם אמת צוזאָגן, בין קיין גרויסער למדן נישט... אז עס איז אריין אין גדולות, האָב איך אויפגעהערט צו כאַפּן די ווערטער, נאָר אינעם לשון, אין די העוויות האָב איך דערקענט, אז פריער איז גע־ווען: ידו בכל, ער האָט אַלע געשלאָגן, און, אויב ער האָט אינמיטן אָפּ־געהאַקט, האָב איך געזען בחוש, אז דער שאַרפער מוח איז שוין אריבער אין אן אנדער עינין. וואָס ארום טוט זיך, ווייסט ער שוין נישט; דער עולם שפּאַרט זיך ווייטער, ער הערט נישט און זיצט, קוקט אויפן בעליק...

דער עולם האָט אין אים אויך פאַרגעסן, געמאַכט א ראָד ארום ר׳ קלונימוסן, דער מחותן אויך — (ער איז שוין אויפן עולם־אמת!) כאָטש א סוחר — א גרויסער למדן געווען, און עס ווערט א דור־הפלגה!

א געשריי, א געפּילדער!

פון דער צווייטער שטוב רייסן דערוויייל אריין קולות פון נשים, — א געפּילדער, א געשריי!

איך לאָז פון חתן קיין אויג נישט אראָפּ; ער זאָל עס, קיין עין־הרע, הערן א וואָרט!

דערווייל, היים איז געווען, דער עינין איז וואָס אמאָל טיפער גע־וואָרן, בין איך אביסל איינגעדרימלט...

פּלוצלינג וועקט מיך אויף א געשריי: ווו איז דער חתן?

און איך עפן אויף די אויגן. שטייט די מחותנתטע אין טיר פון דער ווייבערישער שטוב, און האלט דעם מחותן ביי א לאַץ, און שרייט: גזלן, פּושע־ישראל, האָסט גאָר פאַרגעסן!

און דער מחותן ציטערט ווי א פיש.

— יידן, בני־רחמנים! לויפט זוכן! — שרייט די מחותנתטע נישט מיט איר קול — ער וועט זיך א מעשה טון...

זי לויפט דורך די מענער פון שטוב ארויס, דער מחותן — נאָך, און מיר אלע — נאָכן מחותן...

און דאָ אין מארק איז אַ פינצטערניש, כאָטש נעם דיר די אויגן ארויס! אַ כמארע, א שווארצע ווי סמאָלע... עס רעגנט נישט, נאָר עס שמייסט אין פנים אריין מיט נאָדלען!

דער עולם רופט, דער עולם זוכט און איך שטיי אזוי אינמיטן מארק און קלער: ווו זוכט מען?

פון איין עק צו דער אנדערער שרייט מען זיך צו: נישטאָ! נישטאָ!

אינמיטן הער איך, ווי די מוטער גיט א געשריי: יידן בני־רחמנים, צו דעם ברונעם, צו דעם ברונעם!

צו דעם ברונעם? שטוין איך, וואָס הייסט: צו דעם ברונעם? מען זאָגט — א טייך, א מענטש וויל זיך באָדן; א מיקווה, טובל־זיין, אָבער א ברונעם?

נאָר, אַז אַ מאַמע שרייט, לויפט דער עולם צו דעם ברונעם. איך וואָלט אויך געלאָפן — זע איך דאָך אָבער נישט ביינאכט, ווו צו לויפן! —

פלוצלינג — אַ בליץ! —

און איך דערזע אים! די מוטער האָט געטראָפן!

שטעלט אייך פאָר: ער שטייט אויפן ראָד, און, אז מען לויפט צו, רופט ער:

— קוקעריקו ! ! !

עס נעמט דורך די ביינער!

נו... משוגע געוואָרן. —

פון דעמאָלט אָן, כאָטש מען האָט שפּעטער דעם ברונעם אויסגע־רייניקט... וואָרום — ווי פּאסט עס פאר די אומות־העולם, עס זאָל בלייבן א זכר פון א אידישן בכור אין שטאָט? — האָט מען מורא פאר דעם ברונעם!

— איך, און נאָך יחידי־סגולה נוצן נישט קיין ברונען־וואסער!

———

וועבער־ליבע

(דערציילונג אין בריוו)

ערשטער בריוו

טייערער, קינפּטיקער שוואָגער!

דו פרעגסט, ווי מיר גייט? מן־הסתם, ווי א רשע אויף יענער וועלט. פאַר שוסטער — שרייבסטו — זענען שלעכטע צייטן געקומען? מיר, וועבער, האָבן שוין לאנג אויפגעהערט אויף גוטע צו האָפן. מענטשן זאָגן, אז עס איז א „הינטישע" צייט. שטעל דיר פאָר, אז אַלטע, גוטע וועבער פאַרדינען פיר־פינף רובל א וואָך, געוויינלעכע און יונגע, ווי איך, מעגן זיך באנוגענען מיט דריי־פיר, און אויף די דריי־פיר רובל מוז מען שווער ארבעטן, מוז מען זיצן ביי דעם שטול פון זיבן אינדערפרי ביז צען ביינאכט, ארבעטן 15 — 16 שעה אין טאָג; און צו דעם מוז מען שוין גליק האָבן, ווייל נאָר גליקלעכע וועבער האָבן באשטענדיקע ארבעט; מאסן גייען ארום מיט פארחלשטע פּנימער און ליידיקע הענט!

אזוי ברודער! אַלטע לייט דערציילן, אז אמאָל פלעגן זיין פיל יחסנים, וואָס האָבן נישט געוואָלט ארבעטן; היינט ווערט די שווערסטע ארבעט געזוכט, געשפּירט, געבעטלט, און קוים אויסגעבעטלט! און אז מען האָט זי שוין, ציטערט מען ערשט, מען זאָל זי, גאָט באהיט, נישט פארלירן: צופריער גאָט און דערנאָך דער ברויט־געבער זאָלן, חלילה, נישט אָפּשטיין; זיי זאָלן שיטן מיט ארבעט, מיט ארבעט ביז צום טויט! ביז צום דערשטיקן! וואָרום טאָמער פארפעלט ארבעט? טאָמער ווערט מען קראַנק און די שיצן פאלן פון די ציטערדיקע הענט ארויס?

און וואָס וועט זיין אויף דער עלטער? אויף דער גרויער, שוואכער עלטער וואָס וועט זיין?

און אז מען זעט ארום זיך אזוי פיל קראנקע, אזוי פיל אויסגעמאַטערטע, אלטע װעבער, איז קיין װוּנדער נישט, אז מען קאָן אָן קרענק און שוואכע עלטער קיין רגע נישט פארגעסן; און װירקלעך — ביי 15—16 שעה ארבעט א טאָג, ביים אריינאָטעמען קליי און פארביקן שטויב פון גארן, ביים איבערקומען מיט א ברויט מיט א הערינג א טאָג און א מאָגערע געקעכטס ביינאכט, מוז א קרענק זיין אָן אָפטער גאסט, קען מען אויך קיין געזונטע עלטער נישט רעכענען! דערצו האָבן נאָך א טייל װייבער און קינדער. פארשטייסט? נישט אליין טרינקט מען זיך — מיט א בינטל אויפן האַלדז!

דו זאָלסט זען, װי א באַװייבטער און א באַקינדלטער װעבער קומט אהיים פון דער ארבעט, װי ער װארפט א קורצן, דערשראָקענעם בליק אויפן אויסגעמוטשעטן װייב, אויף די קינדערלעך, „הויט און ביין", װאָס װאקסן־אויף ערגער װי אין א װאלד; דו זאָלסט זען, װי געשװינד ער שלינגט איין דאָס קארגע מאָגערע געקעכטס, װי האסטיק ער װארפט זיך אין בעט אריין!

שלאָפן װיל ער, איינשלאָפן, װייניקסטנס די אויגן פארמאכן, ער זאָל די צרות, דעם יאָמער נישט צוזען!

נאָר װאָס העלפט עס? פון בייזן לעבן װערן בייזע חלומות... עס חלומט זיך, אז דאָס װייב איז קראנק, און עס איז איר נישטאָ מיט װאָס צו העלפן... אז איין קינד האָט דעם צװייטן א פינגער אָפּגעביסן ביים געשלעג איבער א ביסן ברויט, און אז אינמיטן איז אריין דער װירט פון הויז און טופּעט מיט די פיס: דירה־געלט! אז נישט, װארפט ער דאָס גאנצע געזינדל ארויס אינמיטן װינטער אויפן שניי.

און אז מען כאפּט זיך אויף אינדערפרי, פאלט נאָר אזוי געשװינד נישט איין די אויגן צו עפענען: אזוי גוט און פיין גיסט זיך דאָס לעבן מיט די חלומות צוזאמען.

אז עס קומען זיך אלטע װעבער צוזאמען, רעדט מען פון גוטע צייטן; נאָר נישט פון די, װאָס װעלן אָדער זאָלן קומען: אין דעם גלייבט שוין קיינער נישט! נאָר פון אַמאָליקע גוטע צייטן, װען דער װעבער האָט געארבעט אויף זיך אליין, מיט זיין אייגענעם גארן, אויף זיין אייגענעם שטול און האָט זיך אליין זיין ארבעט פארקויפט... א װעבער פלעגט פארדינען 15—16 רובל א װאָך, ער איז געװען א באַלעבאָס פאר זיך, א מענטש א פרייער מיט א דעה אפילו אין שטאָט־זאכן. מען זאָגט, אז עס איז אמאָל א װעבער א דאָזאָרצע געװען! היינט איז א װעבער א פּראָסטער ארבעטער,

דער גאָרן איז נישט זיין, די אויסגעאַרבעטע סחורה גיט ער אוועק! ער ווייסט נישט וויפל עס קאָסט די גאָרן און וויפל ער באַקומט פאַר זיין אַר־בעט, נישט זיין דאגה, ער נעמט פאַרן „שטערן"; און 7 — 8 קאָפּיקעס אַ „שטערן" — הייסט שוין אַ ראַיעלער פּרייז!

יאָ! איך פאַרגעס גאָר, אַז איך רעד מיט אַ שוסטער, וואָס ווייס נישט, וואָס שטערן איז; שטעל דיר פאָר, אַז דו וווינסט אין אַ גרויסער שטאָט, אַרבעטסט נישט אויף דיינע באַלעבאַטים, דו אַליין קויפסט קיין לעדער נישט, נעמסט קיין מאָס נישט און טראָגסט קיינעם די שטיוול נישט! דו קענסט נאָר איין סוחר, וואָס גיט דיר די סחורה אויסצואַרבעטן, און נעמט ביי דיר צו די אַרבעט, צאָלט דיר פאַר אַזוי פיל פּאָר שטיוול אַזויפיל און אַזויפיל.

אָט דאָס פאַרשטייסטו איז אַ „שטערן", אַרבעטסט אַגולנע פאַרן סוחר. דעם פאַרדינסט נעמט דער סוחר צו און דיר גיט ער וואַסער אויף קאַשע, וואָרום אַנדערע האָבן דאָס אויך נישט, און דערוויל רעדט מען נאָך פון אַ מאַשין, וואָס וועט אַרבעטן שטיוול אָן שוסטערישע הענט... גוט? אַזוי אַ שטייגער לעבט זיך ביי אונדז! 7 — 8 קאָפּ. פּאַר אַ שטערן איז אַ פּרייז משוגע צו ווערן. נאָר וואָס מאַכט מרים־לעב? צי האָט זי נאָך אַזוי ליב צו שטריקן נאַזטיכלעך פאַר פרעמדע נעז? צי אַרבעט זי נאָך זינגענדיק? צי הילכט נאָך די שטוב מיט איר זילבערנעם קול? צי זענען נאָך אירע אויגן אַזוי פריש, אַזוי קינדעריש ריין, אַזוי הימל־בלוי? זיי רויטלען זיך נאָך נישט? און דו וואָס ביסט? צי רעכנסטו נישט, אַז בשעת דער מילחמה צווישן גריכנלאַנד מיטן טערק לוינט זיך אַריינצו־גנבענען קיין פּאַלעסטינע אויף קבר־אָבות? און אפשר האָסטו האַרץ צו גיין קיין אַרגענטינע און מילחמה האַלטן מיטן היישעריק? וואָרום דאָ, ברודער ,איז ביטער ווי גאַל!

און אפשר האַלטסטו זיך נאָך אינעם אַלטן, גוטן, פרומען „אַלשיך" און זעסט טויזנט און איין נאַכט אויפן יידישן אופן? שרייב! איך רעכן, אַז מרים־לעב מעג צושרייבן... הער, אַז מרים־לעב חלומט זיך מיר אַמאָל מיט רויטע אויגן, גיי איך אין פאַבריק אַריין מיט געבאַלטע פויסטן... נאָר דאָס פאַרשטייסטו נישט.

דיין געטרייער קינפּטיקער שוואָגער...

צווייטער בריוו

אז דו האָסט מיך עטלעכע מאָל אין איין בריוו געפרעגט, ווי עס גייט מיר, האָב איך דיין מיין געלעזן צווישן די שורות, צווישן די ווערטער, און האָב פארשטאַנען, אז מיין געטרייער, קינפּטיקער שוואָגער פרעגט: הכלל, ווען שטעלט מען א חופה? און אז איך האָב דיר געשיקט א בינטל ווייבערישע צרות, האָסטו דיך אפילו אָנגעהויבן צו שטויסן, אז דאָס הייסט: דערוווייל נישט!

אָן אייזערנעם מוח האָסטו, קינפּטיקער שוואָגער מיינער; אין דיין אייזערנעם קוגל־טאָפּ מוז מען ארייַנשלאָגן מיט א האמער, אנישט, פאר־שטייסטו נישט!

נאָר, אז דו האָסט שוין ארויסגעלייגט אלץ, ווי א הערינג אויפן טעלער, מוז איך דיר שוין געבן א קלאָרע, אויסגעטייטשטע תשובה.

איך קען נישט, איך טאָר נישט חתונה האָבן!

דו פרעגסט, צי האָב איך נישט אינדערפרעמד פארגעסן, וואָס איך האָב אינדערהיים געזאָגט, צי האָט מען מיך נישט פארטוישט אויף אַן אנדערן, על־כל־פנים דאָס הארץ פארביטן? אָדער צי איז עס נישט ווי מען זאָגט: אויס די אויגן — אויסן הארץ?... איך האָף, ניין, איך גלייב, אז מרים־לעב האָט דעם בריוו נישט געזען, זי וואָלט אזוינע שאלות נישט געפרעגט. זי ווייס, אז אונדזערע הערצער זענען צוזאמענגעבונדן אויף אייביק, אויף לעבן און טויט!

אַי, ברודער, ברודער! חתונה האָבן וויל איך, ווי א מענטש וויל גליקלעך זיין. ווי א מענטש וויל באפרייט ווערן פון בענקשאפט, פון הארצווייטיק, קאָפּברעכעניש. איך וויל, נאָר מאַלע, וואָס א וועבער וויל?

אונדזערע ברויט־געבערס א זון מיט א טאָכטער האָבן געוואָלט, האָבן זיי חתונה געהאט, און עס איז א פרייַלעכע חתונה געווען; מען האָט אפילו אונדז, וועבער, נישט פארגעסן; מען האָט אונדז בראָנפן גע־שטעלט, און אז איך האָב געזאָגט, אז איך טרינק נישט, האָט אויף מיר דער מייסטער געקוקט פון א זייט, און האָט זיך אוודאי א קניפּל אין נאָז־טיכל געמאכט!...

און דער וועג פון דער היים אין שיל אריין איז געווען אויסגעלייגט מיט דיוואַנען, א קאַפּעליע האָט געשפּילט, האָט מען אין הימל געהערט, די לבנה מיט די שטערן האָבן געטאַנצט! די העכסטע פאבריקן זענען שטום געוואָרן, פארהילכט, פארשעמט! פון טאַנץ־זאַלן האָט זיך ליכט געגאָסן,

די גאנצע גאס האָט זיך אין ליכט געבאָדן! ליכט האָט זיך געגאָסן, ווי ווײַן, און ווײַן, ווי וואסער; נעכטן איז געווען די האָכצייט, הײַנט איז דאָס יונגע פּאָרפאָלק געפאָרן מאכן א לוסט־רײַזע...

זיי האָבן געוואָלט, האָבן זיי חתונה געהאט, מײַנסט אפשר, זיי האָבן זיך נייטיק געברויכט? עס האָט איינס אָן צווייטן לעבן נישט גע־קענט? גאָט באהיט! ער האָט עטלעכע באקאנטע מיידלעך אין זײַן פאַ־בריק, און א טאָג פאר דער חתונה האָט ער זיי א מאָלצײַט געמאכט, און האָט יעדערער א מתנה געלאָזט, זי זאָל אָן אים נישט פארגעסן, ביז ער וועט צוריקומען... און עס איז א לוסטיקע מאָלצײַט געווען, לוסטיקער, ווי די האָכצײַט אליין, מען האָט נאָך בעסערן ווײַן געטרונקען!

צווישן די מיידלעך איז אויך א ווײַבל געווען, א וועבערס א ווײַב... איך קען אים — א שיכור איז ער! נאָר גיי ווייס, צי שיכורט ער, ווײַל זי פירט זיך אזוי, צי פירט זי זיך אזוי, ווײַל ער שיכורט, צי פירן זיי זיך ביידע אזוי, ווײַל דאָ איז דער „אלשיך" אויס דער מאָדע ארויס און שבת גייט דער עולם שפּאַצירן... נאָר לוסטיק איז געווען!

די כלה ווײַטער איז אויך קיין צנועה נישט! אמאָל פלעגט זײַן א מיידל, ווי א שפּיגל, און ברודיק ווערן פון א הויך, הײַנט זענען די מאַמ־זעלן, ווי די זײַפן, ווער ווייס, וואָס עס איז שוין אדורכגערונען!... איך ווייס נאָר, אז א חודש פלעגט זי זיך קושן מיטן בוכהאַלטער און א חודש מיטן פּראָקורענט; שפּאַצירן פלעגט זי גיין און פאָרן מיט ביידע צוזאמען...

און דאָך האָבן זיי געהייראט, און אצינד מאכן זיי א לוסט־רײַזע; און איך מיט מרים־לעב קענען צוזאמען קיין לעבן נישט פירן, כאָטש מיר דארפן איינס דאָס צווייטע ווי ברויט, ווי וואסער, ווי לופט... כאָטש אונ־דזערע געדאנקען זענען דורכגעפלאָכטן, כאָטש זי איז מיר אינעם פלייש און אין די אָדערן ארײַנגעוואקסן, מוז זי דאָך זיצן בײַ דיר און בלענדן זיך די אויגן איבער שטיקערײַ, און איך, איך מוז דאָ זיצן איינער אליין און וועבן, און וועבן, בשעת אין מוח ברענט, און די גאַל גיסט זיך אויס אין אלע גלידער! און צוזאמענקומען קענען מיר זיך נישט!

דו וואָלסט זען, ווי א באווײַבטער, באקינדלטער וועבער זעט אויס. איך רעד שוין נישט פון דער היים, נאָר אין פאבריק ווי ער זעט אויס, ווי ער בייגט זיך און נייגט זיך פארן ברויט־געבער מיט זײַנע „מענטשן", ווי ער קריכט זיי אונטער די פיס, ווי ער ציטערט פאר זייער הויך, ווי ער בעטלט קוים אויס א גינסטיקן בליק... בררר! א קעלט גייט מיר דורך די ביינער, אז איך זע עס! ניין! אויף דעם וועל איך קיינמאָל נישט באשטיין!

זאל מיך איינשלינגען אייביקע פינצטערניש אן א שטראל פון גליק, אן טרייסט, אן האפענונג; הונגער וועל איך לײדן, ווי א נאקעטער ווארעם אויף אנאסער ערד, אונטער א וויינענדיקן הימל זאל איך ליגן, און דאס נישט! — און וועט נישט בעסער זיין, איז פארפאלן! זאל מיך מרים־לעב פארגעסן, אויב זי קען, פארלייקענען, אויב זי וויל, אנישט זאל זי לײדן גלייך מיט מיר, כאטש יעדער באזונדער! אויף דער ערד מוז אמאל גליק וואקסן, די ערד דארף אפשר אונדזערע טרערן, אונדזער בלוט דערצו, מיר וועלן עס געבן — זאל אמאל און פאר אנדערע וואקסן!

איך ענדיק נישט דעם בריוו. פלוצלינג איז ליכטיק געווארן אין מיין האלב־פינצטערן ווינקל. איך קוק מיך אום — דאס פענצטער פלאמט — עס ברענט ערגעץ — אפשר אין פאבריק?

ד י י ן...

דריטער בריוו

דו פרעגסט, פארוואס עס איז אזוי שלעכט? פארוואס עס ווערט אלע מאל ערגער? עס איז אן איינפאכע זאך: לייג צו דיינע לאנגע אויערן: ווער שטעלט דעם פרייז פון דעם וועבערס ארבעט? דער וועבער מיט זיין ברויט־געבער! דער וועבער וויל ווי ס'איז מענטשלעך לעבן, און דעריבער ווי מעגלעך טייערער פארקויפן זיין ארבעט; זיין ברויט־געבער, ווידער, וויל וואס מער פארדינען און דעריבער וואס ווייניקער צו צאלן פאר דער ארבעט. איז דא א סך ארבעט און ווייניק וועבער, מוז דער פאבריקאנט צאלן וויפל דער וועבער וויל; איז דא א סך וועבער און ווייניק ארבעט, איז פארקערט, מוז דער וועבער נעמען וויפל דער ברויטגעבער גיט אים; און וועבער ווערט טאג־טעגלעך מער, די צאל וואקסט ווי אויף הייוון... די חכמה וויסן שוין דא קינדער אין דער וויג, נאר דו ביסט דאך א שוסטער, און אן אלשיך־שוסטער, קען זיין דו ווייסט עס נישט.

די קאנקורענץ צווישן די וועבער וואקסט פון טאג צו טאג. עס קאנקורירן איינער מיטן צווייטן, יונגע, וואס קענען מער און לענגער ארבעטן, שפארן ארויס די אלטע, וואס האבן שוין צו דער קאטארגע קיין קרעפטן נישט; קאוואליערן, וואס קענען זיך באגנוגן מיט א קליינעם פארדינסט, יאגן אוועק די באווייבטע און באקינדלטע, וואס דארפן מער; דערנאך קומען לער־יינגלעך און פארטרייבן די וועבער! און דער לוין ווערט גע־

וואָרפן און פאַלט פון טאָג אויף טאָג... היינט הערט זיך נאָך, אַז נייע יונגע בעלי־צדקות וועלן עפענען וועבער־שולן, וואָס וועלן אַרויסוואַרפן יאָר־יערלעך נייע וועבער!

עס איז ווייניק, וואָס עס איז שלעכט, דאָס שלעכטע מוז נאָך זיין אַזוי איינפאַך, אַזוי ריכטיק, אַזוי גלאַט, פעסט און קיילעכדיק, ווי אַ רינג אַרום האַלדז!...

און עס וועט קומען אַ צייט, ווען זיבן וועבער וועלן אָנכאַפּן איין ברויט־געבער און בעטן זיך: גיב אַרבעט, גיב, האַלב אומזיסט, זאָל זיין אומזיסט, נאָר פאַרנומען זאָלן מיר זיין און פאַרגעסן, אַז אונדזערע ווײַבער בעטן און די קינדער העלפן צו...

דו גלייבסט נישט? דו מיינסט, אַז אַלץ האָט אַ גרענעץ און קען ווייטער נישט גיין? איך גלייב, אַרבעט איז אויך אַ מין שיכרות, זי פאַרהילכט, פאַרטויבט! זי פאַרשלאָגט דעם קאָפּ מיט די געהירן און מען פאַרגעסט אָן זיך, אָן דער וועלט! עס איז אויך אַ מין בראָנפן!

דערפאַר איז אָבער היינט אַ פרייע וועלט! קיינער טאָר מיך נישט נייטן, איך זאָל אַרבעטן; איך בין קיינעמס פּאָדאַנע נישט! איך אַרבעט ווען איך וויל, וואָס איך וויל, — אַ פרייער פויגל בין איך; נאָר ווער עס וויל שיסט מיך, פליקט מיך אָפּ און לייגט מיך אין טאָפּ אַריין. איך וואָלט געוועזן אַ פרייער מענטש, איך זאָל קיין מאָגן נישט האָבן, ער זאָל נישט מאָנען: עסן און עסן! איך זאָל נישט דאַרפן טרינקען, וווינען, איך זאָל אַרבעטן אויף איבעריקע אָנגענעמע זאַכן! אָ, דעמאָלט וואָלט איך אַנדערש געשאַצט מיין אַרבעט! אָבער היינט?

איך וויל נעמען אַ סך, דער ברויט־געבער וויל געבן ווייניק; מיר ביידע זענען פריי, און דאָך, קען ער זיך אָן מיר באַגיין און איך אָן אים נישט.

היינט הער איך אויף צו אַרבעטן, מאָרגן וואַרפט מען מיך אויף צוויי שפּענער פון דירה אַרויס; איבערמאָרגן קריג איך מאָגן־קראַמפּן פאַר הונגער; נאָך אַ טאָג און איך שטיי שוין פון דער ווייטן און קוק מיט ברענענדיקע אויגן אויף דער זיצערנס ברויט, איך קען מיך באַיין־אופן נישט אָפּרייסן פון אָרט; דאָס ברויט איז אַ מאַגנעט; מיט נעגל בין איך צוגעשלאָגן צום אָרט...

איך האָב עס נאָך אַליין נישט געפּרוּווט, נאָר אַזוי קוקן אויף ברויט, אַזוינע אויגן האָב איך שוין געוועזן! אַזוינע אויגן האָבן נאָר וועלף אין די וועלדער!

נו, דערפון וועל איך דיר אן אנדערש מאָל דערציילן. עס איז שפּעט, — און מיר ברעכט דער קאָפּ, ווי א שארבן.

ד י י ן...

פּערטער בריוו

א שיינעם דאַנק פאר דיין טרייסט; בעסער געזאָגט: פאר דיין גוטן ווילן מיך צו טרייסטן, וואָרום וואָס ביסטו שולדיק, אז אַפילו אין קאָפּ פון אָרעמסטן שוסטער שלאָגט זיך אָפּ די וועלט א סך בעסער ווי זי איז?

אז איך וועל איבערזעצן דיין שוסטער־געדאנק אויף מיין וועבער־שפּראַך, וועט עס הייסן, אז גוטע און שלעכטע צייטן בייטן זיך, ווי זו־מער און ווינטער; אז אויב היינט איז דאָ ווייניק ארבעט און א סך לייר־דיקע הענט, וועט אמאָל דער זאַפּאַס אויספּערקויפט ווערן און עס וועט זיין פּאַרקערט: ארבעט אין די מאסן און ווייניק וועבער; און דעמאָלט וועט זיין א גן־עדן אויף דער וועלט! מען וועט אונדז זוכן מיט ליכט אין די גאסן, און אז מען זועט אונדז וועבער געפינען, וועט מען זאָגן: שנייד אונדז אָפּ די קעשענע, נאָר ארבעטן קום! בעט דיר אויס דאָס טעלערל פון הימל, נאָר נעם די שיצן אין דער האנט אריין! מען וועט צאָלן פּאָרן „שטערן״ מי־יודע וויפל, און וועבער וועלן אומגיין אין גאָלד...

און דעמאָלט וועל איך דיר נאָר א פּיפּס געבן, וועסטו קומען מיט מרים־לעב צולויפן, פּאָרנדיק אָדער רייטנדיק, און מען וועט שטעלן א חופּה צו מזל, צו ברכה, צו גליק...

אוי, אַלטער, אַלטער נאַר! א שיינעם זייפנבלאָז האָסטו עס אויפ־געבלאָזן! הער א מעשה, וואָס מען דערציילט: עס האָט זיך אמאָל א מכשף אויף א שטעטל פארליבט און געוואָלט עס יאָגן און פּלאָגן, עס איז אָבער א פרום שטעטל געווען, פול מיט הייליקייט, און ער האָט דערויף קיין גרויס שליטה נישט געהאט; האָט ער זיך מיישב געווען און האָט זיך פאַר א פּאַקנטרעגער פארשטעלט, און אָנגעהויבן אלע הייליקייטן אויסצוקויפן און ער איז א רייכער סוחר געווען; מיט גאָלד געצאָלט האָט ער! עס איז געקומען צו א רענדל פאר א בינטל ציצית, א רענדל פאר א תהילימל, פאַר א שמירהלע, נאָר ברענגט! די סחורה מכלומרשט שיקט ער קיין אמעריקע, עס האָט זיך א נייער פּלאַץ געעפנט אויף יידישקייט...

און דער עולם האָט געגלייבט און אָנגעהויבן טראָגן פון די שטי־בער ארויס; פריער האָבן זיך געלאקעמעט געמיינע לייט, לאסט־ און וואַ־

סער־טרעגער, דערנאָך בעלי־מלאכות, דערנאָך באַלעבאַטים, עס איז גע־קומען די צייט אויף שמשים, חזנים, דיינים און שוחטים... קיין איינצי־קער האָט נישט אויסגעהאַלטן... דער רב אפילו נישט, ער האָט אויך אויס־געליידיקט די שטוב; פאַר געלט וועט מען אַנדערע סחורה באַקומען...

און אַז מען האָט אַלץ אויספאַרקויפט, האָט דער מכשף שליטה באַ־קומען און אָנגעהויבן פּלאָגן דאָס שטעטל מיט שלאַפקייטן און אַלערליי קרענק...

און עס איז זיך נישטאָ מיט וואָס צו ראַטעווען, קיין מזוזה ביי דער טיר, קיין שמירהלע אין פענצטער; קיין יידיש וואָרט אין שטוב!

עס איז נישט געווען פון וואָס קיין עין־הרע אָפּצושפּרעכן, פון וואָס אַ פּרק משניות צו לערנען, אַ יהי־רצון צו זאָגן... און אַז מען האָט געוואָלט נאָך אַנדערע ספרים שיקן און מען האָט געעפנט די קאַסטנס מיט גאָלד, זענען אויפן אָרט פון רענדלעך, נישט פאַר אונדז געדאַכט, שאַרבנס גע־לעגן...

און אַזוי איז מיט אונדז אויך אַמאָל געשען!

געשען איז עס פאַר אַ פּאָר יאָר, נאָך איידער איך בין אַהערגעקומען, פּלוצלינג איז אַ גליקלעכע, אַ בריליאַנטענע צייט אויף וועבער געקומען, עס האָט סחורה פאַרפעלט!

מען האָט אַרבעט געברויכט, אַרבעט, וואָס מער אַרבעט; וואָס מער וועבער, וואָס מער הענט! דער פאַבריקאַנט, דער כישוף־מאַכער, האָט גאָלד געצאָלט, די אַרבעט איז אין גאָלד געגאַנגען... און עס האָט אַ גייען־דיק יאָר געדויערט! נאָר אַז דאָס יאָר איז אַריבער, איז געבליבן קרענק מיט שאַרבנס!

אונדזערע לייט האָבן קיין שכל נישט געהאַט מיט דער גוטער צייט זיך צו באַנוצן און הייבן דעם פּרייז; אַלע צוזאַמען וואָלטן עס אפשר גע־טון, נאָר צעוואָרפענערהייט האָט יעדער באַזונדער געוואָלט נאָר אויס־רייסן וואָס מער אַרבעט פאַר זיך, וואָס מער איינצושלינגען פאַרדינסט! און דער וועבער האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער אַרבעט ווי צו אַ הייסן פּלאָדן; און עס איז געוואָרן אַ געכאַפּעריי, אַ געשלעגעריי איבער דער אַרבעט; מען האָט אַרבעט גענומען מיט געוואַלט, מיט געוויין, מיט געשריי און מיט קללות! דער פאַבריקאַנט האָט זיך מיט פרייד די הענט געריבן, מיט די פעטע אויגן געבליפּעט, קוקנדיק, ווי דער עולם האָט געאַרבעט, צום טויט געאַרבעט, נישט 15 — 16, נאָר 20 און 22 שעה אַ טאָג האָט מען געוועבט! קראַנקע זענען פון די בעטן אַרויס, די שוואַכסטע האָבן גבורות

באוויזן! מען האָט געאַרבעט און געלט גענומען, מען האָט אַלע קרעפטן, מען האָט די לעצטע כוחות פאַרקויפט! פאַר געלט וועט מען נייע כוחות באַקומען! און אומגעגעסן, אומגעשלאָפן, האָט מען געשווינד געמאַכט סחורות און אויסגעאַרבעט!

און אַז מען האָט שוין אויסגעאַרבעט דעם זאַפּאַס, האָט מען זיך שוין אויסגעאַרבעט די כוחות, דאָס געזונט מיטן לעבן...

און אַז מען איז קראַנק געוואָרן, איז אויך דאָס געלט פאַרשוואונדן געוואָרן, און קיין נייע אַרבעט איז שוין נישט געווען און מען האָט שוין נישט געהאַט מיט וואָס זיך צו ראַטעווען פון דער נויט...

אַזוי איז געשען. און זאָל מאָרגן נאָכאַמאָל קומען די צייט, וועט דאָס זעלבע געשען! כל־זמן די וועבער קאָנקורירן איינער מיטן צווייטן, קען אַנדערש נישט זיין; מוז יעדער כאַפּן וואָס מער אַרבעט, מוז יעדער וואָס מער שטונדן זיצן ביי דעם שטול, און וואָס מער מיר כאַפּן, און וואָס לענגער מיר אַרבעטן, וויניקער ווערט אַרבעט, וויניקער ברויכט מען וועבער, גרעסער ווערט די קאָנקורענץ, פאַלט אַלץ נידעריקער דער פּרייז! ווייטער אַ פּוסטע זאַך — אַ רינג אַרום האַלדז!

דערצו קומען נאָך די לוינקעטניקעס: נאָר וועגן דעם אין מיינע ווייטערדיקע בריוו.

ד י י ן...

פינפטער בריוו

דו ווייסט נישט, וואָס דער „לוינקעטניק" איז? איך וועל עס דיר קורץ און שאַרף פאַרטייטשן; איך האָב פאַרגעסן, אַז איך רעד מיט אַ שוסטער, נישט מיט אַ וועבער.

דער לוינקעטניק, ברודער, איז נישט קיין פאַבריקאַנט, נישט קיין וועבער; נישט ער אַרבעט אַליין, נישט ער האָט קיין אייגענע צו פאַרגעבן; ער איז נאָר אַ מיטלמענטש — ער נעמט נאָר אָן אַרבעט ביים פאַבריקאַנט און גיט עס אָוועק אַרבעטער; דאָס הייסט: ער שטייט אין דער מיט צווישן פאַבריקאַנט און וועבער, און ווי עס פליט אַ קאַרגער ביסן פון פאַבריקאַנטס האַנט צום וועבערס מויל — כאַפּט ער עס אין דער לופט, בייסט אָפּ אַ האַלבן חלק... טיילמאָל שלינגט ער אים איין אינגאַנצן, און ווערט נישט דערשטיקט...

און דער לוינקעטניק נעמט אָן אַרבעט נישט פאַר פּאַרטיקע ווע־

בער, נאָר פאר לערן־יונגען, וואָס ארבעטן אונטער זיין אויפזען... זיי לערנען זיך ביי אים און ארבעטן אומזיסט; טיילמאָל צאָלן זיי נאָך צו; ערשט נאָך א געוויסער, געגנוג לאנגער צייט הייבט ער אָן צאָלן, נאָר בים־לעכווייז און ביליק, דער לוינקעטניק האָט דעריבער צוויי גוטע מעלות: ערשטנס שיקט ער יאָר־יערלעך ארוים א נייע פּארטיע וועבער־קבצנים, וואָס ווארפן דעם פּרייז, אבי ארבעט צו באקומען; און צווייטנס — ווארפט ער אליין דעם פּרייז, ווייל ער ארבעט מיט פּרעמדע, אומזיסטע אָדער ווײַ־ניקסטנס מיט ביליקע הענט און קען באשטיין גאנץ ביליק צו ארבעטן. נאטירלעך, מוז דער וועבער נאָכגיין, און דער פּרייז פאלט וואָס אמאָל נידעריקער.

אפשר שלעכטע מעלות? קומט זיי נישט דערפאר ד י וועלט און י ע נ ע וועלט?

וועגן יענער וועלט, וויים איך, נאטירלעך, ווייניק וואָס צו זאָגן. איך האָב שוין לאנג פון דאָרט דורך גוטע און פרומע לייט קיין ידיעה נישט געהאט; נאָר ד י וועלט האָבן זיי. נאטירלעך, לעבט דער פּאבריקאנט שענער און בעסער, נאָר דעם לוינקעטניקס ווייב טראָגט אויך פּערל אויפן האלדז און בענטשט שבת־ליכט אין א פּאָר גרויסע זילבערנע לייכטער.

נאָר מרים־לעב וועט ווייטער זאָגן, אז איך בין אלע מאָל געווען א גוטער און היינט בין איך א שלעכטער געוואָרן; אז אמאָל פלעג איך נישט קוקן יענעם אין טאָפּ אריין, און היינט שטעכט מיך דער האָבער, און האָב אויף אלץ גרויסע אויגן...

מרים־לעב, עס איז אזוי, און עס איז נישט אזוי.

אמת, אז איך בין אמאָל בעסער געווען... עס איז געווען דעמאָלט, ווען מיין פּאָטער, עליו־השלום, האָט געלעבט און איך בין אין דער היים געווען... אמת, איך האָב קיין מוטער נישט געהאט, און דער פּאָטער האָט א גאנצן טאָג מיט שיצן געוואָרפן... נאָר צו עסן און טרינקען האָב איך געהאט און אויך ווו דעם קאָפּ אנידערצולייגן... אויב איך האָב קינדווייז צופיל צייט געהאט, און צו ווייניק חברים, און האָב גענוג צייט געהאט זיצנדיק אליין, זיך ארומצוקוקן און אלץ באטראכטן, האָט עס מיר דאָך ווייניק געשאדט... דער געדאנק האָט זיך פריער אויפגעוועקט, נאָר גאָר אינגאנצן אויספלאָנטערן פון קרענצל איז נישט פאר מיינע כוחות! איך האָב א סך געקלערט און ווייניק וואָס פארשטאנען... שפּעטער האָב איך מיך, שפּילנדיק, ביים טאטן וועבעריי געלערנט און די מלאכה איז מיר

געפעלן... זי האָט מיר אויסגעוויזן ווי א קונץ, א פיין מייסטערשטיק; אַנ־דערש איז מיר נישט איינגעפאלן.

א טאַטן האָב איך געהאַט, ווי איר ווייסט, א בלאָסן, א דאַרן, מיט טריבע אַרומגעלאָמעוועטע אויגן און שאַרפביינִיקע באַקן. נו, וואָס איז? גאָט, ברוך־הוא, האָט די וועלט באַשאַפן און אויף איר פאַרשידענע מענטשן געמאַכט, טייל פעטע, טייל מאָגערע, טייל לאַנגע, טייל קורצע, און יעדן אַן אַנדער פּנים און אַנדערע אויגן געגעבן... אַבי איך האָב ליב דעם טאַטן און דער טאַטע האָט מיך ליב! איך האָב צו גאָט קיין טענה נישט געהאַט. וואָרום צייט איך האָב דעם טאַטן געדענקט, האָט ער אַזוי אויס־געזען, און עס איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז ער איז אַמאָל אַ געזונ־טער, פרישער יונגערמאַן געווען, מיט ליכטיקע ברענענדיקע, אויגן, וואָס זענען מיין מאַמען מיידלוויז אַזוי געפעלן. געוווּסט האָב איך, אַז איך האָב אַ מוטער געהאַט און עס האָט מיר ווי געחלומט, אַז אין שטוב פלעגט זיך אַמאָל אַרומדרייען אַן אַלבאַסטער־ווייס ווייבל, מיט שוואַרצע ברעמען און בלויע טיפע, נאָר ברענענדיקע אויגן. נאָר געזאָגט האָט מען מיר, אַז גאָט, ברוך־הוא, האָט זי צו זיך גענומען, זי איז אים מן־הסתם געפעלן געוואָרן... ווער האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז אָוועקגעגאַנגען פון דער־וועלט, ווייל זי האָט געברויכט ווייַן און פלייש צום געזונט און דיביידע זאַכן זענען נישט פאַר אָרעמע לייט? מען האָט עס מיר פאַרשוויגן, פּונקט ווי מען האָט פאַר מיר געהאַלטן בסוד, אַז די וועבעריי זייגט אויס דעם מאַרך פון די ביינער און האָט מיר דעם פאָטער בלאַס, דאַר און בלינד געמאַכט.

מיין פאָטער האָט נאָך אויף אַסטמאַ געליטן... צי האָב איך גע־וווּסט, אַז דאָס קומט פון שטויב פון גאַרן? דער אייגענער גאָט, וואָס האָט מיר אַ דאַרן פאָטער געגעבן, האָט אים טריבע אויגן געמאַכט און נאָך אַסטמאַ געשיקט. — פאַרוואָס? אַ פראַגע עס איז! איך האָב אַ מלמד געהאַט, תורה געלערנט און געוווּסט, אַז אַפילו מלאָכים זינדיקן, ביפרט אַ בשר־ודם, ביפרט אַ וועבער... און גאָט שטראָפט, מען זאָל אָפּקומען אויף דער וועלט!

אַז איך פלעג מיך אויפכאַפּן ביינאַכט און זען, ווי דער פאָטער דרעמלט כמעט זיצנדיק אויפן קישן און האָט אַ שרעקלעך־שווערן אָטעם, פלעג איך מיך באַגיסן מיט פרומע קינדיש־הייסע טרערן, און בעטן גאָט, אַז אויב מיין פאָטער האָט קעגן אים געזינדיקט, זאָל ער בעסער מיך שטראָפן! און אַז איך האָב נישט געפועלט, האָט עס מיך ווייניק געוווּנ־

דערט, וואָרום וואָס פאַר א זכות האָט אזא וועבער־קינד געקאָנט האָבן ביי אזא גרויסן שלעקלעכן גאָט, ער זאָל הערן מיין געבעט?

נאָר אָפט פלעג איך מיך אויפכאַפּן, און דער פאָטער איז נאָך גע־זעסן ביי דעם שטול... טיילמאָל האָט שוין דער מאָרגן געגרויט און מיט דינע שטראַלן זיך אריינגעגנבעט דורכן לאָך פון לאָדן. „טאַטע", פלעג איך זיך בעטן, „לייג שוין אוועק די ארבעט, קום שוין שלאָפן", — קוים וואָס ער דערהערט און ענטפערט מיר: „באַלד, באַלד, קינד מיינס!" און רירט זיך נישט פון אָרט. „איך וועל נאָך ענדיקן — זאָגט ער — דעם שטערן". און איך בין איינגעשלאָפן מיט דעם געדאנק, אז דער טאַטע איז אמאָל אן איינגעשפּאַרטער און וויל דווקא ארבעטן, כאָטש עס טוען אים די אויגן וויי! ווינטער־צייט פלעגט מיר טיילמאָל קאַלט זיין אליין אין בעט און עס פלעגט מיר ביטער ווערן אויפן הארצן, טראַכטנדיק, אז דער פאָ־טער האָט ליבער זיין שטערן ווי מיך, כאָטש דער שטערן וואָלט איבער־נאַכט נישט געפרוירן געוואָרן, און איך ציטער פון קעלט!

אַלץ האָט מיר מיין מלמד געזאָגט און פאַרטייטשט, נאָר נישט דאָס, אז מיין טאַטע האָט זיין שטערן פיינט שינאת־מוות, אז נישט ער וויל דעם שטערן ענדיקן, נאָר איך זאָל מאָרגן צו פרישטיק א בייגל האָבן; אז נישט ער וויל דווקא ארבעטן ביינאַכט, כאָטש ער האָט שוואַכע אויגן, נאָר ווייל ער מוז ארבעטן ביינאַכט! פונקט אזוי ווי עס האָט מיר קיינמאָל קיינער נישט געזאָגט, אז פון גאַרן־שטויב קריגט מען אסטמאַ...

היינט ווייס איך עס, און דעריבער קאָן איך אזוי גוט נישט זיין! היינט ווייס איך, אז די שלעכטע אומבאַרעמהערציקע וועלט האָט צו מיין פאָטער געזאָגט: דו ארבעט א סך, א סך, צאָלן וועט מען דיר ווייניק, און פרנסה בעט ביי גאָט! דו ארבעט א סך, מאַך א מאַסע שטערן אי ביינאַכט, אי בייטאָג, און ביי גאָט בעט א רפואה אויף די אויגן! אכצן שעה אין טאָג זיץ אין שטוב איבער דעם שטול געבויגן, שלינג־איין פאַרביקן, פאַר־סמטן שטויב, און ווערסט אסטמאַ באַקומען, האָסטו א ריינע פּרעטענזיע צו גאָט! וואָס שאַדט עס דיר, אז מיר וועלן דערוויל דיין ארבעט טראָגן און פון א טייל פון איר רייך ווערן? און אָציינד רעדט זי אזוי צו מיר!

דער פאָטער מיינער האָט געגלייבט און שטיל און פרום געליטן; און אפשר האָט ער שטילערהייט געוווּסט און נאָך טויזנט מאָל געליטן מער פאַר מיר? ווער ווייס? מיט קינדער רעדט מען נישט פון אזעלכע זאכן!

צי האָט מיין מלמד געוווּסט, וועמען ער האָט געדינט? צי איז אים נאָר איינגעפאַלן, אז ער בינדט מיין נשמה מיט פרומען, נאָר פעסטן שפּינ־

וועבס אוןווארפט זי ארויס פאר די הינט? פון וואנען האָט ער געוואָלט וויסן? ער אליין איז אויך א וועבער געווען, ער אליין האָט אויך באַלע־באַטים געדינט? מיין פאָטער איז געשטאָרבן אויף אַסטמאַ, און ער אויף א לונגען־פעלער!

נו, איז אַ וואונדער, אַז געגאַרט פון אַלע זייטן, האָב איך געלעבט אַ גוטן טאָג און בין א גוטער געווען?

ווער שמועסט שפּעטער, אַז איך האָב א געוויס פריילעך מיידל דער־קענט און פלעג מיט איר יעדן אָוונט זיך טרעפן אין הויז הינטערן טויער? עס האָט זיך אָנגעהויבן א ניי וואונדערלעך לעבן, זיסע לבנה־נעכט און נאָך זיסערע חלומות... גאָט מיין איינציקער! ווי גליקלעך איך בין געווען! און ווי גליקלעך האָב איך מיך געפילט ביים ראש־חודש בענטשן, ווען דער חזן האָט געזונגען „עם כל ישראל אחיהם” — אַלע יידן זענען ברידער! אַ קאַטאָוועס, אַ מענטש האָט אַ זיבן־אַכט מיליאָן ברידער און שוועסטער, און מרימל איז איינע פון זיי! איך האָב מיך געפילט אזוי גרויס, אזוי שטארק, אזוי שטאָלץ! ערשט שפּעטער בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז דאָס מזל קען מיך אויסרייסן פון דער היים און מיך פאַרוואַרפן ווי א פוילן עפּל, ערגעץ אריין אין דער פרעמד, ווו דאָס הארץ וועט פאַרגיין פאר בענקשאַפט, און זי וועט בלייבן דאָרט און שטריקן און וויינען באַזונדער; ערשט שפּעטער בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז מאָריץ פיינבאַך, מיין ברויט־געבער איז מיר גאָר קיין ברודער נישט, אַז ער האָט מער רחמנות אויף זיין פערד, ווי אויף מיר! נאָר דעמאָלט, האָב איך נאָך דאָס אויך נישט געוווּסט, און בין אזוי פריי מיט א שמייכל אויפן יונגן פּנים, מיט פאַר־חלומטע אויגן און אויסגעשפּרייטע הענט, אַנטקעגן געגאַנגען דער וועלט”...

היינט ווייס איך עס, היינט ווייס איך צופיל... נאָר צי בין איך עמעצן מקנא? צי וויל איך דען דעם לווינקעטניקס זילבערנע לייכטער? אָדער מיין ברויט־געבערס בייטל מיט געלט? ניין! כ'וויל עס נישט, מיר חלומט זיך אַ ריינע אויפגעראָמטע שטוב; צוויי בעטן הילצערנע, זאָל זיין צו איינציקע קישן, נאָר ווייסע, שניי־ווייסע ציכן! א ברויט אין ווייסן הילצערנעם אַלמער; א האלב פונט פלייש צו מיטיק אויף א' פּערזאָן, און וועט גאָט א קינד געבן, זאָל דערפאר אין דער מוטערס ברוסט זיין מילך, פרישע מילך, נישט גאַל, נישט סם! אָנטון וויל איך מיך אָרעם, נאָר ריין, זאָל זיין געלאטעט, נאָר נישט צעריסן! און וואָס נאָך וויל איך? אז מיין ווייב און מיין קינדס מוטער זאָל זיין די, וואָס איך ווייס, צו וועלכער עס ציט מיך מיטן גאַנצן לעבן, מיט דער גאַנצער נשמה! אָט אזוי ווייניק

ווייל איך, נאָר דאָס ווייניקע קאָן אויך נישט געשען, ווייל איך מוז אנדערע שפּייזן און אליין הונגעריק זיין! איך בין קיינעם נישט מקנא, דאָך פאַר־דריסט מיך, פאַרוואָס איך בין נאָר א רינע, וואָס לאָזט דורך דאָס וואַסער, און אליין טרינקט זי נישט.

ד י י ן . . .

זעקסטער בריוו

דו שרייבסט, אז איך זינדיק, אז איך פאַרלאַנג צופיל, כאָטש עס האָט מיר קיינער דערויף קיין קאָנטראַקט נישט געגעבן, מרים לעב זאָגט, אז מען קען לעבן מיט גאָרנישט, אָדער כּמעט מיט גאָרנישט, אז אויב מען האָט זיך ליב, עסט מען „וואָס עס איז" אָדער „באָדיי וואָס"... איך אליין האָב אויך אמאָל אזוי געמיינט; איך האָב מיך אָבער צוגעקוקט צום לעבן פון מיינע חברים; איך האָב עפּעס אנדערש געזען! איך האָב שרעק־לעכע זאַכן געזען!

אז איך האָב די ערשטע צוויי רובל א וואָך באַקומען, האָב איך א געשריי געטון און דעמאָלט אונטערגעשפּרונגען פאַר פריידן! מיין ערשטער געדאַנק איז געווען אייך א דעפּעשע צו געבן, גרייט זאָלט איר זיין! טעלע־גראַפירט דאָך האָב איך נישט, עס איז מיר פּלוצלינג א שאָד געווען דאָס געלט! נישט מיינס! נאָר מרים־לעבס געלט איז מיר א שאָד געווען! עס איז שוין איר געלט געווען! איך וועל בעסער שרייבן, און איך האָב ביינאַכט געשריבן, נאָר צומאָרגנס דעם בריוו נישט אַוועקגעשיקט.

אין אָוונט בין איך צו מיינעם א באַקאַנטן וועבער געגאַנגען; איך האָב געוווּסט, אז ער איז ערשט דריי יאָר נאָך דער חתונה, און איך האָב געוווּסט, אז עס איז א ליבע געווען און מיר האָט זיך געגלוסט, עס האָט מיך געצויגן צו זען כאָטש איין אָוונט, כאָטש איין סצענע פון א גליקלעך היימיש לעבן, אויף וועלכן איך האָב אזוי געהאָפט! דערווייל דורך א שפּאַרע אריינגקוקן און זען, ווי עס פירט זיך אין גן־עדן. און איך האָב געזען!...

איך האָב געזען צוויי קראַנקע קינדער, איינס האָט דיפטעריט באַ־קומען און דאָס צווייטע האָט זיך זעראַזשעט... זי איז געזעסן ביים טיש געבויגן איבער א ניי־מאַשין, און ער, דער פאַרליבטער מאַן, איז אַרומ־געגאַנגען אויף און אָפּ, בייז און וואָרפנדיק מיט די הענט! אז ער איז נענטער צו מיר צוגעגאַנגען, האָב איך ביי אים געזען טרערן אין די אויגן;

נאָר די טרערן זענען מיר עפּעס נישט געפעלן, און פון מויל האָב איך א ריח פון בראָנפן דערפילט... איך האָב מיך געשווינט צוריקגעצויגן, נאָר געשלאָפן יענע נאכט בין איך שוין נישט...

איך בין געלעגן מיט א פערענע אויבן און האָב באַשיינפּערלעך און אָן אויפהער געזען דאָס בילד, ווי זי זיצט איבערגעבויגן אויף דער מאַשין; איך האָב איר פּנים נישט געזען, נאָר זיכער געפילט, אז ער איז דערשראָקן, פארציטערט און בלאַס, און פון די אויגן פאַלן די גרויסע, גרויסע טרערן, ווי די ארבעס... און די פּלייצע פלאַטערט און ציטערט... און עס האָט זיך אלץ געדאכט, אז אָט גייט ער צו און דערלאַנגט איר מיטן פויסט אין פּלייצע אריין... אויב נישט היינט, וועט ער עס מאָרגן טון... ער וועט שוין קיין איינציק מאָל נישט אהיימקומען ניכטער...

איך האָב געזען דערנאָך נאָך אנדערע זאכן. מען טייט מיט פינגער אויף עלטערן, וואָס האנדלען מיט פלייש — פון אייגענע טעכטער... איך האָב געזען קינדער, וואָס ווארפן ארויס די עלטערן, ווען זיי הערן שוין אויף פארדינען...

אָ, איר קענט עס גאָרנישט פארשטיין! נישט נאָר לייוונט און וואָלן־צייג וועבן מיר, מיר וועבן אויס גאָר פּונקט נייע מינהגים, ניין מידות פון דער נאָדל! אויך וועבן מיר אויס תכריכים פאר דער אלטער, גוטער און פרומער וועלט, און מען וועט זי אין זיי באַגראָבן... און עס וועט אויפשטיין א נייע, פוילע, דורך און דורך פארפוילטע וועלט. און ווער עס וועט נאָך האָבן א ריינערע נשמה וועט פון איר אנטלויפן, ווו עס וואקסט אפילו קיין פעפער נישט!...

ד י י ן . . .

אַכטער בריוו (1)

מזל־טוב! ענדלעך האָסטו דיך געריררט פון אָרט!! הונגער און נויט האָבן אויף דיר נישט געווירקט, נאָר די וועלט, האָסטו מורא זאָל נישט אונטערגיין, די ריינקייט און פרומקייט זאָל נישט פארלוירן ווערן!

און אויף אן המצאה ביסטו געפאלן: קודם־כל שרייבסטו דארף מען די לוינקעטניקעס אונטערברענגען!

---

(1) דער זיבעטער בריוו איז ערגעץ פארלוירן געגאנגען.

י. ל. פ ר ץ

דו האָסט אפילו קיין אמעריקע נישט אַנטדעקט, אפילו קיין פּולווער נישט געפונען, ווייל דאָס האָט מען שוין פאר דיר געטון. דיין לידל זינגען שוין די פייגל אויף די דעכער! נאָר א נאגראדע ביסטו ווערט, און איך וועל דיר דערפאר דערציילן די מעשה פון די פּאָר אויגן, וואָס האָבן אזוי פייערדיק אויף א פרעמד ברויט געקוקט!...

אמאָל און דווקא ערשט נישט לאנג איז געווען א וועבער, גראָד א גוטער וועבער, נאָר, ווי מען פלעגט זאָגן, נישט מער קיין קלוגער, אָדער דער קאָפּ זיינער איז נישט אויף זיין אָרט געשטאנען, אָדער עס האָט דאָרט אינעווייניק עפּעס געפעלט. נאָר דערפאר האָט ער געהאט א ברייט אויסגעוואקסן הארץ, ווו, אויסער זיין אייגענעם פּאָרטרעט, איז נאָך געהאנגען דאָס בילד פּון אלע ווייבערישע צרות, און ווייל עס איז זייער גרויס געווען, האָט עס כמעט זיין אייגענעם פּאָרטרעט פארשטעלט, און דעריבער האָט ער אָפּט זיך אליין נישט געזען! ער אליין האָט גענוג פארדינט, — די צייטן זענען נאָך עטוואָס בעסער געווען, ער האָט זאָגאר א געליבט מיידל געהאט און נאָר וואָס געוואָלט חתונה האָבן, נאָר א געדאנק האָט זיך אים אריינגעשלאָגן אין מוח און דער געדאנק האָט אים צורעכט געמאַכט. ער האָט זיך איינגערעדט, אז אויב יעדער איינציקער וועבער איז, באַזונדער גענומען, א שוואך, ווייך ריטל, וואָס דער ערגסטער לוינקעטניק דרייט זיך ארום, אויב ער וויל, ארום פינגער, וואָלטן אלע צוזאמען געקאָנט זיין א שרעקלעך שטארקער בעזים אויסצוקערן און ארויסצעווארפן מיטן מיסט נאָך עפּעס בעסערס ווי א לוינקעטניק איז, נאָר מיט וואָס בינדט מען דעם בעזים?

און א שלעכטע נאַטור האָט ער געהאט, שטענדיק אָפּן צו האלטן דאָס מויל, און וואָס פאר א גרינער פויגל עס איז אים געבוירן געוואָרן אין דער קליינער נעסט פון קאָפּ, פלעגט ער באַלד ארויספליען פראנק און פריי אויף דער פרישער וועלט... עלטערע מענטשן האָבן אים געוואָרנט, ער זאָל נישט זיין קהלס פאַרזאָרגער, ווייל קהל צאָלט מיט שטיינער פאר ברויט; דאָס געליבטע מיידל האָט אים געהאַלדזט, געקושט און געוויינט, ער זאָל זיך נישט מיאוס מאַכן דאָס מויל מיט א בעזים, נאָר ער האָט זיך געהאלטן ביי זיינעם, אז מען דארף בינדן א בעזים!

און גערעדט דערפון האָט ער ווארעם, מיט הארץ, מיט בלוט, די וועבער האָבן ווייניק פארשטאנען, נאָר גוט געפילט, און פלעגן מאַכן ארום אים רעדלעך, און אז ער האָט גערעדט האָבן טייל געזיפצט און טייל געשאָלטן. נאָר פון דעם איז ער נישט צופרידן געווען. ער פלעגט זאָגן, אז

פאַר טויזנט זיפצן וועט דער בעקער קיין איינציק ברויט נישט געבן, און פון אַ מיליאָן קללות וועט זיך ביים לוינקעטניק אין מויל קיין איינציקער צאָן נישט קריצן... נאָר וואָס דען ווילסטו, לעבן מיינס? אַ בעזים וויל ער מאַכן, נאָר אַ בעזים...

און עס האָט זיך אָנגעהויבן צו בינדן אַ בעזים! דער עולם האָט זיך צוזאַמענגענומען און געשווירן, מער ביי קיין לוינקעטניק קיין אַרבעט נישט אָנצונעמען! די וואָס אַרבעטן שוין, זאָלן אַוועקגיין... און באַלד איז געפאַלן געלט, מען זאָל אויפהאַלטן די, וואָס גייען אַוועק, ביז זיי וועלן דירעקט פון פאַבריק קיין אַרבעט נישט באַקומען; איז עס געוואָרן אַ רעש אין די גרויסע וועלטן; דערשראָקן און פאַרציטערט זענען אַרומגעלאָפן לוינקעטניקעס, שטיל און ווי ווייט מעגלעך איידל האָבן אַפילו פאַבריקאַנטן גערעדט! און די ווייבער האָבן זיך געפרייט, האָ! עס שטעקט דאָך אַ קראַפט אין אָרעמע לייט, מען דאַרף זיי נאָר וועקן, וועלן זיי וועלטן איי־בערקערן! אַ גדולה, אַ פרייד!...

עס איז אַ פיינער פאַרביקער זייפנבלאָז געווען, נאָר ער האָט צו גע־שווינד געפּלאַצט! ערשטנס זענען געווען עטלעכע שלעכטע ווייבער, וואָס האָבן קיינמאָל קיין אַרבט נישט געהאַט, האָבן זיי זיך באַלד אַריינגעש־לייכט צו די לוינקעטניקעס און אָנגעהויבן צו אַרבעטן... אַנדערע האָבן זיך דערשראָקן און געשווינט צוריק זייערע ערטער פאַרכאַפּט; די רעשט האָט עס דערזען און אַליין געמוזט זיך מתיר־נדר זיין און נאָך איבערבעטן דעם לוינקעטניק: „זיי אונדז מוחל, עס איז גאָרנישט אונדזער הויט, כאָטש זי ליגט אויף אונדזער לייב. שינד, וויפל דו ווילסט!" און דאָס לעבעדיקע וואַסער איז צוריק אין די קאָריטע אַריין, צוריק דאָס אַלטע לעבן!

נאָר איין נייעס איז געשען: דעם מענטש מיטן האָריץ האָט מען פון פאַבריק אַרויסגעוואָרפן, און ער האָט שוין אין ערגעץ קיין אַרבעט נישט באַקומען. די געליבטע כלה האָט נאַטירלעך צעריסן די תנאים... די ווייבער האָבן געשוויגן; מען וועט דאָך פאַר איין מענטש וועגן נישט אַוועקוואַרפן די פרנסה!

געשען איז עס נאָך איידער איך בין געקומען, נאָר איך האָב נאָך די זכיה געהאַט צו זען, ווי דער מענטש מיטן ברייטן האָריץ האָט געקוקט אויף אַ לעבל ברויט ביי דער זיצערן אויפן טיש.

ד י י ן . . .

ניינטער בריוו

איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז מיין מרים־לעב האָט אַזאַ דעה בּיי זיך! — קוים האָט זי אין לעצטן בריוו געוווּנטשן מיך כאָטש נאָך אַמאָל צו זען, פאָר איך שוין אַהיים!

עס פעלט נאָך אפילו אויף הוצאות, נאָר איך האָב נאָך עטלעכע איבעריקע זאַכן צו פאַרקויפן... דאָס בעט מיטן קישן און קאָלדרע, מיטן שעניק אפילו האָב איך שוין פאַרהאַנדלט; איך האָב אָבער נאָך אַן איבעריקן ראָק און צוויי דריי איבעריקע העמדער.

אויף הוצאות וועט גענוג זיין, אַ נישט וועל איך צושפּרייזן צופוס.

און פאָרן אַהיים פאָר איך דורך גאָר אַ פּשוטע זאַך; איך האָב אַ נאַרעשן פעלער געמאַכט און מוז אַהיימפאָרן.

די מעשה איז אַזוי געווען: צייט האָב איך די וועלפישע אויגן געזען, האָב איך מיר געטראַכט: בעסער אַ לויט שכל איידער אַ פונט האָרץ: בעסער ביינאַכט אָפן צו לאָזן די טיר איידער בייטאָג דאָס מויל. ציין נוצן צום עסן, נאָר נאָך מער די צונג איינצובייסן, אויב זי וויל זיך אַן איבעריק מאָל איבערדרייען. דער מענטש איז טאַקע געקרוינט און געהויבט איבער אַלע חיות מיט די רייד, נאָר „גוט מאָרגן — גוט יאָר" איז גענוג גערעדט און וואָס איבעריק איז שאַדט! און נאָך אַזוינע גוטע און קלוגע זאַכן האָב איך מיר געטראַכט און איינגעקאַרבט, אַבי איך זאָל קיינמאָל, אַזוי ווי יענער מיטן ברייטן האָרץ און אָפענעם מויל אויף אַ זיצערנס ברויט נישט ברויכן צו קוקן...

פון אַזאַ קוקן — האָב איך געטראַכט — קומט קיין גוטס נישט אַרויס. אויפן בעסטן פאַל קומט מען דערצו, אַז מען כאַפּט אַ ברויטל.

און וואָס וואָלט מיין פרומער מלמד געזאָגט? ער וואָלט זיך באַלד געשטעלט פאַרן בית־דין של מעלה און עדות געזאָגט, אַז ער אַליין האָט מיך געלערנט: „לא תגנוב! ריר נישט קיין פרעמדס!"

וואָרום, ווי דו ווייסט, איז מיין פרומער מלמד אַ קורצזיכטיקער געווען, און קוים וואָס ווייטער פאַר זיין אייגענע נאָז נישט געזען... אַז דאָס ווייב פלעגט אים אַנידערלייגן אַ ברויטל אויפן טיש, האָט ער געזען ברויט, מער נישט ווי ברויט! ווער ברויט, וואָס ברויט? ווי קומט עס צו אים? פון וואַנען נעמט זיך ברויט? ווער האָט געזייט, ווער געשניטן, ווער געמאָלן, ווער געבאַקן? וועמעס שווייס שטעקט דערינען, וועמעס בלוט? דאָס האָט

ער קיינמאָל נישט געזען... פון הימל אראָפּ, צי פון הינטער דער ערד אַרויס וואָלט ער געשריען: גנב! און אויף מיר וואָלט דאָס היטל געברענט!

נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז דער מענטש דענקט און די צרות (איי־געגנע צי פרעמדע) לענקען! אַז, ווי ענג עס איז נישט ביי איינעם אין האַרצן, פאַלט דאָך אַמאָל אַריין אַ נאַרעשקייט; איידער דו קוקסט זיך אום, האָסטו עס אָפּגעטון און פאַרפאַלן, — כאַטש קנייפּ דיר אויס די באַקן. מיין גע־וועזענער ברויט־געבער זאָגט, אַז ער האָט זיך אויף מיר נישט געריכט; איך אַליין וואָלט עס אויך נישט געגלויבט! און דאָך מוז עס אמת זיין, והא־ראיה: איך פאָר אהיים!

נאָר צו דער זאַך! עס איז דאָ אַמאָל געווען אַ גרויסע וועבערישע חברה מיטן נאָמען „פּועלי - צדק”. אַט אַ יידישע חברה, אויף וועלכע אַלע האָבן דורך די פינגער געקוקט, ווייל מען האָט דאָרט נישט מער ווי גע־דאַוונט און שבת אַלשיך געלערנט... צי האָבן שוין די אַלטע וועבער גע־פילט, אַז זיי מוזן דאַוונען באַזונדער, בעטן אויף עפּעס אַנדערש איידער זייערע ברויט־געבער? ווער ווייסט?! נאָר מיט דער צייט איז דאָס דאַוונען כמעט פון דער מאָדע אַרויס, און אויפן אָרט פון אַלשיך הערן שפּאַצירט דער עולם הינטער דער שטאָט און באַמיט זיך אויסצעאָטעמען דעם שטויב פון גאַרן, וואָס מען האָט אָנגענומען אַ גאַנצע וואָך... מיט דער צייט האָבן אויסער עטלעכע, גאַנץ אַלטע וועבער, מיט די אַלטע טליתים און זילבערנע עטרות — אַ זכר פון די אַמאָליקע גוטע צייטן, — אַלע אָן דער חברה פאַרגעסן... נאָר לעצטנס, אַז מען האָט מיטאַמאָל געוואָרפן דעם פּרייז, האָט עס דעם עולם אונטערגעטראָגן; עס איז געוואָרן אַ רעש, אַ מהומה. וואָס טוט מען, וואָס נעמט מען פאָר? און פּלוצלינג האָט מען זיך דערמאָנט, אַז עס איז אַ חברה פאַראַנען, אַז עס איז דאָ אַן אָרט, וווּ זיך צוזאַמענצוגיין און אַ וואָרט צו רעדן! און דער עולם האָט זיך געלאָזט אין „פּועלי־צדק” אַריין, און האָט מיך געשלעפּט... די מאַסע איז ווי אַ פּעך, זיך נישט אָפּצערייסן!

צי האָסטו אַמאָל געזען, ווי פונקען פליען איבער אַ שמידערייז? מי־ליאָנען פונקען, און זיי וועלן נישט אָנציגדן קיין איינציקע שטרוי אויפן דאַך! נעם זיי אָבער צוזאַמען, וועלן זיי אַ וועלט פאַרברענען! דאָס אייגענע איז אַ חברה! קוים איז זיך דער עולם צוזאַמענגעקומען, האָט געברענט! עס האָבן טויבע געהערט, שטומע גערעדט, לאָמע זענען אויף און אָפּ גע־לאָפן, פּאַראַליזירטע האָבן נאָר פּאַטשן געוואָלט, נאָר פּאַטשן... אַנדערע

האָבן געשריען, אַז כּל־זמן מען וועט נישט געפינען 2—3 ברויט־געבערישע בייכער צעשניטן אינמיטן מאַרק, וועלן די צרות קיין ענדע נישט נעמען!

איך האָב פיינט פּאַטשן, פון צעשניטענע בייכער קאָן איך בטבע נישט הערן, און איך וויל זיך אַרויסגנבענען פון עולם מיט די שאַרפע צונגען, נאָר שטומפּיקע קעפּ; ליידער, האָט מען מיך באַמערקט און עס איז פּלוצלינג אַ געשריי געוואָרן: ער אַנטלויפט. מסרן גייט ער! מסרן! און די ווערטער זענען גענוג געוועזן, איך וויל צוריק גיין, אַרויפשפּרינ־גען אויפן ערשטן טיש און אָנהייבן רעדן, גלייך מיר וואָלט אויך עפּעס געפעלט אין קאָפּ און דאָס האַרץ וואָלט זיך מיר אויך צעוואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט.

זאָל איך אייך איבערגעבן מיינע נאַרישע רייד? נאָך וואָס? איך האָב נאָר געוואָלט די וועבער זאָלן זייער אייגן געשעפט פאַרשטיין, זיי זאָלן איינזען, אַז ערשטנס מוז מען זיך פעסט צוזאַמענהאַלטן, אַז די „פּועלי־צדק" דאַרפן אויפגעפרישט און געשטאַרקט ווערן, אַז מען מוז זאַמלען געלט, געלט פאַר קראַנקע, געלט פאַר אַלטע אָן כּוח, געלט פאַר וועבער אָן אַרבעט, געלט פאַר אַלע אויף דער שלעכטער צייט, ווען עס לוינט זיך נישט צו אַרבעטן... און דער עיקר איז, אַז קיינמאָל דאַרפן וועבער צווישן זיך נישט קאָנקורירן, נישט מיטן פּרייז, נישט מיט פאַר־לענגערן די צייט פון דער אַרבעט... איך האָב זיי דערציילט, אַז ערגעץ אַנדערש אַרבעט מען נאָר 12, אין אויסלאַנד נאָר 10 שעה, אויף אַ טייל ערטער נאָר 8. איך האָב זיי געזאָגט, אַז אַ מענטש איז קיין פערד נישט, און אַז פערד אַרבעטן דאָך ווייניקער פאַרן פוילסטן וועבער... און נאָך אַזוינע זאַכן, וואָס אַ מענטש מיט שכל האַלט ביי זיך און רעדט נישט אַרויס. דו וועסט אפשר אַנדערש זאָגן מרים־לעב? דו האָסט דאָך שטענ־דיק ליב געהאַט מיך אָפּצושפּאָרן, צו זאָגן פאַרקערט, נאָר דערפון וועלן מיר שוין רעדן אינדערהיים! דערווייל האָט מיר געשאַדט.

די גאַנצע צייט, וואָס דו האָסט פון מיר קיין ברייוו נישט דער־האַלטן, בין איך געזעסן, און גאָט ווייס פאַרוואָס? ערשט ווען מען איז אויף זיכער געוווּיר געוואָרן, דערנאָך, אַז איך האָב אָפּגעהאַלטן פון פּאַטשן און בייכער־שניידן, האָט מען מיך אָפּגעלאָזט, נאָר געהייסן אַרויספאָרן אויף אַ פּאָר יאָר פון שטאָט... אַ וועבער, זאָגן זיי, דאַרף זיצן און אַרבעטן, נישט שפּרינגען אויף טישן און רעדן...

שלעכט, נאָר צוויי זאַכן טרייסטן מיך! ערשטנס, איך האָב אַ זאָמען געוואָרפן און איך בין זיכער, אַז ער וועט וואַקסן; פונדערווייטנס זע איך

שוין, ווי ער וואקסט! און ער וואקסט, ווי ער באדארף צו זיין: אין דער טונקל, שטיל און באשיידן, עס דארף קיין האן נישט קרייען! און צווייטנס, וואס מרים־לעבם ווונטש וועט דערפילט ווערן און מיר וועלן זיך זען... גיך און באלד זען... גרייט נאר אן אביסל זאלץ, איינצורייבן מיר די פלייצעס, מען האט זיי מיר אביסל צעהאקט...

ד י י ן . . .

איין איינציקער בריוו פון שוסטער צום וועבער

איך שרייב געשווינט און אין איין ציטערניש, האב גאט אין הארץ, פאר ווו דו ווילסט, נאר קום נישט אהער, איך האב קוים, קוים געפועלט ביי דער שוועסטער, זי זאל לאזן איינעם ארייננגיין, א פיינעם בעל־מלאכה, אן אלמן... די ארעמע מרים האט זיך געגנוג די הענט געבראכן, און די אויגן אויסגעוויינט, איידער זי איז באשטאנען, אצינד וועסטו קומען און די גאנצע זאך וועט צערודערט ווערן! און זאג אליין, חתונה האבן ווילסטו נישט און, ווי דער אמת איז, אצינד קאנסטו נישט, נאך וואס זאלסטו איר שטערן אין וועג? דו אליין פארדינסט וויניק, — איך אסור אויב איך בין בכוח זי אויסצוהאלטן, איך האב מיינע איינענע געגוג. אויב דו ביסט אן ערלעכער מאן, פאר ערגעץ אנדערש אוועק... געדענק אן גאט! —

מאָטל פּרינץ

געוועזן א ייד מיטן נאָמען מאָטל; גערופן האָט מען אים מאָטל פּרינץ.

א וואלד און תבואה־סוחר, א יוצא ונכנס ביי פּריצים, פירט ער זיך אביסל מעשה פּריץ. טראָגט ער זיידענע זאָקן, פארבט ער זיך אָפּ די בענקלעך אין שטוב אויף רויט — קיין אנדער פארב אין שטעטל נישט באַקומען — פון קעשענע שטארצט אים ארויס א רויט פולארן טיכל. און אפילו מעשה צדקה איז אויך ביי אים מעשה שררה.

א ייד, למשל, ווייסט מען, האָט ליב געגדזנס. ערשטנס, טאָקע א מאכל, צוויטנס — באלעבאטיש; אי פליש, אי שמאלץ אויף פּסח, אי גריוון צו א ציבעלע, און אביסל פעדערן צו א קישן קומט אויך צונוץ. אפילו היינט, א ייד קומט אין רעסטאָראציע אריין, הייסט זיך אויסרע־כענען אלע מאכלים און סוף־כל־סוף הייסט ער זיך געבן א שטיקל געגדזנס...

האָט פונקט דער רב אין שטעטל ליב געהאט ענטעפליש. א גרויס פוילישֿ שטעטל געווען, און אין גרויס פוילן הייסט קאטשקע — ענטע. א ייד, א למדן, א ירא שמים און האָט א שוואכקייט צו ענטע־פלייש. רעדט מען דערפון, קומט עס צו מאָטל פּרינץ אין הויז אריין.

פאר פּורים איז עס געווען. הייסט מאָטל פּרינץ קויפן און אָנפּאשן אן „ענטע" פון רבס וועגן אויף שלח־מנות, און זאָגט אָן, אז נאָכן כשר־מאכן, אז עס וועט קומען צום פילן, זאָל מען אים מודיע זיין.

ערב פּורים גייט מען אין שטוב אריין אָנזאָגן: עס איז אָנגעקומען די צייטן אָנצופילן די ענטע.

נעמט מאָטל פּרינץ פון שראַנק ארויס ח"י זהובים פּוילישע, און הייסט זיי אָפּכשרן, שווענקען זיי אין זיבן וואסערן, און אָנפילן דערמיט די ענטע!

וואָס איז?

מאָטל פרינץ וויל וויסן, וואָס דער רב האָט ליבער: ענטע־פליש, צי פוילישע זהובים...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ערב שבת גייט אַמאָל מאָטל שפּאַצירן איבער דעם שיל־געסל, א זומער־טאָג, נעמט וואָס אמאָל ארויס דאָס רויטע פולארענע טיכל און ווישט זיך, כלומרשט, דעם שוויס פון דעם שטערן, און יעדעס מאָל ביים ארויסנעמען דאָס טיכל, פארלירט ער א רולאָן פון קעשענע.

וואָס א רולאָן איז?

אין יענע יאָרן זענען קיין פּאפּירן־געלט, קיין באנק־צעטל נישט געווען, עובר לסוחר פלעגן זיין — אדומים — גאָלדענע רענדלעך; פלעגן זיי די סוחרים פּאקן אין פּאפּירענע טיטן, פארחתמענען מיט זייער חותם און אויפשרייבן די סומע. אזוי פלעגן די טיטן — רולאָנען האָט מען זיי גערופן — גיין פון האנט צו האנט אומגעציילט, אביסל מער אמונה און מער ביטחון געווען.

גייט ער און פארלירט רולאָנען!

וואָס איז?

ער האָט גענומען אלטע פוילישע גראָשן און געפּאקט ווי רענדלעך.

אָרעמע לייט גייען אין גאס און געפינען. איז ער אן ערלעכער מאן, לויפט נאָך און גיט אָפּ, קריגט ער פון מאָטל פרינץ א שיינעם דאנק און א רענדל פאר השבת אבדה. איז אָבער ווער נישט קיין ערלעכער מאן, פאלט אויף דער מציאה, באַהאלט און לויפט אהיים מיט א שימחה — האָט ער געכאַפּט עטלעכע גראָשן.

פאר פסח מאכט ער אמאָל אזא קונץ:

פּרנס איז ער; זיצט ער אין קהל־שטוב און טיילט מעות־חטין. קומען יידן — אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, מאכט ער צו איינעם און צום אנדערן: — קמצן, וועסט דיר כאָטש פארגינען צו מאכן א מלבוש אויף יום־טוב?

לאכן די אָרעמע לייט.

ערב שבת הגדול, אָרעמע לייט גייען שפּעט ארויס פון מרחץ — געמוזט אָפּוואַרטן די באלעבאטים — זיי קומען אין קיל־שטיבל אריין צום אָרט, ווו זיי האָבן געלייגט די מלבושים, אויסגעטרוקנט!... א געשריי, א ליארעם, ווער האָט גענבעט? ווי אזוי גייט מען אהיים? מען באפאלט דעם בעדער! מאָטל פרינץ האָט זיך מיכלומרשט פארשפּעטיקט,

זאָגט ער, די אָרעמע לייט זענען גערעכט, דער בעדער איז א שומר שכר און ימוז באַצאָלן.

מילא, אז מאָטל פּרינץ פּסקעט, גייט דער בעדער אין דער צווייטער שטוב אריין, און קומט צוריק מיט א פּאַק מלבושים, נייע פון דער נאָדל, פון ספּאָדעקל ביז שיך און זאָקן, קיין ארבע כנפות נישט פארגעסן און איז מלביש ומנעיל די נאַקעטע!

אינמיטן ווינטער, נאָך אן אָנגעפאַלענעם שניי, מאַכט ער אזא קונץ.

אויף דעם זעלבן שיל־געסל, אָרעמע לייט אין די קליינע הייזלעך באַפן זיך אויף אינדערפרי, גראַבלען זיך קוים ארויס פון די שמאַטעס, אין וועלכע זיי האָבן זיך איינגעוויקלט, גיסן אָפּ נעגל־וואַסער, טוען זיך אָן, ווילן גיין צו ותיקין און דערנאָך — אין מאַרק אריין פאַרדינען, וואָס דער ליבער נאָמען וועט באַשערן, — די טיר עפנט זיך נישט. מוז זיין פון דרויסן פארשפּאַרט, פאַרשמירט, א פראָסט א שאַרפער, מען פּרוּווט נאָך אמאָל די טיר, זי לאָזט נישט נאָך, באַפאַלט אן אימה. שרייט מען, שרייען די מענער, שרייען די ווייבער, קינדער מאַכן א יללה, דאָס גאַנצע שיל־געסל שרייט, דערהערט מען אין אַלע געסלעך, שפּרינגט מען פון די בעטן ארויס, לויפט מען פון די שטיבער, קומט מען אין שיל־געסל אריין. —

ביי יעדער טיר שטייט א קלאָפּטער האָלץ!

דאָס האָט מאָטל פּרינץ געהייסן אָנפירן פון וואַלד איבער נאַכט, א שניי איז אָנגעפאַלן א גרויסער, האָט קיין בן־אָדם נישט געהערט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איינמאָל, מאָטל פּרינץ קומט מיד פון וואַלד, לייגט זיך פאַרן עסן אָפּרוען, און שלאָפט איין מיטן קלער, וואָס פאַר א נײַי צדקה־שפּיצל ער זאָל אָפּטון — עפנט זיך די טיר, קומען אריין צוויי שמשים פון חברה קדישא און חברה־נושאים און זאָגן:

— זיי ווייסן, מאָטל פּרינץ, אז דו ביסט ניפטר געוואָרן.

ענטפערט ער געלאַסן:

— ברוך דיין אמת!

זאָל מען פרעגן: ווער איז מוכן ומזומן לחיי עולם הבא? וועט קינד און קייט ענטפערן:

— מאָטל פּרינץ!

וואָס האָט אזא ייד מורא צו האָבן?

גייען זיי נענטער צו, שיטן אוים אביסל שטרוי פון די קעשענעס, הויבן אים אָפּ, צינדן ליכט צוקאָפּנס און גייען ארוים.

איינער זאָגט: ער גייט קויפן תכריכים.

דער צווייטער: ער גייט שוין באַשטעלן א מצבה.

אויפשרייבן וועט מען, נישט מער, ווי „מאָטל פרינץ".

טראַכט ער ביי זיך: געגנוג!

ער וויל א קלער טון, פאַרוואָס ער זעט נישט קיינעם פון די בני־בית...

וויל זיך דערמאָנען, צי האָט ער זיך מיט זיי געזעגנט, געזאָגט צי נישט געזאָגט ווידוי, — קומען אריין צוויי משונהנע געשטאַלטן, נישט קיין מלאכים, נישט קיין מענטשן, נישט קיין חיות, און מיט פליגעלעך דינע, ווי ביי פלעדער־מייז, פרעגן זיי אים:

צי ער וויל שוין אין גן־עדן אריין?

פאַרגעסט ער אָן אַלעם און שמייכלט:

— מהיכא תיתי...

הייבן זיי אים אויף און ציען אים דורך דורכן קוימען אויפן דאַך ארויף.

ווייסט ער, אז דער קוימען איז שוין לאַנג נישט גערייניקט, קומט ער ארוים — א שוואַרצער.

פרעגט ער:

— פאַרוואָס קומט דאָס מיר?

זאָגן זיי:

— מען קומט נישט אין גן־עדן אריין, ביז מען ווערט נישט פאַרשוואַרצט!...

מילא, אז אזא דין!

— אצינד, זאָגן זיי, וועלן מיר פליען ארויף, מיר — אויף די פליגל און דו — אויף וואָס?

פליט צו אים אויפן דאַך ארויף דער בעזעם, וואָס שטייט ביי אים אין פאָדער־הויז, אָרעמע לייט, וואָס קומען, זאָלן זיך אָפּווישן די שטיוול, און זיי זאָגן:

— זעץ דיך רייטנדיק!

דער בעזעם איז נישט קיין ריינער, מילא, מען מוז איבערקומען.

— אזוי איז דער מינהג, — זאָגן זיי, — כל־זמן די נשמה האָט נישט אירע אייגענע פליגל, רייט זי ארויף אויף א בעזעם.

און זיי נעמען אים אינדערמיט אריין, און מען פליט...

— מען וועט נאָך אזוי לאנג פליען?

זאָגן זיי:

— צום הימל איז נאָך ווייט!

דאָס ווייסט ער, עס מוז געדויערן, פליט מען ווייטער.

פרעגט ער:

— ווו האלטן מיר אין לוח?

זאָגן זיי:

— ערב סכות!

און פרעגן: צי ער וויל זיצן אין סוכה.

א מת איז אפילו פטור מן המיצוות, אָבער פארוואָס נישט?

— מהיכא תיתי! — זאָגט ער.

און ווי ער זאָגט עס, שווימט זיי אנטקעגן א סוכה מיט ווענט, מיט סכך.

— דוד המלכס סוכה! — זאָגן זיי.

גייט ער אריין מיט פרייד און זעצט זיך.

— ווען קומען — פרעגט ער — אושפיזין?

און איידער מען ענטפערט אים, פאלט אויף אים איין די סוכה, די ווענט מיטן סכך און מען שלעפט אים קוים ארויס א צעשלאָגענעם, א צע־קיילטן און א פארשיטן מיט ווייסן שטויב אויפן שווארצן רים פונעם קוימען.

פרעגט ער: פארוואָס קומט עס מיר?

ענטפערט מען אים:

— מען קאָן אנדערש נישט קומען אין גן־עדן אריין, ביז מען ווערט נישט צעקיילט און צעביילט.

גיט ער זיך אונטער מיט הכנעה, פליט מען ווייטער.

שטעלן זיי זיך אָפּ.

— שוין?

זעט איר גאָרנישט.

זאָגן זיי, אז כאָטש ער זעט גאָרנישט, איז דאָך שוין נישט ווייט פון גן־עדן, און דעריבער מוזן זיי אים צובינדן די אויגן.

— נאָכוואָס?

יעדער צדיק, געבן זיי אים צו פארשטיין, האָט פראוו צו זען נאָר זיין חדר, ערשט שפּעטער, אז צדיקים קומען צו גאסט און פארבעטן צו זיך,

קאָן מען זען דעם גאנצן גן־עדן, און אזוי, ווי זיין וועלן מוזן אדורך דורך חדרים פון אנדערע צדיקים, מוז מען אים די אויגן פארשטעלן.

לאָזט ער זיך. נעמען זיי אים ארוים דאָס רויטע פולארענע טיכל, בינדן אים די אויגן צו, און מען פליט ווייטער. און מען שטעלט זיך ווייטער אָפּ:

— ביסט שוין אין דיין חדר.

— בינדט מיר — בעט ער זיך — די אויגן אויף!

זאָגן זיי:

— באַלד!

פריער מוז מען אַלץ מכין זיין.

קודם איבערטון.

רייסט מען אים פון לייב אראָפּ די אלטע מלבושים און מען טוט אים אָן אנדערע, זאָגנדיק:

— דאָס זענען דיינע ביגדי מלכות.

זיי רייסן אפילו, די ביגדי מלכות... מן־הסתם דארף אזוי זיין!

זעצט מען אים און מען זאָגט:

— דאָס איז דיין גאָלדענער שטול!

מען רוקט אים עפּעס ארונטער אונטער די פיס.

— דאָס איז דיין פוס־בענקעלע.

מען טוט אים עפּעס אָן אויפן קאָפּ.

— דאָס איז דיין גאָלדענע קרוין!

מען רוקט עפּעס פאר אים צו.

— דאָס איז דיין טיש מיט לוויתן און יין־המשומר!

און פּלוצים דערהערט זיך פון אלע זייטן א געלעכטער, אָבער א געלעכטער, מען האלט זיך ארום, זעט אוים, פאר די זייטן, מען פּלאצט פאר געלעכטער.

גיט ער א ריס אָפּ דאָס טוך פון די אויגן: שטייט פאר אים א היל־צערנער קיך־טיש, און אויף ציגערנע הקדש־טעלער ליגן אין סמאָלע שווארצע שקצים ורמשים...

אויפן לייב האָט ער מלבושים פון חזיר־האָר, דאָס בייסט; אויפן קאָפּ — אן אלטע שלאָף־מיץ, אונטער די פיס — אן אויסגעלאָשענעם פייער־טאָפּ, און זיצן זיצט ער אויף א שטול מיט — א לאָך אינדערמיט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

כאַפּט ער זיך אויף פון חלום, זיצט אים צוקאָפּנס דער מרא דאתרא, נאָך א נדבה געקומען און דאָ געוואַרט, ער זאָל זיך אויפכאַפּן.

דערציילט ער אים כהויה, וואָס עס האָט זיך אים געחלומט:

—רבי — קרעכצט ער, — פאַרוואָס?

לאָזט דער רב אַראָפּ די לאַנגע ברעמען, קלערט א ווײַלע און ענטפערט מיט א שמייכל:

— וואָס דען מיינסטו, מאָטל? אז מען גיט צדקה מיט א געלעכטערל, איז דער גן־עדן — חוזק!

פון דעמאָלט אָן האָט מאָטל געגעבן נאָר מתן בסתר.

מיט דער צייט האָט מען אים גערופן נישט מער ווי מאָטל.

דער נאָמען „פרינץ" איז פאַרגעסן געוואָרן.

פרינצעסן קוניגונדאַ און פרינץ פּראַש

(אַן אמתע מעשה)

געשען איז די מעשה אין *אלערלייבורג*.

ווו אלערלייבורג ליגט, פרעגט א געאָגראַף; ווען די מעשה איז געשען, ווייסט געוויס א היסטאָריקער...

איך ווייס נאָר די מעשה אליין, נאָר פאר דאָס פון דער *ערשטער* האנט.

און די מעשה הייבט זיך אָן זייער אינטערעסאנט: די קעניגין פון אלערלייבורג ריכט זיך אין בעט אריין.

גיין צו קינד איז נישט קיין קלייניקייט; ביי אַן ערשטלינג הענגט דאָס לעבן אויף א האָר; ביפרט, אז עס גייט דאָס ערשטע מאָל צו קינד אַן איידעלע, פּאָעטישע קעניגין! — גאַנץ אַלערלייבורג איז פאַרנומען דערמיט, ווייבער זיפצן, מענער שאָקלען מיט די קעפּ און דער קעניג —

אויפן קעניג, מוז איך זאָגן, פלעגט מען אביסל רעדן; שטילערהייט זאָגט מען, אז ער האָט א הארץ אזוי גרויס, אזוי ברייט, ווי דער קעניג־לעכער פאלאץ און אז *אלע* הויף־דאמען וווינען גאַנץ באַקוועם איןביידע.

אלע איז אייגנטלעך איבערטריבן; נישט אלע הויף־דאמען זענען יונג און שיין: נאָר די הויפטזאך איז, אז דער קעניג איז נאָר א שיינגייסט געווען; א בעלן אויף א חן־גריבעלע, א פּעפּערל, אויף עפּעס גאַנץ פּי־קאַנטעס, אָבער ווייטער נישט. א הויפדאמע, צ. ב., האָט אים געקאָנט געפעלן מיט נאָר א *קלייניקייט*: מיט א קליין, שקאָצעריש־אויפ־געריסן נעזל; נו, פלעגט ער ליב האָבן אין דעם נעזל אריינצושנעלן, און צו צאָלן אין געלעכטער אַ טאָלער פאַר אַ שנעל, נאַטירלעך אויף אַ האָר־נאָדל! א צווייטע האָט געהאט א וווּנדערלעך דין־דורכזיכטיק־רויזיק אויערל, פלעגט דער קעניג ליב האָבן עפּעס דערינען איינצערוימען; וואָס? ווייס

איין גאָט, זיי האָבן שויןביידע פאַרגעסן; נאָר בשעת מעשה פלעגט די דאַמע רויט, און די קעניגין בלאַס ווערן. ביי א דריטער, צ. ב., האָט ער באַמערקט אויגן, ווי בלויע בלימעלעך און ער איז געווען א ליבהאָבער פון בלומען, פלעגט ער שטונדן־לאַנג אין זיי אריינקוקן און דערווייל פאַר־הערן, וואָס דער מיניסטער ראַפּאָרטירט. ער פלעגט מעכאַניש נאָכזאָגן דאָס לעצטע וואָרט: הענגען — הענגען, קעפּן — קעפּן! און דערנאָך זיך וווּנ־דערן: א י ך האָב געהייסן? אזוי אויך פלעגט ער אמאָל אונטערן טיש דערטאַפּן א דין פיסל, און קיין איינציקע הויף־דאַמע האָט נישט געטאָרט האָבן קיין הינער־אויגן, זי זאָל נישט אויפשרייען און באַאומרואיקן דעם גאַנצן טיש... סיי ווי סיי, זעט איר, אז אין די הויף־דאַמען זענען אים גע־פעלן נאָר ק ל יי נ י ק יי ט ן ; ווען מען לייגט זיי צוזאַמען, פאַרנעמען זיי א גאָרנישט; בשעת, ווען אין דער קעניגין האָט ער געהאַט און פאַרגע־טערט — ג א נ צ ע צ ע נ ד ל י ק ע ר מ יי ל ן גיטער און שלעסער מיט לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר!

עס איז דעריבער קיין ווונדער נישט, אז דער קעניג אליין האָט זיך אויך באַאומרואיקט און באַשעפטיקט מיטן וויכטיקן צופאַל. און ווייל עס האָט זיך דעמאָלט אין הויף קיין ניי פּעפערל נישט באַוויזן, קיין רעוואָ־לוציע איז אין דער לופט נישט געהאָנגען, נאָר אייניקע סטודענטן — פון קריג־פירן איז אויך קיין רעדע נישט געווען, האָט דער קעניג זיך גענומען גאַנץ ענערגיש צו דער זאַך. ערשטנס, האָט ער גערופן דעם הויף־שניידער און געהייסן זיך פאַרבאַרייטן: 1) א גאַלאַ־מונדיר, אויב די קעניגין וועט בשלום איבערקומען; 2) א טרויער־מונדיר, אינגאַנצן מיט טרופּע באַדעקט — אויב נישט; און דערנאָך באַפוילן, מען זאָל צוזאַמענרופן אַלע מיניס־טאָרן, סענאַטאָרן און געהיים־ראַטן, צו קלערן, וואָס צו טון.

עס זענען געפאַלן פאַרשידענע דעות, נאָר דער קעניג האָט געהייסן יוצא זיין לכל הדעות. מען האָט דעריבער באַשטעלט אַלע באַרימטע אקור־שערן און באַפוילן, יעדער פון זיי זאָל גרייט האָבן א גאָלדענע צוואַנג, טאָמער ווייל דער פּרינץ נישט גערנווויליק ארויס אויף דער ליכטיקער שיין. אויך האָט מען באַשטעלט צום אויספּרוון אַלע היימישע מיטל. אויסער דעם האָט מען געוואַלטיק געקלונגען אין אַלע קלויסטערס, בשעת ווען אין מעטשעטן האָט מען געשריען: אַללאַה! אַללאַה! אין אלערלייבורג איז א קליין מינין געצנדינער געווען, האָבן זיי ארום פּאַלאַץ הקפות געמאַכט מיט די שטיינער און ביינער אין די הענט. אין יידן אפילו האָט מען נישט פאַרגעסן, אַלע מוזן גאָט בעטן, און ווער עס איז נישט געלאָפן אין שיל

אריין, דעם האָט מען מיט בלייערנע רעמעטלעך אונטערגעשמיסן... אַ צי־גיינער האָט מען אויך באַשטעלט, אפשר וויל גאָט נישט העלפן, זאָל ער ביים טייוול פועלן!

דער הויף־נאַר (אָן וועלכן דער קעניג מאַכט נישט קיין שריט, ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין מרה־שחורה) איז אויך דערביי געווען, הינטער דעם קעניגס טראָן געשטאַנען. ער האָט אפילו אַן אַנדער עצה געגעבן. בשעת־מעשה, — האָט ער געראָטן, — זאָל עמעץ איינרוימען דער קעניגין אין אויער אַ וואָרט אמת; דער פּרינץ וועט דערהערן און אַרויסשפּרינגען פון דער הויט! ליידער אָבער האָט מען געזוכט אין אַלע הייזער און לאָדן אַ וואָר וואָרט פאַרן קעניג און נישט געפונען. טייל האָבן קיינמאָל די סחורה נישט געהאַלטן, אַנדערע האָבן שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפן דעם הבל אויפן מיסט. מאַנכע האָבן אפשר געהאַט, נאָר געלייקנט שטיין־און־ביין, טראַכטנ־דיק: אָדער מען מאַכט חוזק, אָדער מען וויל עפּעס געוויר ווערן!

פאַר דאָס האָט מען באַקומען שטרוי אין די מאַסן, אין אַלע גאַסן אויסגעלייגט, די קעניגין זאָל רואיק שלאָפן און נישט הערן, וואָס אין דרויסן טוט זיך.

ענדלעך איז די קעניגין איבערגעקומען!

ווער אייגנטלעך עס האָט געהאָלפן, ווייסט מען נישט ביזן היינטיקן טאָג; אפשר די מעדיצין, אפשר עמעצער אַ גאָט און אפשר דער ימח־שמוניק...

געשווינדער דער ימח־שמוניק — ווייל ווי אויף להכעיס איז געבוירן געוואָרן נישט קיין פּרינץ נאָר אַ פּרינצעסן! אַזאַ שפּאַס פּאַסט פאַר אַזאַ פאַרשויין!

מען האָט זיך אין הויף געוווּנטשן, געזונגען, געשפּילט, געטרונקען און געטאַנצט, אפילו גאָט געלויבט; מען האָט דער פּרינצעסן אַ נאָמען געגעבן — קוניגונדאַ. נאָר צופרידן איז קיינער נישט געווען! די מעדיצי־נער, די גייסטלעכע מיטן ציגיינער האָבן זיך געקריגט, געשאָלטן און די האָר אויסגעריסן — יעדערער האָט זיך צוגעשריבן דעם גאַנצן פאַרדינסט אין דער זאַך. דער קעניג האָט, נאַטירלעך, געוואָלט אַ פּרינץ און גערעכנט, אַז די קעניגין האָט עס אים צו להכעיס געטון! ווי אַזוי? אַ קשיא אויף ווייבער! נאָר דער עיקר אומצופרידן איז געווען גאַנץ אַלערלייבורג. עס האָט אַזויפיל געקאָסט — דער גאַנץ־יאָריקער שטייער פון זאַלץ — און צום סוף אַ פּרינצעסין! דער קעניג איז נאָך אפילו יונג, האָט אַפּעטיט, אויפן

פּנים — א מאַנספּאַרשוין, נאַר ווער ווייסט! ער צעוואָרפט זיך אויף פּע־פּערלעך און אַלערליי קליינקייטן און וועט נישט צוזאַמענעמען די כּוחות אויף א פּרינץ! און מאַכט ער חלילה צו אן אויג, וועט רעגירן א נקיבה — א שאַנד פאַר אַזאַ לאַנד! — אָדער די זעקס און דרייסיק קעניגלעכע פּעטער וועלן צערייסן אַלערלייבורג, ווי די וועלף!

מיט דער צייט איז דאָך שטיל געוואָרן. די נויט־העלפער זענען זיך צעפאָרן, דער קעניג האָט זיך געטרייסט מיטן הויף־נאַר און א ניי פּעפּערל ביי א נייער הויף־דאַמע. אַלערלייבורג האָט באַקומען א וויכטיקער געשעפט צום זאָרגן: עס איז געוואָרן א פּגירה אויף שאָף, און אַלע האָבן אָן דער פּרינצעסין קוניגונדא פאַרגעסן!

געדענקט אָן איר האָט די קעניגין אַליין.

ערשטנס: א מוטער בלייבט מוטער, און צווייטנס — די קעניגין אַליין איז אויך פאַרגעסן געוואָרן, און די פּרינצעסין איז געוואָרן איר איינציקע טרייסט.

און זי האָט זיך מיט איר גאַנץ ערנסט פאַרנומען, מיטן גאַנצן האַרץ!

און דער קעניגין איז איינמאָל איינגעפאַלן, אז מען דאַרף זען די פּרינצעסין קוניגונדא זאָל גליקלעך זיין.

פון זיך אַליין האָט זי געוווסט, אז א קרוין אויפן קאָפּ איז נאָך גאָר קיין גליק נישט פאַרן האַרץ. גאַנץ אָפט האָט ביי איר אייגענעם מאַן דאָס איינפאַכסטע הויף־פרײלן מער גליק געהאַט פאַר איר. אויך טרעפט זיך, אז אין גאַס לאַכט מען און מען פרייט זיך פיל מער, ווי אין פּאַלאַץ. זי האָט, דורכפאָרנדיק, געזען נאַקעטע און באָרוועסע לאַכן, הונגער־דאַרע שמייכלען, בשעת ווען זי האָט געשנירט די ליפּן מיט כּוח, זיי זאָלן נישט ציטערן און אין די אויגן האָבן איינגעהאַלטענע טרערן, ווי פייער געברענט!

— גליק, — טראַכט די קעניגין, — מוז זיין ביי גאָט אין די הענט; פּיליכט דאָס איינציקע, וואָס ער האָט זיין שטעלפאַרטרעטער אויף דער ערד — דעם קעניג — נישט איבערגעגעבן! ווייל דער קעניג אַליין איז אויך נישט גליקלעך, טיילמאָל שלאָפט ער נישט! און זי האָט ער קוים אַכט צי צען טאָג געקאָנט גליקלעך מאַכן.

„גליק איז ביי גאָט אין דער האַנט!‟ און אויף דער קעניגינס באַפעל האָבן זיך נאָך אַמאָל פאַרזאַמלט די אַלע, וואָס האָבן, לויט זייער אַליין אָדער אַנדערע זאָגן, א דעה ביי גאָט!

בענטשן די פּרינצעסין זענען געקומען דערווישן, גלחים און רבנים...

און זיי האָבן איינער נאָכן צווייטן זיך ביי דער וויג געשטעלט;

אראָפּגעלאָזט די פרומע אויגן צום פרישן פּאָמידאָרן קעפּל אין וויג, אויפ־געהויבן זיי צום בלאַנקן גאָלד־קרישטאַלן הענגלייכטער אין דער הויך; גע־בלאָנקעט זיך מיטן בליק אויף אַלע פּאַרציטערטע אין דער הויך; געבלאָנ־קעט זיך מיטן בליק אויף אַלע פּאַרציטערטע פיר ווענט, אָדער אַרויסגע־שיקט דעם בליק דורכן פענצטער און נאָכגעיאָגט אַ לייכטן נעפּל אין בלויען הימל. דערביי האָט מען געמורמלט דעם שפּרוך...

דערפאַר האָט זיי די קעניגין טייערע גאַרטלען געשענקט; געשטיקטע, — פאַר די גלחים — מיט בריליאַנטן, פאַר די דערווישן — מיט פּערל און פאַר די רבנים — מיט גאָלדענע פעדעם.

נאָר די קעניגין איז נישט צופרידן געווען! זיי האָבן גריכיש, לאַטיין, טערקיש און העברעאיש געמורמלט; אַלץ אויף פרעמדע, אויף טויטע שפּראַכן. צי האָבן זיי געבענטשט צי געשאָלטן? ווער ווייסט?

זי האָט קיין איינציק וואָרט נישט פאַרשטאַנען.

און די אַם, — די שענסטע און געזונטסטע פויערטע פון גאַנצן לאַנד, — איז אויך נישט צופרידן פון גייסטלעכן שפּרוך. זי רעדט אויס איר האַרץ פאַר דער קעניגין:

זי גלויבט אין גאָט, זי גלויבט ש ט אַ ר ק אין גאָט! אַז גאָט וויל, — זאָגט זי, — קאָן ער אַלעס. נאָר צי קאָן ער אַזויפיל ו ו ע ל ן? ער איז צו אַ גרויסער פּריץ אין זיינע הויכע הימלען און האָט צופיל צו טון. וועמען ער מוז אַלץ שפּייזן! פון שוואַכסטן גרעזל, וואָס ציט זיך קוים לעבעדיק פון אַ טראָפּן בלאָטע אַרויס, ביז דעם העכסטן בוים, וואָס שפּאַרט זיך מיט געוואַלט אין הימל אַריין! ער מוז שפּייזן די לייכטע פייגל אין דער לופט, די פרעסיקע פיש אין וואַסער, די חיות אין וואַלד און אויסער דעם אַלע, אַלע מענטשן! טייל דאָס שענצטע און דאָס בעסטע, אַנדערע כאָטש אַ שטיקל דאַר ברויט אויף אַ מעת־לעת! וויפל פויערן און פויערטעס, וויפל יידן און פּריצים, וויפל גלחים און גרויסע לייט! ווען רוט ער? ווען האָט ער צייט צו באַטראַכטן?

זי ווייסט! טיילמאָל איז ער זיך טועה פאַר איילעניש, און שפּריצט מיט רעגן, ווען מען דאַרף עס זאָל טריקענען דאָס היי, און דאָס פּי נעבעך פּגרט און פּגרט! אַן אַנדערש מאָל כאַפּט ער און שיט פייער פאַר וואַסער און פאַרברענט די תבואה אויפן פעלד און מענטשן עסן קלייען, קאַרטאָפל־שאָלן און לוים, און פלאַנצן, אָדער שטאַרבן פאַר הונגער! זי אַליין האָט זיך פריער געהאַלטן אָן גאָט! שטענדיק פאַר אים געוויינט און געבעטן זיך, נאָר זעלטן האָט עס איר געהאָלפן... נאָר עפּעס אַנדערש איז זיין קעניגער,

דער טיוול, ימח שמו. (דער „ימח שמו" איז אונדזער, די פויערטע קריגט דאָס פּיבער ביי זיין נאָמען.) ער איז שוין, זאָגט זי, א זיכערער פּאַטראָן! ער איז אויך גרויס, ער האָט אויך א פּאַלאַץ פון פייער אונטער דער ערד, נאָר ער פירט קיין וועלט נישט; ער האָט צייט! און דערצו איז ער א לעבּ־קינד, א פריילעכע זאַך און קיינמאָל נישט שטאָלץ ביי זיך. טײלמאָל כאַפּט ער זיך אפילו אריין אין קרעטשמע און טאַנצט מיטן ערשטן בעסטן פויערן־מיידל, אז עס פליען פונקען! גאַנץ אָפט פאַרשטעלט ער זיך אין אלערליי מענטשן, חיות און עופות און באַווייזט זיינע קונצן! א פרייער פויגל איז ער, און דעריבער קאָן מען אמאָל ביי אים מיט א גראָשנדיק ליכטל מער פועלן, ווי ביי גאָט מיט וועקסענע ליכט און שטורקאַצן!

— על־כן, — ראַט די אַם, — זאָל די קעניגין ביי אים בעטן גליק פאַר דער פּרינצעסין קוניגונדאַ! זאָלן זיך אויף איר באַפעל פאַרזאַמלען אַלע כישוף־מאַכערינס פון גאַנץ אַלערלייבורג און ווינטשן און בענטשן דאָס קינד. און וועלכע עס וועט זאָגן דעם בעסטן ווונטש, זאָל באַקומען דאָס שענסטע און טייערסטע געשאַנק.

דער קעניגין איז אביסל אומהיימלעך געוואָרן, דאָך האָט זי אויס ליבע צו דער פּרינצעסין קוניגונדאַ איבערגעדייבערט די שרעק און געהייסן אויפזוכן אַלע אַלטע מכשיפות.

דערביי, פאַר דאַנקבאַרקייט צו דער אַם, האָט די קעניגין באַפוילן, מען זאָל אויסזוכן דאָס בעסטע ערדענע פּייפערל און שיקן איר קינד אין דאָרף אריין — א מתנה פון דער קעניגין.

די געשיכטע שווייגט, צי דאָס פּייפערל איז אָנגעקומען גאַנץ אין דאָרף אריין, נאָר דאָס איז זיכער, אז גאַנצע זיבן אַלטע, איינגעשרומפּענע מכשיפות האָבן זיך אויפגעקליבן אין אַלערלייבורג; אז זיי זענען אריינגע־קומען, איז פינצטער געוואָרן אין צימער, און א שאָטן האָט זיך געלייגט אויף דער פּרינצעסינס וויג. די קעניגין האָט געפילט, אז די שרעק פרעסט איר צו דאָס האַרץ, נאָר עס איז שוין צו שפּעט געוועזן זיך צוריקצוציען; באַליידיקן דעם טיוול טאָר מען אוודאי נישט! זי האָט זיך געמאַכט א האַרץ און האָט צו די כישוף־מאַכערינס אזוי געזאָגט:

— אָט דאָ אין דער גאָלדענער וויג, ליגט די פּרינצעסין קוניגונדאַ! מען זעט עס אין איר דערווייל נישט אָן, נאָר אז זי וועט אויפוואַקסן מיט גאָטס הילף, און דערציוויגן ווערן אונטער מיין אויג און אונטער דעם אויג פון אונדזער הויף־צערעמאָניע, זינג־שפּיל־און טאַנץ־מייסטערן און וועט נאָך רעדן אביסל פראַנצויזיש, וועט זי זיין פּרינצעסין אין יעדן פאַל. ווער

שמועסט, אז זי וועט אָנטון א גאָלדן געשטיקט קלייד, גארנירט מיט טייערע שטיינער און ארויפלייגן א קרוין אויפן קאָפּ — וועט עס א בלינדער זען! נאָר דאָס, אייגנטלעך, ווייסט איר אליין! — — אצינד הערט: מיט אלעם גוטן — רייכטום, ערע, א פּרינץ, און פּילייכט א פּארטיקן קעניג, פּאר א מאן, וועלן מיר, דאָס הייסט דער קעניג און איך, די פּרינצעסין שוין פּאַרזאָרגן! נאָר פון מער האָבן טוט דער קאָפּ נישט ווי — ווינטשט מער, ווינטשט וואָס איר קענט, און איך וועל אייך רייך באַלוינען.

— גוט, — האָבן געענטפערט די זיבן אלטע שווארצע ווייבער און געצויגן קניפּלעך אין וואָס פאר אָרדענונג זיי זאָלן צוגיין צו דער וויג.

און די ערשטע כישוף־מאכערן האָט געזאָגט:

— גליקלעך קינד! א פּרינצעסין ביסטו שוין געבוירן; גיטער און שלעסער און א געקרוינטן מאן, וועלן דיר דער קעניג מיט דער קעניגין מן־הסתם געבן! די קעניגין אליין זאָגט עס! איך פון מ יי ן זייט ווינטש דיר ג ע ז ו נ ט !

די קעניגין האָט זיך דערפרייט. איר קינד וועט נישט מאָזלען, נישט פּאָקן, נישט ליידן אויף ציינדלעך! עס וועט זיך אים אפילו פון אויערל נישט גיסן! עפּעס א שפּרענקעלע איז געשטאנען אויף דעם נעזל ביי דער פּרינצעסין, איז עס אויך ביים שפּרוך פארשוווּנדן געוואָרן!

— און לאנג זאָלסטו לעבן! — איז דערווייל צוגעגאנגען און געזאָגט די צווייטע.

— אויך א גוטע זאך, — טראכט די קעניגין, — אלטע ווייבער האָט אפילו די וועלט נישט ליב, נאָר אלטע פּרינצעסינס מוז מען שוין ליידן; איר וועט מען אייביק קושן די האנט!

די דריטע האָט געווונטשן: און שיין זאָלסטו זיין, ווי די וועלט!

די קעניגין האָט זיך נאָך מער דערפרייט! אין דער זעלבער סעקונדע איז די קליינע רויטלעכע פּרינצעסין געוואָרן ווייס, ווי אן אלבאסטער, באַשיינפּערלעך האָבן איר אָנגעהויבן זיידענע הערעלעך צו שפּראָצן! אך, פון אלע עקן אין דער וועלט וועלן פּרינצן און קעניגן קומען און קניען און בעטן איר האנט!

— און קלוג, — האָט די פערטע געזאָגט, — זאָלסטו זיין, ווי די וועלט!

— ווייל! — רופט אויס די קעניגין. זי וועט זיי רעטענישן שטעלן, קלוגע, טיפע רעטענישן, און ווער עס וועט טרעפן, וועט זיין איר מאן!

די פינפטע האָט געוואונטשן: ליבע צום מאַן. די זעקסטע: ליבע פון מאַן צו איר. ענדלעך איז צוגעגאַנגען די זיבעטע און געזאָגט:

— דו האָסט שוין אַלעס, פּרינצעסין, אַצינד ווינטש איך דיר, זאָלסט קיינמאָל נישט פאַרלאַנגען נישט־דיינס, נישט וועלן וואָס פרעמדס איז.

— וואָס? — האָט אויסגעשריען די קעניגין פאַרוואונדערט, נאָר די אַם האָט אָנגעהויבן אַרומצוטאַנצן אין שטוב פאַר פרייד און גערופן:

— אָ! אָ! גוט און פרום וועט זי זיין, מיין פּרינצעסין וועט שוין גוט און פרום זיין!

מיט אַן אַם טאָר מען שוין נישט שפּאַרן, און די קעניגין האָט געמוזט דער זיבעטער בישוף־מאַכערן אויסער אַלע מתנות נאָך צוגעבן אַ פּאָר גאָלדענע פּאַנטאָפּעלעך, אין וועלכע זי האָט געטאַנצט צו די תנאים...

און עס איז געשען אַזוינס, וואָס זייט די וועלט שטייט איז נאָך נישט געשען. אַלע זיבן ווייבער האָבן אמת געזאָגט. שוין אין וויג האָט די פּרינצעסן געבליט ווי אַ רויז, און האָט זיך אַזוי קלוג געוויזן, אַז מען האָט זי פאַרעכנט אין סענאַט אַריין! נאָר באַלד דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט אַלץ איז גאָלד, וואָס עס גלאַנצט, און אַז אַ בישוף־מאַכערן טאָר מען נישט טרויען.

איינמאָל, שטעלט אייך פאָר, זעצט זיך אויף די פּרינצעסן אין וויג און זאָגט:

— וויגט מיך נישט, פאַרדרייט מיר נישט דעם קאָפּ!...

מען האָט איר צוליב געטון.

דערנאָך האָט זי באַפוילן:

— וויקלט מיך נישט! וואָס בינדט איר מיך? לאָזט מיך פריי!

עס איז אפילו אַ מינהג פון קדמונים, נאָר מען האָט איר דאָס אויך נאָכגעגעבן.

ערגער איז געווען, אַז די פּרינצעסן האָט זיך איינמאָל אויפגעזעצט און געפרעגט די קעניגלעכע מוטער, פאַרוואָס אירע בריסטן האָבן קיין מילך נישט. פייער־רויט איז די אָרעמע קעניגין געוואָרן און איז אַרויס פון שטוב. די אַם ענטפערט כמעט מיט כעס:

אַ קעניגין איז נישט קיין געוויינלעכע פרוי, זי זאָל אַרומגיין, ווי אַ קו מיט מילך...

— און די הויף־דאַמען? — פרעגט ווייטער די פּרינצעסן.

— דאָס זענען דאָך מאַמזעלן! — שרייט אַרויס די אַם, פאַרגעסנדיק,

אז זי רעדט מיט א קינד. דאָס זענען דאָך מאמזעלן, זיי פּאסט גאָרנישט צו האָבן א קינד, און מילך באַשערט נאָך נאָר דער מוטער פאר איר אייגן קינד!

— בין איך דיין קינד? — פרעגט די פּרינצעסן שארף.

היים און קאַלט איז דעם אַם געוואָרן.

— מיין קינד, — ענטפערט זי, און פּלוצלינג האָט איר א קוואַל טרערן געשפּריצט פון די אויגן, — מיין קינד איז אין דאָרף געבליבן, פּיכט ברוסט זייגט עס... איך בין אהערגעקומען דיך, פּרינצעסן, צו דערנערן! א גרויסער כבוד, א גרויס גליק האָט מיך געטראָפן!

— און פאַרוואָס וויינסטו?

— פאר פרייד! — שרייט אויס פארצווייפלט די אַם. נאָר עס האָט נישט געהאָלפן.

— וואָס נישט מיין איז, וויל איך נישט! זאָגט די פּרינצעסן און האַלט זיך דערביי שטאָל און אייזן; מען האָט זי געמוזט אנטוויינען.

נאָר דאָס איז נאָך ווייניק. שפּעטער ווערט זי געוואָר, אז זי טראָגט, וואָס פרעמדע האָבן אויסגעארבעט, וווינט אין א פּאלאַץ, וואָס פרעמדע האָבן געבויט, און עסט, וואָס פרעמדע האָבן פארזייט, געשניטן, געמאָלן און געבאקן.

דאָס וויל זי נישט!

— וואָס דען ווילסטו, פּרינצעסן?

כל־זמן זי קאָן אליין נישט ארבעטן, וויל זי אין וואַלד אריין, אונטער גאָטס הימל וווינען, פרוכטן פון פרייען בוים עסן און קליידן זיך ווי די מוטער חוה מיט בלעטער.

— איז דיר אונדזערס פרעמד? — פרעגן דער קעניג מיט דער קעניגין.

— עס איז נישט א י י ע ר ס! — ענטפערט די פּרינצעסן און טורפּעט מיט די פיס.

נאַטירלעך איז זי גיך און באַלד פארשוווּנדן געוואָרן.

אין געהיים האָט אַלערלייבורג געטרויערט, נאָר אזוי האָט קיינער אַפילו נישט דעם מוט געהאַט צו פרעגן, ווו זי איז אהינגעקומען. איז זי אנטלאָפן אָדער פארשיקט, אויף דער צי אויף יענער וועלט? ביינאכט, ביי זיך אין דער פינצטער אויפן בעט האָט נישט איינער געזיפצט. נאָר אזוי — שאַ!

פון דער כישוף־מאכערנס ברכה איז א ק ל ל ה ג ע וו א ָ ר ן!

נאָר די פּרינצעסן איז נישט אנטלאָפן, אויך האָט מען זי נישט אומ־געבראכט.

אויפן קעניגס פּאַלאַץ שטייט אַ הויכער טורעם, מען זאָל אים אין הימל דערקענען. אין טורעם איז דאָ אַ קליין אייזערנע שטיבעלע, מיט אַ פּיצעלע פענצטערל, דורך וועלכן עס זעט זיך ארויס אַ קליין פּיצעלע ערד, נאָר אַ סך הימל.

דאָרט אין שטיבעלע, אונטער ריגל און שלאָס, זיצט די פּרינצעסן.

בײנאכט באַטראַכט זי די שטערן אין הימל און וואונדערט זיך, וואָס זיי זענען אזוי קאַלט; אזוי ליכטיק און דאָך נישט ווארעם; בייטאָג האָט זי עפּעס אנדערש צו טון. נישט ווייט פון פּאַלאַץ איז געשטאַנען דעם קעניגס שמידעריי, ווו עס האָט געאַרבעט אַן אַלטער שמיד מיט אַ מיטל־יאָריקן געהילף און אַ לערניונג, נאָך כמעט אַ קינד.

ערשטנס, האָט זי ליב געהאַט צו באַטראַכטן די פונקען.

— אַ מערכה פאַרן פּאַלאַץ, טראַכט די פּרינצעסן, וואָס זיי צעפּליען זיך אזוי לייכטזיניק און ווערן באַלד פאַרלאָשן. אנישט וואָלט שוין לאַנג פון פּאַלאַץ קיין שטיין אויף אַ שטיין נישט געבליבן.

— אַ שאָד, — זיפצט ווייטער די קלוגע פּרינצעסן, — אזוי פיל פייער און אָן אַ שום נוצן!

שפּעטער האָט זי זיך גענומען צו באַטראַכטן די אַרבעטער אין דער שמידעריי.

— אויפהאַקן מיינע שלעסער, טראַכט זי, וואָלטן נאָר ז י י גע־קאָנט! נאָר ז י י קאָנען מיך באַפרייען!

— לײדער, טראַכט זי ווייטער, איז דער אַלטער שמיד צו אַלט! צווישן אייביקן האַמערן און קלאַפּן, איז ער טויבלעך, מען זעט עס אין די תנועות זיינע, און ווען איך רוף זיין הילף, וואָלט ער מיך נישט גע־הערט! זען וועט ער מיך אויך נישט! ער קוקט קיינמאָל נישט העכער פאַר זיין אייגענעם האַמער!

זיין געהילף (פירן זי ווייטער די געדאַנקען) איז יינגער. שטילער־הייט וואַרפט ער אַ בליק אינדערהייך, עס איז מעגלעך, ער זאָל מיך דער־זען. ווען די אַרבעט שטייט, קאָן ער מיך הערן! נאָר רעטן — וועט ער מיך נישט! ער האָט צופיל שרעק אין אויג, ער בייגט זיך צופיל און צו טיף, אז עמעץ גייט דורך פון הויף, ער וועט די העזה קיינמאָל נישט האָבן!

— מיין גאַנצע האָפענונג, שמייכלט זי צו זיך אַליין, איז דער יונג ביים באַלג... איך דערקען אין זיינע פייערדיקע אויגן, אז ער וועט עס

וואגן! איך דערקען אין זיין פייפן ביי דער ארבעט, אז ער האָט ווייניק, גאָר ווייניק דרך־ארץ! טיילמאָל גיט ער א מאך מיט דער האנט, גלייך ער וואָלט דעם באַלג מיטן אמבאָס צוזאמען איבערגעקערט... אז איך וועל אויפוואקסן און ארויסשטעקן דעם קאָפּ דורכן פענצטער, וועט ער מיך דערזען, אז איך וועל מיט א קרעפטיקערער שטימע רופן, וועט ער מיך הערן!

און דאמאָלט (שמייכלט זי ווייטער צו זיך אליין און ווערט רויט פאר פארגעניגן), דאמאָלט וועט ער זיך פארליבן אין מיר, מיך באפרייען און איך וועל אים גליקלעך מאכן.

אזוי טרייסט זיך די פּרינצעסן קוניגונדא.

אין א צייט ארום (יאָרן רעכן איך נישט) איז אין אלערלייבורג ווייטער נייעס געשען.

אלערלייבורג איז איבעראשט געוואָרן, עס וועט שוין נישט צעריסן און פארטיילט ווערן צווישן זעקס און דרייסיק קעניגלעכע פעטערס! א נייער פּרינץ פון דער נאָדל איז געבוירן געוואָרן! — דער קעניג אליין האָט עס נישט געגלייבט!

הערנדיק, אז די קעניגין פילט זיך אנדערש ווי אלע מאָל, האָט ער, דער קעניג, מיט די פּלייצעס געקוועטשט און גרויסע אויגן געמאכט; ווען די קעניגין איז באשיימפּערלעך דיקער געוואָרן, האָט ער, דער קעניג, זיך דערמאָנט, אז איינמאָל האָט די קעניגין געטרונקען אין וואלד וואסער פון קוואַלן, און האָט געוויס איינגעשלונגען א פראָש, און ער וואקסט איר אין בויך!

אז מען האָט שפּעטער פארגעשלאָגן דעם קעניג, מען זאָל רופן די אקושערן מיט גאָלדענע צוואנגען, איז ער בייז געוואָרן און געהייסן רופן א מאָגן־דאָקטאָר, ער זאָל ארויסטרייבן דעם פראָש!

און אז דער קעניג האָט געזאָגט פראָש, האָבן אלע נאָכגעזאָגט: פראָש!

און אז דער פראָש איז דערנאָך ארויס מיט הענט און פיס און אויגן, ווי א מענטש, האָט ער, דער קעניג, א געשריי געטון: צו וועמען איז ער ענלעך? נאָר גיך און באלד האָט ער אין דער פראגע פארגעסן. אויפן ערשטן באַל האָט ער געפונען גאָר א ניי, פריש, וווּנדערלעך פּעפערל און האָט אינעם פּרינץ פראָש גאָר אינגאנצן פארגעסן.

צו וועמען דער פּרינץ פראָש איז ענלעך, ווייס מען נאָך נישט, נאָר נערוועז איז ער און קרענקלעך... און דער הויף־דאָקטאָר צווייפלט, צי פון אים וועט נאָך אמאָל ארויס באַדיי א פּרינץ־פליג אָדער פּרינץ־פלוי.

נאָר דער עיקר מעשה איז, אז בשעת דער קעניג האָט געעפנט דעם גרויסן באַל מיטן נייעם פּעפּערל, בשעת ווען טראָמפּייטן און פּאַנפּאַרן האָבן געשמעטערט און גאַנץ אַלערלייבורג האָט געשריגן „הורא!", האָט דער באַלג־יונג, וואָס איז דערווייל אויפגעוואַקסן, אויפגעריסן די שלעסער און באַפרייט די פּרינצעסן קוניגונדא.

זיי זענען דערווייל ערגעץ באַהאַלטן, נאָר מיט דער צייט, רעכנט מען אויף זיכער, וועלן זיי גליקלעך ארוים אויף דער ליכטיקער שיין. — און דאמאָלס וועלן אלע זיבן ווייבער האָבן אמת געזאָגט.

אָבער דאַווענען מוז מען דאָך

בערל שניידער האָט קוים דערלעבט זיין זון, דער דאָקטאָר, זאָל צוריק אהיימקומען, אין דער היים וועט ער האָבן פּראַקטיקע, מען וועט שוין קרענקען!

געקומען איז דער זון פרייטיק, און שבת וויל אים דער פאָטער מיטנעמען דאווענען.

— איך וועל נישט גיין, טאטע! — מאכט דער דאָקטאָר...

— וואָס, שעמסט דיך מיט מיר צו גיין?

— גאָט באַהיט, טאטע, וואָס פאלט דיר איין...

— אָבער, אז מען איז א דאָקטאָר, מיינסטו, דאַרף מען שוין נישט גאָט בעטן, גאָט לויבן?...

— נישט דאָס, טאטע...

— וואָס דען? זאָג, ביסט אפשר מיר, חס־ושלום, נישט געזונט?

— ניין, טאטע! נאָר גיין וויל איך נישט.

— איך בין א בעלן צו וויסן פארוואָס.

— נו, אדרבא, זעץ דיך, טאטע, איך וועל דיר זאָגן פארוואָס.

דער אלטער לייגט אוועק דעם טלית און זעצט זיך.

— נו, זאָג אדרבא, לאָמיך אויך פארשטיין א זאך!

— גוט... שטעל דיר פאָר, טאטע, אז דו ביסט רייך, אזוי רייך, אז עטלעכע רובל מאכן ביי דיר גאָרנישט אויס..

דער פאָטער זיפצט אָפּ. כדי פון זון א דאָקטאָר צו מאכן, האָט ער זיך איבערן קאָפּ פארזעצט. א הייזל האָט ער געהאט — אויס הייזל, קאָ־מאָרינע זיצט ער, די מאַשינען אויך פארקויפט.

— נו, — מאכט ער, און זיפצט שווער אָפּ.

— אַלזאָ, דו ביסט רייך, און קעגנאיבער דיר וווינט אן אַלמנה, א שוואכע, א קראַנקע אַלמנה, לאָז נאָך זיין מיט קינדער און מען דאַרף זי שטיצן.

— וואָלט איך אוודאי געשטיצט!

— נאָר, צי וואָלסטו געוואָרט, ביז די אַלמנה זאָל דיך קומען בעטן, חלשן פאַר דיר, אויסגיסן טייכן טרערן?

— חס־ושלום? נאָך וואָס? אַז איך ווייס...

— און גאָט, וואָס איז ער, בעסער אָדער ערגער פאַר דיר?

— וואָס רעדסטו, אַ שאלה דאָס איז!

— נו, — טריומפירט דער זון דער דאָקטאָר, — אַז גאָט איז בעסער, ווייס ער אַליין, וואָס אַן אָרעמער, שוואַכער, קרענקלעכער מענטש באַדאַרף, און וועט נישט וואַרטן, מען זאָל אים בעטן...

— אָבער...

גאָט לויבן, מיינסטו?

— זאָל זיין...

— נו, טאַטע, ווי וואָלט דיר געפעלן, עס זאָל זיך דיר עמעץ אַנטקעגנשטעלן און לויבן אין די אויגן: אַריין: אַ ווילער, אַ גוטער שניידער, אַן ערלעכער שניידער. אָבער וואָס הייסט אַ שניידער! נאָר אַן אמתער שניידער! אַן איינאיינציקער שניידער!

— אַך, — מאַכט אומגעדולדיק דער אַלטער, — די גרינע גאַל גייט זיך אָן!

— און ווייסטו פאַרוואָס? ווייל דו ביסט קיין נאַר נישט, זאָלסט הנאה האָבן פון נאַרישן לויבן. און דו ביסט אַ מענטש, אַ שוואַכער מענטש, וואָס שענדן קאָן דיר שאַטן, און לויבן העלפן...

— אָבער...

— קיין אָבער! טאַטע, קיין אָבער! גאָט איז קליגער פאַר אונדז, און ער, מיינסטו דאַרף אונדזער לויב! ער דאַרף, מען זאָל זיך דריי מאָל אין טאָג אַנידערשטעלן: אַ גוטער שניידער, אַ ווילער שניידער —

— וואָס רעדסטו...

— נו, זאָל זיין: אַ גוטער גאָט, אַ ווילער גאָט, הימל און ערד באַשאַפן... צי ווייס ער נישט בעסער?

דער אַלטער פאַרטראַכט זיך אַ רגע און כאַפּט זיך אינמיטן אויף.

— אַלץ ריכטיק, — זאָגט ער! — אָבער ד אַ ו ו ע נ ע ן מוז מען דאָך!

פען דע סיעקל[1]

אבלוי זיידן פרוכת, וואָס מיר רופן „הימל”, טיילט אָפּ איין וועלט פון דער צווייטער.

איבערן פרוכת איז סאַמע „רוחניות” — הוילע גייסטער; קיין „גוף” און קיין „כוח בגוף”, קיין שטויב פאַר א מיליאָן!

אונטערן פרוכת איז פאַרקערט — סאַמע עפר ואפר, סאַמע זומפּ, סאַמע ערד. צי עס האָט זי דער האַמער, וואָס שמידט אויס די וועלטן, צוזאַמענגעשלאָגן אויף פעסטע, מאַסיווע, איינגעשפּאַרטע, פינצטערע שטיקער, צי ער האָט זי מיט א זעץ געשטויבט און צעשפּריצט, און זיי פליען אַרום פראַנק און פריי אין דער לופטן אין דער הייך — בלאָטע בלייבט בלאָטע!

„פון חזירהאָר קאָן מען קיין שטריימל נישט מאַכן” און אויפן פאַרשימלטן זומפּ וואַקסן תאוות, ווי די הונטס־שוואָמען.

און דאָס בלוי־זיידענע פרוכת איז די גרענעץ צווישן ביידע וועלטן, און די זון, די לבנה מיט אַלע שטערן — סיי די גאָלדענע, סיי די זילבערנע — זענען די יעגער, וואָס היטן די גרענעץ, וואָס לאָזן נישט אַרויף קיין שטויב פון דער בלאָטיקער ערד.

און וואָס געשיט, אַז עס הייבט זיך טיילמאָל אויף א שטויב צו הויך און וויל דווקא אין הימל אַריין?...

טייל זאָגן, אַז דער „עזות־מחוצף־פּנים” ווערט פאַרברענט, און אַנדערע, אַז ער ווערט אין פייער גערייניקט, און — אַרויפגעלאָזט...

---

1) פען־דע־סיעקל — דער סוף פון יאָרהונדערט (היינט — פון ניינצנטן), און ווייל דער געבילדעטער ניינצנטער יאָרהונדערט האָט זיך גאָר צום סוף איבערגעדרייט און איז פרום־אַנטיסעמיטיש געוואָרן, דעריבער, ווו מען זעט אַן אָפּגעלאָזטקייט, א מידקייט, א שיגעון, א נאַרישקייט, אַ ווילדקייט, וואָס עס איז נישט געוויינלעך, — זאָגט מען: „פען־דע־סיעקל”, דאָס ברענגט אַלץ דער „סוף פון יאָרהונדערט”.

איבערן פּרוכת איז — ווי געזאָגט — סאַמע רוחניות.

רוחניות איז דער הימל — גאָטס פּאַלאַץ.

רוחניות — די מלאָכים, זיינע לאָקייען, די זאַנפט־ליכטיקע — ווי די הייס־ברענענדיקע...

גייסטיק איז אויך אַלץ אינעם פּאַלאַץ פון כסא־הכבוד, וואָס פאַר־בלענדט מיט טויזנטער זונען ביזן פאַרשעמטן טעלערל, וואָס שטייט אינעם טונקעלסטן ווינקעלע...

גייסטיק זענען אויך אַלע טויזנטער קליינינקייטן, וואָס זענען צע־וואָרפן ביים „זעיר אנפּין" אויפן טיש.

און — איך וויל אייך אויסזאָגן אַ סוד — פון אַ קורצע צייט קו־מען אָט די קליינינקייטן אונדזערע נשמות אַרויס.

איר פרעגט, ווו עס איז אהינגעקומען דער אוצר הנשמות?

ער איז דאָ!

דאָס איז אַ מאַגאַזין מיט טויזנטער, טויזנטער מינים סחורה — געמיינע, בעסערע, גוטע, גאָר גוטע, סופּער־פּען, נעק־פּליוס־אולטרא און גאָר דאָס אויבערשטע פון דער סמעטענע.

איי, איי, וואָס פאַר אַ טייערע נשמות עס זענען דאָרט פאַראַנען!

למשל: נשמות עליונות!

אַז אַזוינס כאַפּט זיך אַראָפּ אויף דער וועלט, פליט עס אַרום אין גאָטס ווייַנגאָרטן, ווי — להבדיל — אַ בין, און זייגט אויס דעם האָניק פון אַלע בלומען, אָדער (ווי די געלערנטע זאָגן) „די לאָגיק פון די פאַקטן!", אין אַלץ וואָס עס געשעט, דערזעט עס נישט נאָר אַ שכל, טיילמאָל אפילו אַ יושר. און עס איז בטבע אַזאַ גוטע בריאה, אַז קוים דערטאַפּט עס דעם יושר, פּאַטשט עס בראַוואָ, און אַרום שטייט אַן עולם מיט אָפענע מיילער און פּאַטשט נאָך!

געניאַלע נשמות, אָדער, — ווי די לשון־קודש־שרייבער זאָגן: „גאונים" — דאָס זענען אַזוינע לייט, וואָס גייען פאַרן פינצטערן פאָלק ביינאַכט, ווי אַ פייערדיקע זייל, פאַר דאָס זענען זיי רויכיק און וואָלקנדיק בייטאָג. נאָר סיי־ווי־סיי האָבן זיי די זכיה — צו פירן די דורות איבער דעם מידבר; ווייל אַמאָל דאָס פּעבל נישט גיין, הונגעריק און מיד פון שווערן זאַמד, כאַפּט עס אַ געניאַלע נשמה אַן ביי די האָר און שלעפּט.

עס טרעפט זיך אויך פאַרקערט: דאָס פּעבל ווערט בייז און כאַפּט אָן די געניאַלע נשמה ביי די האָר און וואַרפט זי אין אַ לייבנגרוב, אין אַ קאַלך־

אויוון, אָדער אזוי אין א בלאָטע אריין; נאָר דאָס מאכט נישט אויס, אזוי איז דער גאנג איבער דעם מידבר!

אָט די איידעלע נשמות — דאָס זענען אזוינע גאָלדענע, גאָר קלייַנע פליגעלעך; זיי לייכטן נישט, זיי ווארעמען נישט, נאָר שיין זענען זיי און אין דער פינצטער צעלאָזן זיי זיך, ווי פונקען איבערן דאך פון א שמידעריי...

אין טייל נעכט איז מען יוצא מיט זיי פאר שטערן, באַלעבאטים זעען זיי און לייגן זיך אויס אויפן גראָז, מאכן צו די אויגן און זעען די שענסטע חלומות.

דאמאָלט ווערט זיי לייכט און ווייך אויפן הארץ, זיי וואָלטן די גאנצע וועלט געהאלדזט און געקושט, א י י ן העלפט אוודאי.

אינטערעסאנטער נאָך זענען די אָריגינעלע.

אזאַ בריאה האָט א געוויינלעכע הויט, אן איינפאכע נאָז, פּראָסטע אויערן, אליץ, ווי גאָט האָט פאר' אלע באשאפן, נאָר אינעווייניק — אביסל פארקנוידערטע נערוון.

אזא נשמה זעט דעם קול פון טראָמפּייט, הערט דעם טעם פון האָניק, פילט דעם ריח פון לבנה־שטראלן און קאָן אָנטאפּן דעם שאָטן פון אַ לאנג־געשטאָרבענעם מפיל־קינד!

תמוז באַדעקט זיי גאנץ אָפט א גענדזענע הויט פאר קעלט, און אינמיטן ווינטער שוויצן זיי פאר היץ, און א גאנץ יאָר עסן זיי ווערמוט פאר האָניק־שטאָק.

דער פּראָסטער עולם זאָגט: משוגע! נאָר מענטשן, וואָס פארשטייען, זאָגן: הע! הע! ווו נעמט מען א סך אזוינע!

עס זענען נאָך פאראַנען האָר־שפּאַלטנדיקע, שאַרף־נאָדל שפּיציקע נשמות.

זיי גנבענען ארויס ביי דער שטיפמוטערישער נאטור אלע סודות, מאכן זיך אויף זיי פאטענטן און פירן זיי ארויס צו פארקויפן אויפן וועלטמארק...

היינט — נשמות ראַקעטן!

דאָס זענען אזוינע נשמות, וואָס בליצן אויף, פליען פייפנדיק דורך אין דער לופט און ווערן פארברענט, אפילו מיט ווייניק נוצן, נאָר פאר דאָס מיט גרויס פּראכט! און — וואָס פאר בראוואָ זיי קריגן!

איר זעט, אז איך לייקן נישט אין אוצר הנשמות: פארקערט — איך בין מודה, אז ווער עס קריגט אַזאַ נשמה, גלייך פון אוצר ארויס, נישט

קיין גילגול, וואָס האָט זיך שוין אַרומגעוואַלגערט אין אַן אָקס, אַ טכויר, און גאָט ווייסט וואָס נאָך פאַר אַ חיה — אַז דער, וואָס קריגט אַזאַ נשמה דירעקט, איז אַ מענטש; אַ מענטש, וואָס, ווי עס איז, אַנטלויפט ער נישט פאַר זיך אַליין, שעמט זיך נישט מיטן אייגענעם פּנים און באַהאַלט עס נישט אין בלאָטע, שעצט זיין קורץ לעבן און פאַרשפּילט עס נישט אין דריידל, צי אין קאָרטן!...

יאָ, עס זענען אַמאָל געווען בעסערע צייטן!

דער אוצר־הנשמות איז געשטאַנען אָפן, פראַנק און פריי; אויפן טיש איז געלעגן דאָס גרויסע בוך פון הוצאה והכנסה, און דער מאַגאַ־זינער, — דעמאָלט נאָך אַ יונגער מלאך, מילך און בלוט — האָט גע־שריבן און געשריבן: נשמות אַריין, נשמות אַרויס.

רעכטס פלעגן אַרויספליען פרישע ווייסע טייבלעך מיט פעדערלעך, ווי שניי, און לינקס פלעגן אָנקומען אביסל אונטערגעברודיקטע, מיט מאַטע אייגעלעך, איינגעבויגענע קעפּלעך און אביסל אויסגעצופּטע פלי־געלעך. און דורך אַ רער האָבן זיך געהערט די באַפעלן פון זיבעטן הימל, איין באַפעל נאָכן צווייטן: אַ נשמה — לק"ק רייוועץ, דריי — לברך טיש־וויץ, זעקס — קיין האַציפּלאָץ, אַ האַלב שאָק — קיין טייוולסקוויט, אַמאָל אַ נשמה קיין ווארשוי אויך... און נאַכט אויף נאַכט פלעגט אַרויס אַ טראַנספּאָרט נשמות...

היינט איז די ראַסע אַ פּיזישע זאַך; די פּייכטקייט אין דער לופט, ווייסט מען, זעצט זיך אָפּ אין געשטאַלט פון טראָפּן, אויף די אָפּגעקילטע בלעטער און גראָזן, און דאָס איז דער טוי. —

דאַמאָלט איז עס טרערן געווען, טרערן פון די פרישע נשמות, וואָס האָבן איינעם פליען די פינצטערע ערד דערזען, און האָבן זי פאַר שרעק מיט די טרויעריקע פּערל פאַרזייט...

און אַלע האָבן דאַמאָלט געקריגן נשמות און אמתע נשמות, פונעם רב ביזן בעדער, נאָך איידער אַ מלמדם פּוס האָט אָנגערירט די קאַלטע פּאָדלאָגע, האָט זיך שוין אַ מלאך, מיט אַ נשמהלע אונטערן אָרעם, אויס־געגלייכט די ווייסע פליגל, געמאַכט זיך גרייט אין וועג אַריין...

ליידער — אַמאָל איז געווען!

היינט איז דער אוצר פאַרהאַמערט, די וועגן אַריין און אַרויס באַ־וואַקסן מיט גראָז...

אינעווייניק זיצט דער אייגענער מאַגאַזינער, נאָר ער האָט שוין אַן אַנדער פּנים. אַ קיילעכדיקע לבנה אויפן קאָפּ, אַ נאָכגעלאָזטע אונטער־

שטע ליפּ און א ציטעדיק שיטער גרוי בערדל... מיט מעשענע ברילן, פאַר־רוקט אויפן פאַרמעטענעם שטערן, זיצט ער און דרימלט; נעמט ער אמאָל די פעדער אין דער האַנט, רייניקט ער אוים מיט איר די שאָקלדיקע ציין...

פון צייט צו צייט הייבט אָן א נשמה ערגעץ אין א ווינקעלע צו גענעצן, עס טוט נאָך א צווייטע, א דריטע, עס גענעצט דער מאַגאַזין — דער מאַגאַזינער כאַפּט זיך אויף, מאַכט א שטרענג פּנים, עפנט דאָס מויל אָנצושרייען און — גענעצט מיט...

איך וויים נישט, ווי אזוי עס געהער זיך אָן ד י וועלט מיט י ע נ ע ר וועלט... צי איז י ע נ ע וועלט דער איידעלער אָפּגלאַנץ פון ד ע ר, אָדער ד י איז נאָר א פאַרגרעבטע פון י ע נ ע ר — נאָר „אויבן איז אויך „פּען־דע־סיעקל".

דאָס פּרוכת פון יענער צייט זעט אוים, ווי א כמארע פאַר א וואָלקן־בראָך, אָנגעזאַפּט מיט שוועבל... די שטערן זענען ענלעך צו די געלע מעשענע נעגעלעך אין אן אַלטמאָדישער קאַנאַפּע... די לבנה זעט אוים, ווי א צינערנער פּורים־טעלער אויף א מחצית השקל... איין זון, וואָס האָט נאָר א לייטיש פּנים, נאָר ווער זעט זי?

פּען־דע־סיעקל שלאָפט נאָך מאַרפינע בייטאָג און שלענדערט זיך אַרום דענערווירט ביינאַכט אין אַלע גאַסן...

פּען־דע־סיעקל אין הימל!

פויל־גרין אָדער וואקסן־געל — זענען דאָרט די איינציקע מאָדערנע קאָלירן... פויל אוועקמאַכן מיט דער האַנט, ווי אָפּצובייגן א פאָדעם שפּינ־וועבס פון פּנים, איז די איינציקע באַוועגונג! רירן זיך אמאָל בלאָנע־בלויע ליפּן, איז „עט!" דאָס איינציקע וואָרט, וואָס ווערט פויל קוים אוים־געאָטעמט...

טיילמאָל הייבן זיך שווערלעך אויף א פּאָר שיטערע ברעמען. עס באַווייזן זיך א פּאָר מילעכדיקע לבנהדיק־תמעוואַטע אויגן און קוקן זיך אום, נישט פאַרוואונדערט, נישט אינטערעסירט, איין גאָט ווייסט נאָך וואָס, און זיי פאַלן באַלד צוריק.

„נאָך וואָס לוינט צו עפענען דעם אוצר־הנשמות!"

„און אז מיליאַרדן פונקען וועלן אריין אין דעם זומפּ, וועט עמעץ ביי זייער גלאַנץ א י י ן סעקונדע גליק דערזען?"

„און וואָס העלפט עס, אז מען שיקט פון צייט צו צייט אראָפּ גע־ביען? זיי קומען צוריק ריינע פּורים־שפּילער, באַהאָנגען מיט פּאַפּירענע מעדאַלן און נאָכשלעפּנדיק מיט א גדלות די האַלצערנע שווערטן!"...

„און אז איינער פארגעסט נישט זיין ראָלע און קאָפּעט אוועק די פּינצטערע וועלט פון אָרט, — שלענדערט זי זיך צום ערשטן־בעסטן שטיין אויפן וועג און פארזינקט נאָך טיפער אין דער בלאָטע...

„און שיקט מען זיי ליכטיקע נשמות, נשמות מיט אידעען, פאר־טוישן זיי די אידעען אויף איבערצייגונגען, אויף פריר־פונקטן, ווו דער מוח ווערט געפרוירן און פארגלעזערט אויף אייביק און קאָן שוין קיין אנדערע געשטאַלט נישט באקומען"...

„פון די איבערצייגונגען ווערן נייע שטיינער אויפן וועג"...

אזוי טראכט דער פּע־דע־סיעקל אין הימל. —

און אז דער מלאך הממונה על ההריון קלאַפּט אָן נאָך א נשמה, פארן גרעסטן גבירם בן־יחיד וועגן, לאָזט כביכול אַראָפּ פארשעמט די הייליקע אויגן; ער פּויקט ווייטער אין דער שויבן־טיר, „זעיר אנפּין" ווערט אומגעדולדיק און וואַרפט אים אַרויס וואָס עס איז פון שטוב... וואָס עס איז... וואָס עס קומט אים אונטער דער האַנט, אונטערן פוס, קליינוקייטן, וואָס עס לאָזט זיך לייכטער אָנכאַפּן און ארויסשליידערן דורך טיר און פענצטער... און פון די קליינוקייטן קומען ארויס קליינע, דראָבנע נשמהלעך! זיי זענען אָפּט גאַנץ שיין, טיילמאָל אויך נוצלעך, אפילו געלערנט, נאָר דראָבנע... זיי זענען אזוי קליין, אז די גרויסע וועלט קאָן אין די קליינע מוחות נישט אריין... מען מוז זי קינסטלעך שפּאַלטן אויף פעלקער, מדינות, פּראָווינצן, אפילו דערפער און שטעט...

און יעדע שטאָט און יעדעס דאָרף טיילט זיך ערשט אויף קלאַסן...

„דער זאַטער איז דעם הונגעריקן קיין חבר נישט!"

„ווייסע הענט און שווארצע הענט קאָנען נישט צוזאַמען כוהנים דוכענען!"...

און יעדעס קליינע וועלטל האָט זיינע קליינע נביאים, דראָבנע פּאַטריאָטן, פּיצלעך פּאָליטיקער... ווייל דאָס איז אַלץ קליינוקייטן פון טיש אַראָפּ...

אָט — פון פרעספּאַפּירל ווערט א קליין באַלעבאַטיש טיראַנדל איבער ווייב און קינד; ער קאָן נישט אַנדערש!

פון א שנויץ פון א סטערין־ליכט ווערט א מלמד, א לערער, א „פון דאַנען ביז דאַנען", וואָס דרייבערט און קאָן קיינעם נישט ליכטיק מאַכן אין מוח...

פון א האַנט־שערל ווערט א רעדאַקטאָר, א ליטעראַט, צי אָן אויס־

שניידער, פון א טיש־גלעקל — א פאָרזיצנדער פון א קליינער צדקה־חברה, מיט גרויסע וועטשערעס...

פאַלט אַמאָל אַרויס א צאָן־בערשטל, ווערט פון יעדער האָר א דענ־טיסטקע.

איינמאָל (פאַרציילט מען אויף זיכער) איז אין הימל א זייגער שטיין געבליבן און דער אומרו איז אַרויס דורכן פענצטער; ער האָט זיך צעשפּרייט איבער טויזנטער קהלם לייט, שתדלנים, מליצי־יושר, רעדל־פירער, קליינע משיחלעך... עס רוישט און קלינגט: טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק . . . עס דוכט זיך, מען טוט, מען גייט און מען רירט זיך נישט פון אָרט...

אפילו די געלערנטע זענען אַזוינע דראָבנע, פּיצלעך נשמהלעך, ווי די שפּילקע־קעפּלעך... יעדע זיצט זיך אין איר ספּעציאַליטעט... קעניגט אין אירע אָפּגעמאָסטענע פיר שפּאַן!

אָ, דאָרט קען זי אַלץ! יעדע שפּאַרע, יעדעס שפּעלטל! דאָרט ווערט יעדער שטויב געמאָסטן און געוווינן, באַשמעקט און באַטאַפּט, און פאַר־זוכט! און אַלץ ווערט פאַרשריבן לזכרון — דער טעם און דער ריח און אפילו דער שאָטן, וואָס איין שטויב וואַרפט אויפן צווייטן...

נאָך די פיר שפּאַן, איז זי אין א פרעמדער מלוכה אָן א „באַדע־קער" און אָן א פּאַספּאָרט.

דאָרט איז זי בלינד און פּלאָנטערט, און שלאָגט מיט די פליגעלעך, ווי א פלעדער־מייזל אינמיטן שיינעם העלן טאָג!

דאָרט איז שוין א פרעמדע וועלט, דאָרט זיצט שוין אַן אַנדער שפּיל־קע־קעפּל און גריבלט, און טאַפּט, און שמעקט, און מעסט אויס יעדן שאָטן פון יעדן שטויב...

פון די קליינע פּונקטן קאָן קיין פייער נישט אַרויס, זיי קומען זיך קיינמאָל נישט צוזאַמען און דעריבער איז אַזוי קאַלט, אַזוי נאַס, אַזוי גרוי און קויטיק די גאַס, דער מוח, דאָס האַרץ...

נאָר פּראַקטישע מענטשן זאָגן, אַז אַזוי ד א ר ף זיין! אַז קויטיק, גרוי און בלאָטיק איז — דאָס לעבן, דער אמת, דער פאַקט, אַז וואָס עס גלאַנצט (און עס איז דערביי קיין גאָלד נישט), נאַרט אָפּ, וואָס עס האָט קאָלירן, איז קינדער־שפּיל, זייפן־בלעזלעך, חלומות וויסטע...

און יעדער פּראַקטישע טאַטע, איידער ער פאַרמאַכט אויף אייביק די קלוגע, כאָטש שוין האַלב־פאַרשטאַרטע אויגן, כאַפּט אָן מיט דער ביינעריקער האַנט דעם איינציקן זון און באַשווערט אים: הייב דעם קאָפּ

פון דער בלאַטע נישט אויף! וועסט דיך נאָך, חס־ושלום, פאַרקילן און דעם קאַטער קריגן!

און דעריבער פאַלט די הארצגעטרייע מאמע אויפן האלדז פון דער באַדעקטער טאָכטער, און נעצט איר דורך דעם שלייער מיט הייסע טרערן, און בעט זיך ביי איר, און חלשט: טאָכטערשי, זאָל זיך דיר אין לעבן נישט חלומען!

און דעריבער לייגט דער שטרענגער פּראָפעסאָר דעם דאַרן פינגער אויף דער שאַרפשפּיציגער נאָז און וואָרנט די שילער:

— קינדער, היט אייך פאַר פאַרבן!

און דער סטרוזש פון הויז בלייבט פון צייט צו צייט שטיין אינ־מיטן הויף, אָנגעשפּאַרט מיט דער גאָמבע אויפן בעזעם, און קוקט צו די לאָקאַטאָרן אין די פענצטער אריין, צי גלאַנצט נישט, חלילה, ערגעץ א שויב...

און די אלע פּראַקטישע, קלוגע מענטשן, אויב זיי גייען ארום אין מארק און טרעפן א מענטש מיט שטראַלנדיקע אויגן, לויפן זיי זיך צו־זאַמען א רעדל און קאַפּען הינטערוויילעכטס אוועק מיט די פּיס...

— —

אָט — איך ליג אזוי און קלער, און דאָ שפּאַלט זיך דער הימל און איך זע, וואָס עס טוט זיך אין פּאַלאַץ ביים זעיר־אנפּין...

א מלאך פויקט ווייטער אין פענצטער אריין! ע ר ווערט, כביכול, בייז, כאַפּט אראָפּ די קרוין פון קאָפּ און וואַרפט זי אים פון פענצטער ארויס...

און אָך זע, ווי, כביכול, דער זעיר־אנפּין, איז געבליבן זיצן אין דער קרוין, מיט א רויטן פּאַס אויפן געטלעכן שטערן, — דאָס האָט אים געמאַכט דער שאַרפער ראַנד פון דער קרוין, — און א הייליקער טראָפּן שווייס איז אראָפּגערונען פון אונטערן רויטן פּאַס...

און ע ר. כביכול, האָט אָפּגעאָטעמט פריי און א הייליקער, דער־בארעמהארציק־גוטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין געטלעכן פּנים!

און דערווייל האָט די קרוין אויפן הארטן קאָפּ פון מלאך געפּלאַצט... זי האָט געפּלאַצט און איז צעשפּרינגען געוואָרן... און טויזנטער, טויזנטער שפּריצן פון בריליאַנטן און רובינען, פון סאַפּיר און אָפּאַל זענען זיך צעפלויגן פון דער געטלעכער קרוין.

און עס זענען אראָפּ אויף דער וועלט טויזנטער, טויזנטער נשמות פון די שפּריצן פון דער געטלעכער קרוין! און זיי זענען זיך צעלאָפן אין

שטעט און אין דערפער, אין פאלאצן, הייזער, צעלטן און היילן! און ווי עס איז אריין א שפּריץ פון דער געטלעכער קרוין, דאָרט האָבן זיך גע־עפנט א פּאָר געטלעכע אויגן.

און דערפון זענען אויסגעוואקסן גאָר אנדערע, אנדערע מענטשן...

מיט קלענערע מאָגנס, נאָר פאר דאָס מיט גרעסערע הערצער און מוחות, און אין יעדן מוח האָט זיך אָפּגעשלאָגן די גאנצע וועלט, נישט קיין דראָבנער חלק פון איר... און די הערצער האָבן געשלאָגן פאר אלע, פאר אלע פון דער געטלעכער קרוין, נישט נאָר פאר היימישע, פאר אייגענע...

און איינער האָט דעם אנדערן און נאָך בעסער זיך פארשטאנען... און קיינער האָט זיך פאר קיינעם נישט געהיט, פאר קיינעם נישט אנט־לאָפן און קיינעם נישט געזאָגט...

און עס איז ליכטיק און העל געוואָרן אויף דער וועלט, און איינער האָט אינעם צווייטן דעם ברודער דערזען און דערקענט. —

און א פּאָליציימאַן איז ארויסגעגאנגען אין אלע גאסן מיט א פויק און האָט גערופן: לערנט אייך, לערנט אייך! וואָס איר וועט דערקענען, דאָס וועט איר ליב באקומען!

ליידער איז עס דערווייל נאָר א חלום געווען!

פליגל

א קאַלטער, פריער ווינטער־מאָרגן.

אַ געדיכטער ווייסלעך־גרויער נעפּל הילט איין די הייזער און הייבט זיך לאַנגזאַם איבערן נאָך נישט געריירטן שניי.

אומעטיק און קאַלט.

פון נעפּל לאָזט זיך אַראָפּ אַ יונגע, שוואַרץ־גלאַנצנדיקע קראָ, מאַכט עטלעכע נידעריקע רעדלעך, און שטעלט זיך אויפן הויך־אויסגעבעטן שניי.

זי איז הונגעריק, דזשאָבעט אינעם שניי און זוכט זיך עסן.

צי מעג מען?

עס באַוועגט זיך אַן אָפּגעריסענער גאַסן־הונט; אָפּגעחלומט און פאַר־וואָגלט, שלעפּט ער קוים די דינע פיס; דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די אויגן פאַרלאָשן... נאָר — ער דערזעט די קראָ.

ער דערזעט זי, און אין דער רגע צוקט ער זיך אויס, די אויגן פלאַ־מען אים.

— הור־ר־! הור־ר־! — בילט ער און שפּרינגט צו צו דער קראָ. אַפּנים — מען טאָר נישט!

די קראָ שרעקט זיך דאָך ווייניק, שטיל און מיט חן שפּרינגט זי אָפּ אָן אַ זייט; דער הונט וואַרפט זיך נאָך, שפּרינגט זי הינטערוויילעכטס צוריק, דער הונט מאַכט א י י ן טריט, די קראָ פ י ר...

— הור־ר! הור־ר! הור־ר!

דער הונט פאַלט שוין אין רציחה אַריין; דאָס בילן ווערט שטאַרקער און שטאַרקער, דאָס וואַרפן זיך נאָך דער קראָ שנעלער און שנעלער.

— הור־ר! הור־ר! הור־ר!

ענדלעך איז דער קראָ נימאס געוואָרן דאָס בילן מיטן אָפּשפּרינגען.

זי הייבט זיך לאַנגזאַם און שטאָלץ אויף אין דער לופט און ווערט פאַרשוווּנדן אינעם נעפּל.

זי וועט געפינען אַ שניי, אויף וועלכן קיין הונט האָט נישט צו שאַפן...

נאָר איך?... איך?... ווו נעם איך פרייען שניי? ווו זענען מיינע פליגל?

עס ענדערט זיך

פארוואָס איך ענדער מיך?

אָ, מאַדאַם! — פאַרוואָס ענדערט זיך די נאַטור?

אַ לאַנגע צייט האָט זי געוואָלט זיין שיין, העל און קאַלט: ליכטיג, קלאָר און שטאָלץ. דערנאָך — ברענענדיק און פלאַמענדיק; הייס צו דערווערגן! אינמיטן האָט זי זיך גאָר פאַרטראַכט, און ווערט גרוי, לאַנגווייליק־טרויעריק...

הערבסט ביי מיר אויך!

אינדערפרי, אומהיימלעך, קאַלט, נעפלדיק...

און איך טראַכט: אַך, ווען זיי זאָלן קומען, וואָלטן זיי דעמאָלט געקומען... נאָר, אַך! זיי וועלן אזוי פרי נישט קומען.

מיטיק־צייט... עס באַווייזט זיך אביסל זון... עס ווערט וואַרעמער, ליכטיקער און דאַמאָלט אַרבעט איך!

איך אַרבעט און האָף, און בלייב אין דער אַרבעט! איך גלייב און לאַך פון דער וועלט, פון מיין מרה־שחורה, פון אייך אויך, מאַדאַם!

דעם אמת מוז מען זאָגן!

דערנאָך, פאַרנאַכט, איך ווער מיד... עס הייבט אָן טריפן, הימל און ערד גיסן זיך אינעם נעפל צוזאַמען, אַלץ פאַרזינקט אינעם נאַסן נעפל... די פלאַם אינעם לאָמפ גוססעט, שטאַרבט אָפּ...

עס ווערט צוריק טרויעריק, אומהיימלעך, פינצטער און קאַלט.

דאַמאָלט שרעק איך מיך און בענק — נאָר נישט צו אייך, מאַדאַם!

שטערן

א העל־אויסגעשטערנטע ווינטער־נאכט!
אך, איר העלע, אויסגעשטערנטע זומער־נעכט, פארוואָס זייט איר אזוי העל, אזוי שיין, ווען ביי מיר אין הארץ איז אזוי אומעטיק און פויל?

פארוואָס איז ביי מיר אויפן הארץ אזוי אומעטיק און פויל, ווען איר זייט אזוי העל, אזוי שיין?!

איך לאך אויס דער וועלט. זאָגן אלע גרין, זאָג איך ווייס! אויף מיין אייגן בלוט זאָג איך: ווייס, נישט רויט, ווי אלע זאָגן! ווער הערט זיי? לאכנדיק שפּאציר איך צווישן טויטע, צווישן לעבעדיקע בין איך טויט! בליט ביי איינעם א האָפענונג אין הארץ, רייס איך זי אויס און ווארף זי אויפן מיסט, און פון מיסט עפּעס אויפהייבן און קושן, און סניען פארן אָפּשיי — איז ביי מיר א פארגעניגן!

איך לאך אויס דער וועלט, נאָר אויס העל־אויסגעשטערנטע זומער־נעכט לאך איך נישט!

זיס און הייליק זייט איר, העל־אויסגעשטערנטע זומער־נעכט, כאָטש איך האָב לאַנג קיין הייליקייט, און האָב דעם געשמאַק פון זיסקייט פאַר־לוירן!

אין א שטילער, זיסער, העל־אויסגעשטערנטער זומער־נאכט עפנט זיך אויף דער קבר אין שטיינערנעם הארץ, און א לאַנג־פארשטאָרבן פאַר־לאַנגען וועקט מיך אויף...

לעבן, א רגע לעבן וויל איך, נאָר א שטארק ריזיק לעבן זאָל עס זיין — אזוי לעבן א סעקונדע און פארשווינדן, אויפבליען און פארלעשן! אין הימל באוועגט זיך א פינצטערע מאסע אָן א שטראַל, אָן לעבן; זי באוועגט זיך צעשטרייט אין דער הייך: אַן אומבאַקאַנטע קראַפט יאָגט זי,

און יאָגט זי אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און די פינצטערע מאַסע יאָגט זיך און שוועבט אַלץ שנעלער און שנעלער. וווהין? נאָך וואָס? דאָס ווייס זי נישט, זי פרעגט נישט און פליט און אין פליען צעהיצט זי זיך, צע־פלאַמט און צעפלאַקערט, און — פאַלט...

זי פאַלט, נאָר אין פאַלן פלאַקערט זי און לייכט אַ סעקונדע!

אַך, אַ שטערן!

ר' שלומה'ס מעשה'לעך

1

אַ פּאָרעדע

עס איז געווען אויף דער פּראָווינץ דאַנערשטיק ביינאכט אין בית־המדרש.

אינדערהיים מאכט מען שבת...

דער באַק־אויוון פּלאַקערט, ווי חוזק צו מאַכן אוים ליכט און לאָמפּ, פּליען אַלעמאָל ארויס פון באַק־אויוון פייערדיקע צונגען און טרייבן אַ ווילדן טאַנץ איבער די ברודיקע ווענט און דער נאַסער פּאָדלאָגע...

ווייבער מיט פּאַריסענע קאָפּקעס, פאַרשאַרצטע אַרבל און פלאַמענדיקע אויגן לויפן אַרום צווישן מולטער און טייג, אָפּאָלקעס און זאַלץ־ברעטלעך, ווי משוגע, אונטער די פיס קנאַקט אייער־שאָלעכץ, פּישטשעט ציבעלע־שאָלעכץ, שפּריצט די בלאָטע, טיילמאָל שיסט אויס אַ פיש־פּענכער... אין די הענט טאַנצן טעלער און כלים...

עס ווערט שבת געמאַכט...

עלטערע באַלעבאַטים אַנטלויפן קוים מיטן לעבן אין די בעטן אַריין. צי מען שלאָפט צי ניין, געדעקט איז מען איבערן קאָפּ און — שטיל, ווי אַ מויז!

יונגעלייט כאַפּן אַ פּאָפּליניק 1), טיילמאָל אַ קלאַפּ פון קאָטשערע, און אַנטלויפן אין בית־המדרש אַריין...

חברה פילט זיך פראַנק און פריי...

זעלטן עמעץ זאָל זיצן, ווי אַ מענטש, ווייל יעדערער האָט זיין איי־

---

1) אויפן פלאַם געבאַקענע טייגלעך.

גענע אַרט צו זיצן. איינער האַלט פון אַזיאַטישע מינהגים און לייגט אונ־טער די קני, אַ צווייטער פּאַרט אויפן אַמעריקאַנישן אופן מיט די פּיס אויפן טיש אַרויף; אַ דריטער רייט מיט גדלות אויף דער אָנלען פון באַנק; אַן אַנדערער ציט זיך גאָר אויס איבער דער ברייט פון טיש...

רואיק זיצן איז אויך קיין שטייגער נישט אין בית־המדרש: מען וויגט, מען שאָקלט זיך, מען מאַכט מיט די הענט אַ ווינטמיל, מיט די פּיס אַלערליי פיגורן; דער קאָפּ שטייט אויך נישט איין אויף איין אָרט און אַלץ איז איבערגעדעקט מיט אַ לייכטן נעפּל פון די דינטשיקע פּאַ־פּיראָסלעך, וואָס מען דערלאַנגט זיך פון מויל צו מויל נאָר אַ שלעפּ צו טון!

און די פּלעמלעך פון עטלעכע חלבנע ליכטלעך, אַריינגעזעצטע אין קאַרטאָפל אָדער צוגעקלעפּטע צום טיש, ציטערן; ווילד־משונהדיקע שאָטן טאַנצן אַרום אויף ווענט און באַלקן...

די ליכטלעך דאַרף מען אָפּט שנייצן און דערצו זענען מיר שוין מייסטער געווען!

אָנשפּייען צוויי פינגער, אַראָפּכאַפּן אַ שנויץ, אָפּווישן די האַנט אָן פּאָלע, איז כהרף־עין; מען האַקט זיך אפילו נישט איבער די רייד!

אין בית־המדרש, אייגנטלעך, רעדט מען נישט, נאָר מען שפּאַרט זיך! אַלץ איז אַ וויכוח!

יעדע זאַך האָט, געוויינלעך, אירע עטלעכע זייטן, און אַ חברה־מאַן כאַפּט זיך אָן אין איינע פון זיי, ווי אַ חייב־מיתהניק אין די הערנער פון מיזבח, נישט אָפּצורייסן!

און דער וויכוח איז אַ ווילדע זאַך; אָן אַ פּרעזעס, אָן אַ גלעקל. ווער עס וויל כאַפּט דאָס וואָרט, רעדט, וואָס ער וויל, ווי אַזוי ער וויל...

לאַנג רעדט מען נישט! זעלטן עמעץ זאָל האָבן אַזוי פיל כוח און אָנ־כאַפּן דעם גאַנצן עולם ביי די פּאות און מיטשלעפּן מיט זיך אין זיין אייגן עולם־הדימיון אַריין. געוויינלעך האַקט מען באַלד איבער: שוטה, שרייט מען, אדרבה!

וויפל מענטשן, אַזויפיל ברענענדיקע פּאָר אויגן לאָקערן אויף דיינע ליפּן, טאָמער זאָגסטו אַ נאַרישקייט; אַזויפיל מיילער זענען גרייט איינ־צושלינגען דיך מיט דיינע רייד — היט זיך! נאָך איידער דו עפנסט דאָס מויל, פליט אָן ענטפער — אַ שפּיציק־פּאַרסמטע פייל, טיילמאָל גאָר אַ נאָס האַנטעך אין פּנים אַריין!

די זאַך, פון וואָס מען רעדט, איז דעריבער נאָר אַ קאַנווע אין אַ ראַם. יעדערער האָט זיך זיין נאָדל, זיין פּאָדעם און וועבט און שטיקט

שנעל אריין, ווי דער בליץ! די פארשידנפארביקע פעדעם טרעפן זיך, בינדן, קניפּן, רייסן זיך איבער, צעלויפן זיך, טרעפן זיך ווייטער און קנוילן זיך צוזאמען, און אזוי געדויערט עס, ביז עס גרויט דער בלאסער מאָרגן...

ווען די באלעבאטים זאָלן געווען וויסן, פון וואָס מיר רעדן איבער אָפענע גמרות, וואָלטן זיי די וועלט פארברענט, וויניקסטנס דעם בית־המדרש מיט די וואנצן צוזאמען...

איין ר׳ שלמה האָט געוווסט, נאָר ער פלעגט זאָגן: נר אלהים נשמת אָדם, און דערמיט מעגט איר זוכן אין אלע פינצטערע ווינקעלעך!

ווען גאָט זאָל עס נישט וועלן, וואָלט ער אין קאָפּ נישט אריינגעליינט א מוח, נאָר א צווייטע לונג־און־לעבער!

ר׳ שלומה איז אן אלמן אָן קינדער, איינער אליין, זיצט ער איבער די נאַכט אין אונדזער געזעלשאַפט.

— עס שלאָפט זיך נישט — זאָגט ער — אין מיינע יאָרן.

אָדער:

— וואָס וועל איך דאָרט זיצן איינער אליין און גריבלען.

און טיילמאָל איז ער מודה, אז ער האָט מורא פארן שלאָף.

— שלאָפן איז שטארבן — נאָך ערגער: מען מוז נאָך אויפשטיין, ארומגיין א טאָג און ווייטער שטארבן...

בעסער וועט ער הערן, וואָס יונגעלייט רעדן. ער וויל זען, — זאָגט ער — דעם זאָמען און וויל וויסן, וואָס עס וועט וואקסן נאָך זיין טויט...

אריינמישן וויל ער זיך נישט.

— זוכט אליין, יונגעלייט, אייער וועג. בלאָנדזשעט איר, שאַדט נישט. די פרייד, אז איר וועט דעם רעכטן וועג געפינען, וועט דערפאַר גרעסער זיין.

און שטילערהייט גיט ער צו:

אויב עס איז נאָר פאראנען דער רעכטער וועג!

נאָר, אז אונדזער וויכוח ווערט צו שארף, צו פלאַמענדיק, איבער־הויפּט, אויב עמעצנס א שוואכע האנט וויל קומען צוהילף דער שוואכער צונג, דעמאָלט מישט זיך ר׳ שלמה אריין, גיט א קלאַפּ אין טיש אריין, דער עולם בלייבט שטיל און ער דערציילט א מעשהלע.

באמערקט האָבן מיר, אז דאָס מעשהלע, וואָס ר׳ שלמה דערציילט, וואַרפט נאָר א ליכט אויף דער היינטיקער לאגע, אויפן היינטיקן טאָג,

און ענטפערט קיינמאָל נישט אויף דער פראַגע: וואָס דאַרף מען טון? וואָס וועט מאָרגן זיין?

אויף אַזוינע פראַגן ענטפערט נישט ר' שלמה, ער וויל נישט טרעפן, וואָס שפּעטער וועט זיין, און קיין רעצעפּטן פאַרשרייבט ער נ י ש ט.

— איך בין, — זאָגט ער, — קיין נביא, און, להבדיל, קיין פעלדשער נישט.

2

דער בריליאַנט

איינמאָל, דאָנערשטיק ביינאַכט, איך געדענק עס נאָך ווי היינט, האָבן מיר גערעדט וועגן רעליגיע און רעפאָרמען.

אָנגעהויבן איינגנטלעך האָט מען פון ליטעראַטור.

מען האָט זיך דערמאָנט אָן מאַפּוס „אהבת־ציון", פון „אהבת־ציון" איז מען אַרויף אויפן „עיט־צבוע" — איז שוין געווען אַ קאָנצענשפּרונג צום „הדת והחיים".

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויכוח.

איינער האָט געזאָגט, אַז פון „בראשית" ביזן „הכשר הזבח" (אונ־דזער קליינשטעטלדיקן שוחטס אַ ספר אויף שחיטה) איז א י י ן רע־ליגיע — איין אמונה — איין תורה, פון וועלכער מען טאָר נישט רירן קיין אות.

אַ צווייטער מאַכט זיך באַלד אַ שפּאַס: „פון צינדהעלצלעך, זאָגט ער, אַ צוזאַמענגעשטעלטער מגן־דוד; נעם אַרוים א י י ן העלצל, צע־פאַלט ער זיך אינגאַנצן".

מען שמייכלט, נישט צופרידן:

— נישט קיין צוזאַמענגעשטעלטער „מגן־דוד" איז עס, נאָר אַ בנין, אַ הויז, אַ בית־המיקדש!

„ווער עס רייסט אוים שטיינער און באַלקן, וויל אַלץ איבערפירן".

אַן אַנדערער מיינט: אַז אַ בנין — אַ הויז צי אַ בית־המקדש — מוז האָבן פענצטער און טירן! מוז האָבן ליכט און לופט; „אויב מען וויל נישט עס זאָל דערפון אַ תפיסה ווערן, צום דערשטיקן, צום דערוואָרגן ווערן! „וחי בהם" שטייט. עס דאַרף זיין אַ הויז צום לעבן, צום געזונט זיין, נישט צו פוילן און איבערגעוואַקסן צו ווערן, ווי קאַרטאָפל אין קעלער."

„און א הויז מוז מען אויך פון צייט צו צייט רייניקן, נישט דאָס מיסט האלטן אין שטוב, נישט אויפן אייביקן מיסט זיצן!“

עס טרעפט זיך אין אונדזער בית־המדרש נאָך א גרעסערער אפיקורס:

„א הויז — זאָגט ער — מוז מען אויך אמאָל איבערשיטן. אפילו די פונדאַמענטן מוז מען איבערקוקן, צי זיי פוילן נישט... און די באַלקן, צי פרעסן זיי נישט אויף די האָלץ־ווערעם“...

„אנישט פאלט אמאָל פלוצים איין א הויז, און די איינוווינער ווערן לעבעדיקערהייט באַגראָבן!“

עס געפינט זיך אפילו א שונא פון אלטע הייזער ביכלל!

איז נישט גלייכער א ניי הויז צו שטעלן, מיט נייע גרויסע טירן און פענצטער! א סך לופט, א סך ליכט!

דערווייל האָט מען געברענגט בייגל פון בעקער, פרישע, שמעקנדיקע, קנאַקנדיקע בייגל ...

אלע, אפילו דער, וואָס וויל א ניי הויז מיט גרויסע טירן און פענצטער, זענען צוגעלאָפן צום כיור, געוואשן זיך, אָפּגעווישט זיך אָן די פּאָלעס, געמורמלט די ברכה — און אין אלע מיילער האָבן אָנגעהויבן די פרישע בייגל צו קנאַקן...

מיט דער געלעגנהייט האָט זיך דער אלטער ר׳ שלומה באַנוצט און דערציילט אונדז די מעשה פון ברילאַנט.

אמאָל איז געווען — האָט ער דערציילט — א קאָלאָניסט.

פרעמד איז ער געווען אין דאָרף; ער האָט מיט קיינעם און קיינער האָט מיט אים נישט געהאלטן.

ער האָט [illegible] אן אנדער לשון גערעדט, און קיינער האָט אים נישט פארשטאַנען [illegible] נישט געוואָלט פארשטיין!

אמאָל האָט ער, [illegible] קאָלאָניסט, געפונען א ברילאַנט.

[illegible] דערויף האָט ער זיך נישט; קיין האָן איז ער [illegible] געווען און וואָלט אים אויף אַ קערנדל ווייץ נישט פאַר־

ער [illegible] בליצט; „עס איז א קליינע זון“, — טראַכט ער. עס מוז [illegible] אוצר.

נאָר [illegible] א טייערן שטיין צווישן פרעמדע לייט איז מען מיטן לעבן נישט זיכער!

ווערט מען געוואָר, וועט מען אים די ערשטע נאַכט באַפאַלן, די פענצטער ארויסנעמען און צונעמען דעם אוצר מיט דער נשמה צוזאַמען!

מען מוז באַהאַלטן דעם שטיין!

דעם ווייב אפילו וועט ער נישט זאָגן פון בריליאַנט א וואָרט. ער האָט זי ליב, נאָר א יידענע — לאַנגע האָר — קורצער שכל; זי וועט זיך נישט איינהאַלטן.

און ער נעמט זיך צוריקצווועגס צו דער קאָלאָניע און באַגראָבט דעם שטיין אין דער ערד, אין געמיזע־גערטל פאַרן הויז.

פאַר א צייכן לייגט ער אויף דעם אָרט א קיזל־שטיין; א שווערן קיזל־שטיין, ער זאָל דעם אָרט דערקענען, און אז עס וועלן קומען בעסערע צייטן, אָן קינאה־שינאה צווישן שכנים און ביפרט צו פרעמדע, וועט ער ווייסן, וווּ צו זוכן און צו געפינען דעם אוצר. דאַמאָלט זאָל ער שיינען און בליצן אין שיינעם העלן טאָג!

איינמאָל, האָט דאָס יונגע ווייבל דעם שטיין באַמערקט. עס איז איר א שאָד דאָס פּיצל ערד, וואָס דער קיזל־שטיין פאַרנעמט; אויף זיין אָרט קאָן ארויסוואַקסן א ציבלקעלע, אָן אוגערקע... א שאָד!

אַליין אוועקנעמען דעם שווערן שטיין קאָן זי נישט; רופט זי דעם מאַן צו הילף.

ער דערשרעקט זיך:

— גאָט באַהיט, — רופט ער אויס — ריר נישט דעם שטיין!

— פאַרוואָס?

— עס איז א מזלדיקער שטיין! ער ברענגט אונדז מזל וברכה!

— עס איז דאָך אָן איינפאַכער קיזל־שטיין!

— זעסט דאָך! אַזאַ סגולה האָט ער שוין!

זי גאַפט! זי איז נישט זיכער, צי דער מאַן מיינט עס ערנסט, צי מאַכט ער שפּאַס.

זי קוקט אים אין די אויגן אריין און זעט זיי ערנסט, כמעט האַרציק, אָן א לאַכנדיקן פונק.

נו, דעם מאַן האָט זי ליב, און האַלט אים פאַר קלוג און ערלעך און גלאַט — א יידענע! א יידענע איז שטענדיק צופרידן, אַז מ'קאָן אין עפּעס גלייבן, — אין א סגולה, אין א ווונק פון אויבן... און לאָזן צייט צו קלערן האָט זי נישט; דאָס גערטל מוז פאַרזייט ווערן! פאָלגט זי און טוט אירס.

אויפן צווייטן טאָג באַמערקט דער מאַן צ וו יי שטיינער אין גאָרטן.

— וואָס איז דאָס? ווער איז דער צ ו ו י י ט ע ר שטיין? — פרעגט ער.

און דאָס ווייבל שמייכלט.

זי איז גראָד ביינאַכט שלעכט געשלאָפן. עפּעס האָט די לבנה אַזוי וואונדערלעך אַריינגעשיינט דורכן לאָדן...

עפּעס איז איר אַזוי ענג, אַזוי באַנג געוואָרן אויפן האַרץ... זי האָט אַזוי מורא געהאַט...

דעם מאַן וועקן האָט זי נישט געוואָלט, האָט זי זיך מיישב געווען, שטיל זיך אַראָפּגעכאַפּט פון בעט, אַרויסגעשלייכט זיך פון שטוב און — צוגעלייגט נאָך אַ שטיין...

עס האָט זי באַרואיקט!

— אין צווייען — שמייכלט זי — איז שטאַרקער.

און וואָס זאָל ער טון, דער קאַלאַניסט? גיי בייזער דיך אויף אַ ייִדענע, ווען זי שמייכלט אַזוי קינדיש־זיס און לייגט דיר אַרויף די ווייסע שמאָלע הענט אויף די אַקסל און דערלאַנגט דעם אַלאַבאַסטער־שטערן צום מויל — — —

דעם ווייסן שטערן קושט ער מיט פאַרגעניגן, אין די בלויע אויגן זוכט ער אַן ענטפער אויף דעם, וואָס זי איז ביינאַכט אַזוי אומרואיק... און שווייגט!

דעם קוש אויפן שטערן האַלט דאָס יונגע ווייבל פאַר אַ לוין פאַר איר גוטסקייט און פרומקייט! און ווען עס ווילט זיך איר אַ קוש אין שטערן — לייגט זי נאָך אַ שטיין...

טוט ער עס נישט, באַווייזן זיך איר טרערן אין די אויגן.

דאָס פּאָר־פאָלק האָט קינדער געהאַט — אַ ייִנגל מיט אַ מיידל.

דאָס מיידל וואונדערט זיך נישט, פרעגט נישט און טוט נאָך דער מוטער.

די מוטער לייגט גרויסע, די קליינע טאָכטער — קליינע שטיינדלעך; נאָר די שטיינדלעך וואַקסן מיט איר צוזאַמען!

דער קלוגער זון פרעגט שוין: וואָס באַטייט עס?

— שטיינער, — ענטפערט די מוטער שטאָלץ, וואָס זי ווייסט אַזוי פיל — זענען מזלדיק.

—פאַרוואָס? — וואונדערט זיך דער קליינער — און וואָס הייסט מזלדיק? צי האָט מען אַמאָל מער ווי מען פאַרדינט, ווי מען אַרבעט אויס?

דאָס פאַרשטייט שוין די מוטער נישט.

— פרעג דעם טאַטן — זאָגט זי.

— וועסט עלטער ווערן — ענטפערט דער טאטע — וועסטו דאָס אויך פאַרשטיין!

און, אַז דאָס יינגל איז אויפגעוואַקסן, האָט אים דער פאָטער דער־ציילט דעם סוד פון בריליאַנט.

און אַזוי איז געשען אין אַ גאַנץ לאַנגער שורה פון דורות.

איינער האָט איבערגעגעבן דעם צווייטן דעם סוד.

אין יעדן דור האָט א יי נ ע ר געוווּסט פון בריליאַנט און די רעשט האָבן געגלויבט, אַז קיזל־שטיינער זענען מזלדיק; אַז וואָס מער, איז בעסער, און האָבן שטיינער געליִיגט.

שכנים קוקן און גאַפן.

טייל לאַכן אין די פויסטן אריין; אַנדערע, פאַרקערט, האָבן דרך־ארץ פאַר אַלטע מינהגים, וואָס זיי האָבן שוין, קומענדיק אויף דער וועלט ארויס, געטראָפן אַלס אַלטע מינהגים.

נישט איינער האָט געקלערט, עס מוז זיין נאָך פון דער צייט, ווען מלאכים זענען אויף לייטער געקראָכן און מענטשן האָבן געזען.

טייל שכנים האָבן געוואָלט באַווייזן דער מישפּחה זייער ליבשאַפט, און האָבן, פאַר חברקייט, אויפגעהויבן שטיינער פון וועג און אין גאָרטן אריינגעוואָרפן.

און אין דער מישפּחה אַליין איז דאָס שטיינער־וואַרפן שוין אַ קולט, אַ הייליקער מינהג געוואָרן, אַ מין „עבודת־הבורא".

יונגע לייט פּראָטעסטירן; אַלטע בייזערן זיך און דראָען מיט ביי־נערדיקע פויסטן!

יונגעלייט האַלטן רעדעס קעגן די שטיינער, און די אַלטע זאָגן:

— ווי אונדזערע עלטערן האָבן זיך געפירט, וועלן מיר זיך אויך פירן...

— אונדזערע עלטער־זיידעס זענען קליגער געווען פאַר אונדז און האָבן שטיינער געוואָרפן — מוז אַזוי זיין!

— נישט אונדזער וועלט, מיר זאָלן זי פאַרבעסערן, איבערמאַכן, אַ גוט פערד גייט אין קאָליע און ברעכט נישט די פיס!

און נאָך אַזוינע ווערטלעך און קלוגע שפּרוכן, אויף וועלכע עס שטייט די וועלט; דאָס הייסט, אונדזער מענטשלעכע וועלט!

און וויל אַ יונגערמאַן עפּעס טון דאַקעגן, ווילן די אַלטע „צעברעכן די אייער, וואָס ווילן קליגער זיין פאַר די הינער!"

און יאָר יערלעך שיידן זיך יונגע לייט מיט טרערן אין די אויגן פון אלטן הויז, פון דער אלטער מכשפה און גייען זוכן ארבעט אין דער פרעמד: עסן ברויט פון פרעמדע אויוונס, נעכטיקן אונטער פרעמדע דעכער; בעטן זיך קוים איין.

ווייל אין דער היים איז שוין נישט אויסצוהאלטן!

דער בארג שטיינער וואקסט פון טאָג צו טאָג.

ער שיט זיך אָפּ, און קומט מיט יעדן טאָג נענטער צום הויז.

מיט דער צייט האָבן די הייליקע שטיינער טיר און פענצטער פארוואָרפן.

— עס שאדט נישט! — האָט מען געזאָגט.

און מען שטעלט אויף א לייטער און מען קריכט דורכן קוימען.

עס האָט לופט פארפעלט; קיין אומגליק נישט! אז מען עסט ווייניק און לעבט ווייניק, דארף מען ווייניק לופט!

און לעבן איז נישטאָ פון וואנען.

נישטאָ וווּ צו זייען, וווּ צו אקערן — סאמע שטיינער, סאמע שטיינער!

— לאָזט כאָטש — בעטן זיך די יונגע — צוזאמענשארן די שטיי־נער; זאָלן זיי וואקסן אין הימל אריין, נאָר ווייניקער אָרט פארנעמען אויף דער ערד; זאָל זיין וווּ צו ארבעטן, וווּ צו אקערן און זייען.

— אפּיקורסים! — שרייען די אלטע. — איבער אונדזערע פּגרים וועט איר צוקומען צו די שטיינער...

ר' שלומה פארטראכט זיך א ווײַלע, נעמט ארויס א שמעק טאבאק.

מיר, וואָס האָבן שוין לאנג די בייגל פארגעסן און האָבן ביי דער מעשה דעם אָטעם פארהאלטן, אָטעמען אָפּ, און עמעץ פרעגט:

— און פארוואָס שווייגט דער, וואָס ווייסט פון בריליאנט און מאַכט קיין ש ל ו ם נישט צווישן די א ל ט ע און די י ו נ ג ע?

— בא, — ענטפערט ר' שלומה מיט א זיפץ — דאָס אומגליק איז טאקע, וואָס מיט דער צייט האָט מען גאָר אינגאנצן אָן בריליאנט פארגעסן!

צי איז עמעץ פּלוצלינג געשטאָרבן און צייט נישט געהאט א צוואה צו לאָזן...

צי האָט איינער זיין א י ג ע נ ע ם ט א ט ן נישט ג ע ג ל ו י ב ט און זיין אייגן קינד נישט געוואָלט געגלויבט...

נענוג. דעם בריליאַנט האָט מען פאַרגעסן און אַלט און יונג שלאָגן זיך איבער שטיינער!

ר׳ שלומה האָט געענדיקט.

און מיר פרעגן זיך:

— ווער איז דער בריליאַנט?

און מיר ווילן טרעפן:

— דאָס פינטעלע ייד?...

— „אנכי?"...

— „ואהבת לרעך כמוך"?

נאָר ר׳ שלומה ענטפערט נישט, אַ געהיימער שמייכל בלאָנדזשעט אים אויפן פנים.

— שקצים! — רופט ער — אַ היים, עס גרויט שוין דער טאָג!

.3

אין דול-הויז

אין דול־הויז איז עס געווען.

אַז מען האָט די נישט געפערלעכע משוגעים צוזאַמענגעפירט אין איין סאַלאָן אַריין צום אָפרוען, האָבן זיך די מעלאַנכאָליקער צעזעצט אויף די בענק און אָנגעהויבן שאָקלען מיט די קעפּ אויף פאַרשידענע אַרטן.

איינער שאָקלט אויף אַלעס: יאָ, יאָ! דער צווייטער: ניין, ניין, געוויס נישט! דער דריטער שאָקלט אהין און אהער, עס קאָן זיין „יאָ", עס קאָן זיין „ניין" און אפשר ביידע צוזאַמען... ווער ווייסט?

דריי נאָר זעצן זיך נישט.

משיח, דער מלאך גבריאל, און דער כביכול אַליין...

משיח טאָר זיך נישט זעצן, ער מוז גיין צו די טויערן פון רוים... אָי, עס האָט זיך געמאַכט אַן אינטריגע און מען לאָזט אים נישט אַרויס, נישט זיין דאגה, ער טוט זיינס און גייט... דעם דריטן נאַפּאָלעאָנס חכמהלעך קען ער!

דער מלאך גבריאל קאָן נישט זיצן, די גרויסע פליגלען טראָגן אים אין דער הויך, מוז ער פליען אויף און אָפּ...

דער כביכול, נעבעך, וואָלט זיך יאָ געזעצט, ער חלשט זיך זעצן, די פּיס זענען אים געשוואָלן פון אויף און אָפּ גיין, לאָזט מען אָבער אים אין זיין כיסא הכבוד נישט אריין! פאר יעדן בייל אין פוס וועט זיין אַ פּאַס ברענענדיקע סמאָלע, נאָר דערווייל מוז ער ליידן!

און אַלע דריי שפּאַצירן, נאָר נישט צוזאַמען, ווייל איינער גלויבט נישט אין צווייטן, כאָטש זיי אַלע קומען אַרויס פון איין בית־המדרש און פון די געדאַנקען געקומען איבער איין „מורה נבוכים"...

נאָר אַלע דריי לייקענען, משיח וועט ראַטעווען די וועלט, ווי עס איז, אָן מלאך גבריאלס גרויסע פליגל, אָן כביכולס ניסים... גבריאל ווייסט, אַז ווען מען עפנט אים נאָר אויף די תפיסה, הייבט ער אויף די גאַנצע וועלט אויף זיינע גרויסע, שטאַרקע פליגל און פליט מיט איר הויך, הויך, וווּ עס וואַקסן קיין קינאה, שינאה, קיין דורשט און קיין הונגער... און דער כביכול וויל מיט ביידע שאַרלאַטאַנען נישט רעדן... איבערהויפּט רעדט ער ווייניק... ער ווייסט, אַז ער האָט די וועלט פאַרפושט, אַז ער וואָלט פון איר אשפה געמאַכט, ווען נישט, וואָס ער האָט געשווירן זי אויפצוהאַלטן...

ו ע ן ער האָט געשווירן און ב יי ו ע מ ע ן — געדענקט ער נישט, נאָר אַז מען לערנט אַזוי אין חדר איז אוודאי אמת... שווייגט ער... נאָר לאָז ער זיך נאָר זעצן אויף זיין כיסא הכבוד, זאָל ער נאָר נעמען די לייצן אין האַנט אריין...

און זיי גייען אויף און אָפּ... משיח — פון מיזרח קיין מערב, גבריאל — פון מערב קיין מיזרח און דער כביכול צווישן צפון און דרום.

און די מעלאַנכאָליקער אַרום זיצן און שאָקלען מיט די קעפּ. יאָ, יאָ און ניין צוזאַמען און וויסן אפילו נישט, ווער עס שפּרייזט אַרום צווישן זיי.

איינמאָל איז דאָך געשען, אַז אַלע דריי האָבן מיטאַמאָל אינמיטן וועג, אינמיטן שטוב זיך געטראָפן און אָפּגעשלאָגן די נעז...

עס האָט אַ הילך געטון... אַלע דריי זענען אַ רגע שטיין געבליבן, פאַר־בליפט, דערצערנט, אויסער זיך!

און די מעלאַנכאָליקער האָבן עס אפילו באַמערקט, מאַנכע האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, אין טייל אויגן האָט זיך באַוויזן אַ שיין, אַ מין פּליאה... טייל האָבן אפילו די מיילער געעפנט, גלייך ווי זיי האָבן עפּעס צו פרעגן...

נאָר, ווי געזאָגט, עס האָט געדויערט אַ סעקונדע...

די דריי גאַר גרויסע האָבן אוועקגעמאַכט מיט די הענט: כדי זיך מיט זיי צו שטעלן! און צעגאַנגען יעדער זיין וועג.

די מעלאַנכאָליקער האָבן צוריק פאַרמאַכט די מיילער, דער פונק אין די אויגן איז צוריק פאַרלאָשן, זיי שאָקלען ווייטער מיט די קעפּ, טייל אויף „יאָ", טייל אויף „ניין" און מאַנכע אויף יאָ און ניין צוזאַמען...

4.

אַ פ ן

ערגעץ־ווו, אין אַפריקע צי אַמעריקע, אָבער דאָס איז געוויס — אין אַ טראָפּישן וואַלד האָבן נייגעריקע אַפּן געוווינט.

אַפּן, וואָס האָבן שטודירט, נאַטירלעך — אויסנווייניק; קיין ליטע־ראַטור איז נישט געווען. פאַר דאָס פלעגט מען פיל, זייער פיל רעדן, די זון איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, און דער „עולם" צעזעצט זיך אויף די ביימער אין רעדלעך און מען רעדט און קנאַקט ניס, קנאַקט ניס און רעדט און דורכאויס איבער זייער הויכע, טיפע און ברייטע פילאָזאָפישע פראַגן.

איינער שטעלט אַ פראַגע, דער צווייטער ענטפערט, אַ דריטער פאַלט אריין אין די רייד. דער פּאַרזיצנדער קלינגט — איך מיין: קלאַפּט מיטן ווידל אָן אַ טרוקענעם צווייג, — עס נעמט זיי קיין שלאָף נישט, און מען זיצט אזוי לאַנג, ביז די זאַך ווערט ווירקלעך און אינגאַנצן קלאָר, דעמאָלט נעמט מען אַ קוויטל און מען קלעפּט אויף אויף דער זאַך, און מען שרייבט אויף אויפן קוויטל: אזוי און אזוי הייסט די זאַך, דאָס און דאָס איז זי, אין דערגלייכן און פון די קוויטלעך וועט אַמאָל ווערן אַ ליטעראַטור... איך, ווייניקסטנס, צווייפל נישט דערינען.

איינמאָל האָט איין אַף געשטעלט די פראַגע:

— וואָס איז אזוינס אַ מענטש?

דער „עולם" ווערט פאַרבליפט! עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז מען האָט זיי אומגעריכט און מיט אַמאָל אין אַ פינצטערן אָפּגרונט אריינ־געוואָרפן...

דאָס איז שוין אַ פינצטערניש, דאָ וועט מען שוין הענט און פיס צעברעכן...

און עס ווערט אַן אומרואיק געקלעטעריי און געשפּרינגעריי אויף און

איבער די צווייגן, מען הענגט זיך אויף די עקן מיטן קאָפּ אראָפּ, שפּרינגט אויף צוריק מיט אָפענע מיילער, פון וועלכע עס קומט דאָך קיין רעכט וואָרט נישט ארויס. אז מען האָט קיין מענטשן נישט געזען!

און אז עס ווערט שפּעט, זייער שפּעט, די שטערן הייבן זיך אָן צו בלייכן און די ווייבער רופן אין נעסט אריין ארויסשטעלנדיק פּיס און נעגל — קלינגט דער פּאָרזיצנדער מיטן עק און דערקלערט:

די פראגע ווערט אָפּגעלייגט, ב י ז עס וועט אנטלויפן אן אַף פון א טיר־גאָרטן אין פּאריז, בערלין, ווין צי ניו־יאָרק און וועט זאָגן....

און זיין ליבער נאָמען האָט געהאָלפן; אן אנטלאָפענער האָט זיך באוויזן.

זאָג, ברודער, וואָס איז אזוינס מענטש?

בלאָזט ער זיך אָן:

מענטשן קען ער, פיל; זייער פיל מענטשן געזען!

נישט אלע טראָגן ביקסן און שיסן אין וועלדער, ווי מען זאָגט אין וואלד, נישט אלע אפילו זענען מחדש די לבנה און געבן זיך דערביי „שלום עליכם". פאַרשידן: טייל האָבן פיל ווייבער, טייל שטארבן אין לייבצו־דעקלעך — אָבער נישט ד אָ ס באַצייכנט, נישט י ע נ ץ!

מען קאָן זיך זאָגאר פילן אלס מענטש און קיין מענטש נישט זיין... אז מען האָט נישט אלע אטריבוטן, וואָס מען דארף, איז שלעכט!

דאָס איז אָבער פעסטגעשטעלט: אז אזוינער, וואָס גייט אויף צווי פּיס (דאָס איז אָבער דאָס מינדסטע) און טראָגט ווינטער א שאָפּן־פּעלץ (דאָס איז שוין עפּעס!) און זומער — ציסוציא, און וווינט שיין, און עסט גוט, און טרינקט נאָך בעסער, אהא! שאמפּאניער הייסט דאָס געטראנק! אזוינעם רופט מען: מענטש! מען זאָגט: ער איז א מענטש! ביפרט, אז מען האָט דינער, קאָטש און פערד...

— אָ! — ווערט א פריידיק געברום פון אלע זייטן.

דער אנטלאָפענער אַף גיט צו:

און א באווייז: האָט ווער נישט צו פרעסן, זיין חרפּה צו פאַרדעקן און ווו דעם קאָפּ אנידערצולייגן, קומט דער פּאָליציי־מאַן, ווארפט אים אין פּנים אריין: אוממענטש! כאַפּט אים ביים קראַגן און פירט אים ערגעץ אוועק... ער דארף צווישן מענטשן זיך נישט ווייזן... אזוינעם באהאלט מען ערגעץ, ווי געגנדז, אין א שטייג...

און נאָך אמאָל — אָ!

דערנאָך האָט מען די פראגע געשטעלט: וואָס איז אזוינס נאַציאָן?

האָט זיך אָבער אויסגעוויזן, אַז ערשטנס, איז צו שפּעט, צווייטנס, די קעפּ שוין צופיל צעשרויפט, און דריטנס, אַז יעדערער קאָן זיך דערויף ענטפערן, געשטיצט אויף דער געגעבענער באַצייכענונג פון „מענטש״ —

.5

פערד, קי און קעלבער

עס איז געווען ביי א קצב אין הויף.

ווי אזוי דער קצב הייסט איז קיין אונטערשייד, זאָל זיין קובערמאַן, זאָל זיין פּיקעלהויב — אלע האָבן א הויף, און אויף יעדן הויף איז דאָ אַן אָבאָרע מיט בהמות צו דער שחיטה, און א שטאָל מיט א פּאָר פערד, אויב נישט מער צום אָפּפירן דאָס פלייש...

ביי אונדזער קצב אויפן הויף איז אַן אלט פּאָר פערד געווען, אַן „ער״ און א „זי״.

„פּאָר־פּאָלק״ איז אייגנטלעך נישט ריכטיק, זיי זענען שוין לאַנג קיין פּאָר פּאָלק נישט!

שוין א צייט, זינט זיין יצר־הרע איז געקומען אויף ציגיינערישע הענט, און זי וואָלט ביי לייטן א זאָגערן, א טיקערן געווען, פרעמדע חטאים געזוכט, אייגענע צו פארגעסן.

נאָר מיוחסים זענען זיי ביידע.

אין סאָביעסקיס צייטן איז זיין זיידע אונטער ווין געווען און פון דעמאָלט אָן איז אים אביסל דייטש געבליבן אין דער זיפּשאַפּט...

זי האָט אפילו א שטיקל פּסול אין דער מישפּחה... ווען די גרויסע אָגאָרעס האָבן אין קיעוו געהוליעט, האָט איר באָבן, לא עליכם, א מכשול געטראָפן, נאָר — כיון שלקה — אָפּגעשמיסן און צוריק יחוס געבליבן!

און זיי האלטן זיך טריי און ערלעך צוזאַמען! איין פארזילבערט געשפּאַן, איין דישל — ער אין דער רעכטער, זי אין דער לינקער זייט.

דאָס ביטערע פערדישע לעבן פון א סך אַרבעט און ווייניק האָבער פארזיסט מען זיך מיט גוט־פריינטשאַפט, מיט קאָמפּלימענטן פאר חברקייט און מיט אלטע זכרונות פון די אמאָליקע גאָלדענע צייטן, ווען מען האָט אין צירק געטאַנצט, אויף מושטיר פּלאַץ גאַלאָפּירט און גאַנץ אָפט אפילו פּולווער געשמעקט...

דערביי קראַצט מען זיך פאר גרוים ליבשאַפט קעגנזייטיק אונטער די

אויערן און מען פֿארגעסט, כאָטש אויף א ווײַלע, דאָס אייזן אין מויל, די שטריק אויף די צעראַנירטע זײַטן, דעם דישל אין דער מיט און די קנאָ־קנדיקע בייטש פֿון דער הויך...

טײלמאָל פֿארגעסט זיך דאָס פּאָר פֿאָלק, גערעדט נישט, ווו עס האַלט און הויבט אָן הינטער־טאַנץ... נאָר עס איז לאַנג נישט געפֿערלעך. עס איז געגונג שוין א פֿייף, זיי זאָלן זיך דערמאָנען, אראָפּלאָזן צוריק די קעפּ און ווײַטער רואיק און געלאַסן מעסטן די בלאָטע...

— —

דאָס פּאָר פֿאָלק איז ביים ברונעם.

זי ליגט אויסגעצויגן ביי דער קאָרעטע און ארבעט מיט די זײַטן; ער שטייט איבער איר פֿארטראַכט אויף פֿיר ציטערדיקע פֿיס... וואסער שניר־לעך הענגען זיי נאָך ביידע אראָפּ פֿון די נײַדרים און שפּיגלען אָפּ די לעצטע הייסע שטראַלן פֿון דער אונטערגייענדיקער זון...

דער גאַנצער הויף שטייט אין גאָלד!

— א שיינער אָוונט, — מאַכט ער מיט א ווייכער שטימע.

זי ענטפֿערט נישט, זי הערט זיך צו צום יאָמערלעכן קול, וואָס רייסט זיך ארויס פֿון דער אָבאָרע.

— הערסט? — מאַכט זי צו אים מיט א ציטער.

— וואָס?

— דאָרט געזעגנט זיך א קאַלב מיט דער מוטער אויף אייביק.

— נו?

— מען וועט ווייטער קוילען?

— קעלבער... קי... — ענטפֿערט ער געלאַסן.

— און אונדז?

דאָס בלוט פֿון אונטער ווין איז אויפֿגעזאָטן:

— אונדז מאַר מען נישט!

עס יאָגט אים דורך, ווי א בליץ; נאָר געשווינט קומט ער צו זיך און בארואיקט זיך אויך.

— נאַריש קינד, — מאַכט ער — פֿערד זענען דאָך קיין בהמות נישט! מיר זענען דאָך מיוחסים! ווי לאַנג איז, אז אונדזער זיידע בוצעפֿאַל איז מיניסטער געווען! און עד־היום זענען דאָך אלע גרעסטע חיות אונד־זערע נאָענטסטע קרובים! מען וועט עס נישט דערלאָזן!

— און זיי?

— וואָס פֿאר א פֿארגלייך? — מיר זענען דאָך נוצלעך, אונדז דאַרף

מען דאַך, מען וועט דאָך צו קיין הארמאטן קיין אָקסן נישט שפּאנען, מען וועט דאָך קיין קעלבער אין צירק נישט ארײַנלאָזן... און אָן קריג, און ביפרט אָן א צירק קאָן קיין אײַנציקער שטאט נישט באשטיין!

— נאָר זיי, פארוואָס זיי?

— קוילן — שרייט ער — מוז מען דאָך! אויסער דעם — גיט ער שוין צו געלאסן — זענען זיי מער נישט ווערט! לאָזן זיי אויף זיך רייטן? טאנצן זיי אונטער די שפּאָרן? טויגן זיי אין קריג?... און וואָס פאר א שווער, פויל לעבן ער פירט! אָן א פונק פון העלדנמוט, אָן א קאָפּ פון ראָמאנטיק; קיין אײַנציקער אָקס שטעלט זיך ביי קי־וואסער נישט אָפּ, ער שמעקט נישט דערצו...

— אָ! — מאכט די דאמע האלב איבערדרייבערט.

— און וואָס פאר א לשון דאָס האָט: בע! מע!

— פוי! — מאכט די דאמע.

— און אפּיקורסים זענען זיי.

— וואָס? — שפּרינגט די דאמע אויף אַלע פיר.

— זיי זאָגן, אז דער גאנצער הימל איז פארנומען מיט אָבּאָרעס, אז אויף קיין אײַנציקן שטערן איז קיין פערד־שטראָל נישט פאראנען.

— אזוי, — מאכט די דאמע אין איין כעס — אזוי...

און אין דער זעלבער סעקונדע, אז מען האָט דורכגעפירט א קעלבל צו דער שחיטה, האָט זי איר דערלאנגט מיט דער פּאָדקאָווע אין דער זייט...

דרשה־געשאַנק

(א מעשה פון בעל שם)

דאָס, וואָס איך וויל אייך פארציילן, איז אין שבחי בעל־שם־טוב נישטאָ, אין קיין אנדער ספר פון ספורי מעשות — נישט גע־דרוקט, און דאָך — נכרים דברי אמת, ווי איר וועט אליין זען...

אָנגעהויבן האָט זיך די מעשה גאָר, גאָר פריער, בשעת דער שוואר־צער מגיפה. א פערצן מייל אונטער מעזיבעזש איז פאראן א דאָרף. אָנהייבן הייבט זיך אָן דאָס דאָרף מיט א קרעטשמע, האָבן די קרעטשמע צוויי שותפים געהאלטן. אלטע יידן האָבן געדענקט, אז די קרעטשמעביים הראביע האָבן געהאלטן צוויי שותפים. מען האָט נאָך דעמאָלט געוווסט די נעמען זייערע: איינער האָט געהייסן דער קרומער אליהו — א קרומען אקסל געהאט, דעם צווייטן האָט מען גערופן: דער ברייטער מיכל — א ייד — א פארנעם, קוים אריין אין א טיר. די יידן האָבן געלעבט, געהאנדלט בשותפות, קינדער געהאט...

איז ארוים אויף דער וועלט די שווארצע מגיפה, אריינגעכאַפּט זיך אין קרעטשמע, צוגענומען ביידע שותפים, מיט די ווייבער און קינדער א סך. געבליבן איז נאָר נאָכן קרומען אליהו א ייִנגעלע און נאָכן ברייטן מיכל א מיידעלע, אין די זעלבע יאָרן, צוויי קליינע קינדער. דער ברייטער מיכל מיטן ווייב — דאכט זיך, שיינדל האָט זי געהייסן — זענען שפּעטער גע־שטאָרבן און פארן טויט האָבן זיי די ביידע קינדער פארקנסט... די דער־מאָנטע שיינדל האָט דעמאָלט פון אונטערן קישן אפּיגענומען א פינגערל א זילבערן — איר טבעת קדושין געווען — און איבערגעגעבן דעם ייִנגל זאָגנדיק צו כמעט ביי יציאת נשמה:

— אָט מיט דעם פינגערל זאָלסטו דערלעבן מקדש צו זיין דיין כלה...

אויסער די צוויי קינדער — חתן־כלה איז געבליבן א משרת, האָט

דער משרת אָפּגעטון אזא מעשה רע. ער האָט מעלים געווען פאַרן פּריץ די קינדער, איבערגענומען די קרעטשמע. געצאָלט אַרענדע דער פּריצה, דאָס האָט איר דער פּריץ איבערגעגעבן, ווי עס הייסט ביי זיי — אויף שפּילקעס. די קינדער געפּייניקט, און אַז זיי זענען אויפגעוואַקסן, האָט ער אים גע־מאַכט ביי זיך פאַר א משרת, דאָס מיידל — פאַר א קעכן. און מעזיבעזש האָט דעמאָלט געערעדט דערפון פיל: נאָר פופצן מייל ווייט. און דער אַרענ־דאַר איז געוואָרן א גבר אלים, א חשוב ביים פּריץ און ביי דער פּריצה. און דער פּריץ איז געווען א הראַביע פון די שרי המלכות, קיין ייד כמעט נישט צוגעלאָזט. — זאָל ער קומען אויף אַנדערע הענט! האָט מען געערעדט און געערעדט און פאַרגעסן, די קרעטשמע האָט מען גלאַט געמיטן: אַן אָרעמען אורח פלעגט ער, דער געוועזענער משרת, נישט לאָזן איבער דער שוועל, פון רייכערע — די הויט געריסן...

אַרויסגעשווימען איז נאָך אַמאָל די מעשה ערשט אין א פערצן־פופצן יאָר אַרום. עפּעס עמעץ איז דורכגעפאָרן מעזיבעזש, געווען ביים בעל שם, גלאַט אַזוי, אַרוונגעקומען און פאַרציילט, באשר בכן, דער אַרענדאַר פון יענער קרעטשמע, דער געוועזענער משרת, שדכנט זיך צו דער יתומה, א נישט, זאָגט ער, וועט ער ביידע אַרויסטרייבן...

עס נעמט אָן ביי דער לעבער, נאָר אַז דער בעל שם הערט און שווייגט, שווייגט מען, זיפצט מען אָפּ, מען דערמאַנט אַמאָל, און מען זיפצט ווייטער אָפּ און מען פאַרגעסט ווידער...

דער בעל־שם, אפנים, האָט נישט פאַרגעסן, ווי איר וועט זען...

איינמאָל, ווינטער־צייט איז א גרויסע זאַווערוכע געווען, שניי און שניי. שבת פאַרנאַכט איז פלוצלינג שטיל געוואָרן. מען קוקט אַרויס פאַר הבדלה. האָדל, כמנהגה, האַלט די הבדלה. די רביצין שטייט אין טיר. אין שטוב — איבער דער וואָך, צוליב די שנייען קיינער נישט געקומען — קוים א מנין.

נאָך הבדלה, מען וואַרט, דער בעל שם זאָל אָנהייבן „ויתן לך". דער בעל שם פאַרטראַכט זיך, דערנאָך צעשמייכלט ער זיך און גיט א זאָג:

— ווייסט איר וואָס, רבותים? מיר וועל'מיר פאָרן שפּאַצירן. די רביצין מיט האָדלען פאָרן מיט. „ויתן לך" וועל'מיר זאָגן אויפן וועג. די אליהום וועל'מיר, אם ירצה השם, זינגען אין וואַלד און „מלוה־מלכה" וועל' מיר פּראַווען אין א קרעטשמע. א שימחה וועט זיין! זאָל וואַסיל איינשפּאַ־נען דעם גרויסן שליטן.

לויפט מען ארוים אָנזאָגן וואסילן. און ער הייסט די רביצין מיט האָדלען זאָלן איינפאקן א מלוה־מלכה כיד המלך, נישט פארגעסן מיטצו־נעמען אביסל לעקעך און בראָנפן, דאָס ביסל וויין, וואָס איז פון קידוש והבדלה געבליבן אויך מיטנעמען...

— ווי געזאָגט, א שימחה וועט זיין, זאָגט ער, ווערט שוין פריילעך אויפן הארץ.

דערביי איז געווען דער סופר פון שטאָט.

— האָסט נישט ביי דיר א גרייטע כתובה, נאָר אריינצושרייבן נעמען?

מען ווערט נתפעל פון דער שאלה. דער סופר דערמאָנט זיך: ער האָט אין דער היים. הייסט ער אים לויפן ברענגען און מיטנעמען. ווערט מען נאָך מער נתפעל, נאָר איבערפרעגן פרעגט מען נישט.

עס גייט נישט אוועק א האלבע שעה, וואסיל מיטן ברייטן שליטן פארפאָרט; אויפן ערשטן געזעס זיצט שוין די רביצין און האָדל, די מלוה מלכה אין א טישטוך געפאקט אינדערמיט, אויפן צווייטן געזעס — דער בעל־שם צווישן צוויי עלטערע מקורבים, די רעשט כאַפט זיך אויף, וווּ עס איז, מיט די פיס פון שליטן ארוים. א יונגערמאן האָט זיך אויפגעכאַפּט רייטנדיק הינטן אויפן דראָנג... וואסיל מיט בײַטש און לייצן אין דער האנט, זיצנדיק, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט די פיס אויפן דישל און מיטן פנים צום עולם פרעגט:

— ווו אהין?

דער בעל־שם ענטפערט: פאָר!

פרעגט שוין וואסיל נישט איבער, גיט א שטעק אריין אין היי אין א ווינקל די בייטש, בינדט צו די לייצן צום ראנד פון וואסאָנג, און א הוק אויף די פערדלעך! הייבן אָן די פערדלעך, איבער דער זאווערוכע־צייט אויסגערוט, די פיסלעך מיט חשק, יאָגן אויף א שנייענעם שטויב פון אונטער זיך, און מען טראָגט זיך ווי אין א ליכטיקן נעפל, פון געסל ארוים, פון מארק, פון שטאָט, אין ווייטן ברייטן שנייענעם רחבות אריין, און מען זאָגט „ויתן לך”...

אָפּגעזאָגט „ויתן לך” — הייבט זיך אָן דער וואלד. דעמאָלט אוודאי פופצן מייל וואלד געווען... אשליאך א ברייטער, גלאטיק ווי איבערן טיש. און מען זינגט די אליהוס... דער ניגון שטארקט זיך, דער אויסגעשטערנ־טער הימל, זעט מען בחוש, איז מקבל תענוג, ממש די שטערנדלעך טאנצן אונטער. די אלטע נאָדל־ביימער רעכטס און לינקס ציטערן אויף ממש ווי

פון שלאָף און באשיטן אונדז מיט שנייעלעך, ממש ווי מען באַשיט חתנים מיט האָפּינקע. אמאָל שפּרינגט אויף א דערוועקטער שווארצער פויגל און גיט א שאָס ערגעץ אוועק מיט א געשריי אין אויער אריין און ווערט נעלם... אמאָל וועקן זיך גאנצע שארן קליינע פייגעלעך און פּיפּץ, פּיפּץ, פּיפּץ — זיי האַלטן אונטער, זינגען מיט... און אזוי ווי עס ענדיקן זיך די אליהוס ענדיקט זיך אויך דער וואלד. ווייטער א רחבות. זעט זיך פון ווייטן א דאָרף, פארן דאָרף א גרויס הויז — די קרעטשמע, דערקענט מען די קרעטשמע מיטן דאָרף, ווייסט מען — פּופצן מייל פון שטאָט. פון דעם אָבער רעדט מען נישט, מיט קפיצת הדרך, אז מען פאָרט שפּאצירן, איז מען געוווינט.

— שטיי! — הייסט דער בעל־שם. בלייבט מען שטיין.

— דאָ, זאָגט ער, וועל'מיר ווארטן אביסל.

ווארטן איז ווארטן, שפּרינגען טייל אראָפּ פון שליטן אויסגלייכן די פיס.

דערווייל דערהערט מען, עפּעס קאָפּיט זיך אלץ נענטער אין שניי. מען קוקט זיך צו — א פערד מיט א שליטל. נענטער — זעט מען: צוויי פארשוין פאָרן, א ספּאָדעקל מיט א שאַל, זיי ווילן פארביי, שטעלט זיי דער בעל־שם אָפּ.

— הער נאָר דו, בחור איינער, נאָר אָן כעס, טאַקע מיט א שמייכעלע — ווי פאָרט עס א בחור מיט א בתולה אליין ביי דער נאַכט?

דער בחור קוקט זיך צו, ווער פרעגט עס אים. זעט ער, א פּנים, ווער, און אפשר אָן קול דערקענט, אז עס איז נישט קיין פּראָסטער בשר ודם.

— מיר זענען חתן־כלה, רבי!

— דאָס וויים איך... אָבער פאַר חופּה וקדושין...

— דער באַלעבאָס, רבי, האָט אונדז ארויסגעטריבן, ווי מיר שטייען און גייען. א מערכה, א פּויער א שכן האָט אויף אונדז רחמנות באקומען, א פערד און שליטל געבאָרגט און פעלצן, און געראָטן, איך זאָל אריינפאָרן קיין מעזיבעזש צום ראבין, צום בעל שם... ער וועט מיר העלפן...

— איך דיר — ענטפערט מען אים אלץ מיט א שמייכעלע — דער בעל שם אקעגן געקומען...

ער גלייבט קוים זיינע אויערן און אויגן.

— און פאָר צוריק! — זאָגט דער בעל־שם.

— ער וועט אונדז דערהרגענען... ער האָט געזאָגט...

— פאָר, אז מען הייסט!

דרייט ער אוים און פֿאָרט צוריק. דער גרויסער שליטן — נאָך... ווער ס'איז אראָפּ כאַפּט זיך צוריק אויף אָדער גייט שוין דאָס שטיקל צופֿוס...

און אַז דאָס קליינע שליטל פֿארפֿאָרט פֿאַר דער קרעטשמע, לויפֿט ארוים דער ארענדאר מיט א דראָנג...

גיט מען אויף אים א געשריי פֿון גרויסן שליטן, דערזעט ער אָן עולם, רופֿט ער מיט כעס:

— שלעפֿערם געקומען! פֿאָרט ווייטער, נישטאָ וואָס צו עסן, נישטאָ וואָס צו טרינקען, נישטאָ ווו צו נעכטיקן, היידא!

און לויפֿט צוריק און וויל פֿארשפֿארן די טירן.

טאקע א גיבור דער ייד דער גזלן, פֿלייצעס, הענט און א דראָנג אין דער האנט, איז דאָך אָבער דאָ וואסיל, און דער עולם קומט צו הילף... אין א מינוט ארום זענען אַלע אין שטוב.

— דאָ נעכטיקן — זאָגט צו אים דער בעל שם — וועל'מיר נישט, עסן און טרינקען האָב'מיר, ברוך השם, מיטגעברענגט. זוך אוים, געפֿין און צינד אָן מער ליכט...

וואָרטשעט עפּעס דער גזלן אונטער דער נאָז, נאָר פֿאָלגן פֿאָלגט ער. עס ברענען שוין עטלעכע ליכט אין מעשענע לייכטער.

— דערלאַנג נאָך א טישטעך!

— זאָל ער דערלאַנגען! — ברומט ער, דער גזלן, מיט א בייזן בליק צום ארויסגעטריבענעם בחור.

— דו ביסט זיין משרת! — שרייט אים אָן דער בעל שם. כמעט דאָס ערשטע מאָל האָט מען אים געהערט אָנשרייען. און עס האָט א פּעולה געהאַט: דער ארענדאר איז מיטאמאָל איינגעצויגן, קליין געוואָרן, ממש איינגעשרומפּן, צוריק משרת געוואָרן, און ער גייט און ברענגט אריין פֿון צווייטן שטוב א טישטעך.

דרענגלעך האָסטו? — פֿרעגט דער בעל שם.

ער ענטפֿערט שוין ווי א משרת:

— איינהייצן אין אויוון, אָדער אויפֿן קוימען?

— נישט צום הייצן. ברענג אריין פֿיר גלייכע דרענגלעך...

ברענגט ער.

זאָגט דער בעל שם צום סופֿר: נעם ארוים די כתובה און שרייב איין די נעמען פֿון חתן-כלה...

און דערנאָך:

— זאָל עמעץ פֿון טישטעך מיט די דרענגלעך מאכן א חופּה.

דער סופר שרייבט, די חופה ווערט געמאַכט, חתן־כלה שטייען שוין אונטער דער חופה. דער בעל שם איז שוין מסדר קדושין... מזל־טוב, מזל־טוב! און מען זעצט זיך צו מלוה מלכה, וואָס די רביצין מיט האָדלען האָבן דערווייל אויסגעפּאַקט און צום טיש געגרייט...

מען עסט, מען טרינקט, מען זינגט אונטער... רופט זיך אָן דער בעל־שם:

— צינד דרשה־געשאַנק! די נאַכט שטייט נישט פאַרביידע — חתונה צד און כלהס צד מיטאַמאָל. און ער צעשמייכלט זיך און רופט אויס:

— איך פון מיין צד גיב דעם פּאָר פאָלק די אַרענדע פון דער קרעטשמע!

— די קרעטשמע איז מיין! — צינדט זיך אָן דער געוועזענער משרת.

— נאַרישער רשע! אצינד בין איך פּריץ, און די קרעטשמע איז מיין, און איך גיב זי איבער דעם פּאָר פאָלק.

און ווענדט זיך צו דער רביצין:

— און ד ו, רביצין, וואָס ג י ס ט ד ו ?

גלייך מיט אַלע נעמט עס די רביצין אָן פאַר א שפּאַס, דעם גזלן להכעיס, און רופט זיך אָן:

— אַז דער מאַן איז א פּריץ, איז דאָס ווייב א פּריצה, און אַזוי ווי דעם אָפּצאָל פון דער קרעטשמע (א דבר ידוע געווען) נעמט די פּריצה אויף שפּילקעס, שענק איך זיי דרשה־געשאַנק — דעם אָפּצאָל, אויף אייביקע יאָרן!

— אויב אַזוי — מאַכט האָדל — אַז דער טאַטע איז א פּריץ און די מאַמע א פּריצה, בין איך דעם פּריצס איינציקע טאָכטער, האָב איך אויך א שטיקל דעה.

— אוודאי, אוודאי!

— גיב איך פון מיין צד פון גאַרעלנע דעם פּאָר פאָלק 300 וויאָרער־בראַנפן...

— רבותי, מיר וועלן בענטשן!

בענטשט מען נאָכן שפּאַס, ווי מען האָט געמיינט...

נאָכן בענטשן מאַכט דער בעל שם צום פּאָר פאָלק:

— אצינד מעגט איר שוין פאָרן צוזאַמען. וווהין ווילסטו פאָרן?...

— איך האָב דאָ א פעטער נישט ווייט, אינעם וואַלד... א סמאָלע־מאַכער...

שמייכלט דער בעל־שם און זאָגט:

— א מענטש פאַרט, און גאַט פירט... פאַרט געזונטערהייט, נאָר די שיריים, זאָגט ער, מיטן טישטעך צוזאַמען נעמט אייך מיט. דער עיקר פארגעסט נישט דאָס איבערגעבליבענע ביסל ווײַן, עס וועט אייך צונוץ־קומען...

געשעט אזוי, פאַרט דער קליינער שליטן אָפּ אין איין זייט, מיר אויפן גרויסן צוריק קיין מעזיבעזש... מן־הסתם ווייטער זיין קפיצת הדרך. שוין זיצנדיק אויפן שליטל, ווענדט זיך דער בעל שם צום ארענדאר:

— און דו, גזלן, זאָלסט תשובה טון! פון קרעטשמע וועסטו ארויס, זיין נע־ונד, פראווען גלות. דערנאָך וועט דיר גאָט העלפן, און וועסט אָנ־קומען צו מיר נאָך תשובה... פאָר, וואסיל...

דער שליטן רירט, דער ארענדאר בלייבט ווי פארשטיינערט...

נאָך ביים וואלד ארײַנפאָרנדיק, האָט מען זיך אומגעקוקט און געזען, ווי ער שטייט נאָך אַלץ און רייבט זיך די אויגן, גלייך ער וויל זיך אויפכאַפּן פון א בייזן חלום...

און וואָס דער בעל־שם האָט געזאָגט, איז, פאַרשטייט זיך, מקויים געוואָרן...

אין עטלעכע יאָר איז דער ארענדאר געקומען און מקבל תשובה געווען... עס איז אים שוין נישט געווען צו דערקענען. נאָר דאָס איז שוין אַן אנדער מעשה, הערט בעסער, וואָס עס איז געשען מיטן דרשה־געשאַנק, מען האָט דאָך געמיינט א שפּאַס...

פאָרט דער יונגערמאַן מיטן ווייבל אין וואַלד אריין, דאָס טישטעך מיט די שיריים פון מלוה מלכה, מיטן ביסל ווײַן אין פלעשל אײַנגעפּאַקט. דארפן זיי פאָרן צום סמאָלע־מאַכער לערך א האלבע שעה, פאָרן זיי שוין א שעה און אנדערטהאלבן, און דעם פּלאַץ מיטן שווארצן הייזל זעט מען נישט. קיין וואונדער נישט — אָנגעפאלן אזא שניי, גיי דערקען א װעג! אָבער אומרואיק ווערט מען, און אביסל שרעקט מען זיך אויך. דערווייל שטעלט זיך דאָס פערדל, זאָל עס אָפּסאַפּען, ס'האָט שוין לאנג אין מויל נישט געהאַט. זאָגט דאָס ווייבל:

— א צער־בעלי־חיים, געבן אים א שטיקל חלה פון די שיריים...

— מהיכא תיתא...

גייט דאָס ווייבל אַראָפּ פון שליטל, פּאַקט אויף, דערלאַנגט צו׳ן א שטיק חלה און גיט דעם פערד צום מויל, קייט עס.

שפּרינגט דער יונגערמאַן אויך אַראָפּ פון שליטל, די פיס אויסגלייכן. אגב, מעג מען גיין אביסל צופוס.

דאָס פערד האָט אָפּגעקייט, אָפּגעטשיכעט זיך. מען וויל רירן פון אָרט, דערהערן זיי פון הינטער די ביימער א טיפן קרעכץ, און נאָך א קרעכץ...

— אזא חיה? — פרעגט דאָס ווייבל.

— ניין, דאכט זיך, א מענטש.

— געמוזט אַן אומגליק געשען...

— לאָמיר זוכן!

גייען זיי נישט לאנג נאָכן קרעכץ און טרעפן א ליגנדיקן מענטש, א פאַרחלשטן. א יונגער מענטש, קאָנטיק, א פריץ א יונגער. נעבן אים — די ביקס, נישט ווייט א געשאָסענער האָז.

— א פאַרבלאָנדזשעטער, פאַרחלשטער יעגער, — טרעפט דאָס ווייבל.

— אוודאי אזוי, ברענג דאָס ביסל וויין...

דערמאָנען זיי זיך, דער בעל שם האָט געזאָגט: עס וועט צונויפקומען...

ברענגט דאָס ווייבל דעם וויין, א שטיקל לעקעך, דער יונגערמאַן האָט זיך דערוויילע אנידערגעזעצט און דעם פאַרחלשטנס קאָפּ צו זיך אויף די קניען גענומען. דאָס ווייבל באַשמירט אים די ליפּן מיט וויין, ער עפנט קוים די אויגן אויף:

— ווו בין איך?

גיסט זי אים אריין עטלעכע טראָפּן אין מויל אריין, שלינגט ער, דערלאַנגט אים צום מויל א שטיקל לעקעך, בייסט ער איין, קומט צו זיך. ווער איז עס געווען, מיינט איר?

טאַקע דער יונגער הראביע אליין. שוין דריי טעג איז ער ארום מיט יונגע פריצים אויפן געיעג, אָן א זייט זיך גענומען. וואָס? ער קען נישט דעם וואלד? און פאַרבלאָנדזשעט. פריער האָט ער נאָך געהערט שיסן, דערנאָך האָט אויפגעהערט. זיי האָבן אוודאי באַמערקט, אז ער פעלט, און געלאָפן אים זוכן, און זענען זיך נאָך מער צעגאַנגען... הונגעריק און דאָרשטיק האָט ער זיך, נאָך א לאנג אומזיסטיק ארומבלאָנדזשען, אנידערגעזעצט אונטערן בוים... אוועקגעשליידערט פון זיך דעם געשאָסענעם האָז, כדאי געווען צוליב אים צו פאַרבלאָנדזשען... אזוי פיל נאָכצולויפן!...

דערנאָך, ער האָט שוין שוואַך געהערט טרומייטערן ערגעץ ווייט, און רופן און הוקען אין וואַלד, נײַן האָט ער שוין נישט געקאָנט, און זײַן שוואַך געשרײַ האָט מען נישט געהערט... דערנאָך איז שטיל געוואָרן... ער איז, דאַכט זיך, אײַנגעשלאָפן, אפֿנים, מיט אָפֿענע אויגן... ווײַל אין א צייט אַרום האָט ער געזען, ווי מענטשן — פּויערים און יעגער מיט ברענענדיקע שטורקאַצן אין די הענט לויפן אַרום דעם וואַלד, טרומייטערן, רופן, הוקען.. ער הערט, זעט, ווײַל און קאָן זיך נישט אויפכאַפּן...

א מערכה, זיי האָבן אים געפֿונען, ער וואָלט שוין מער נישט אויפגעשטאַנען.

נעמען זיי דעם יונגן הראַביע, וואָס איז שוין צו זיך געקומען, מאַכן אים אין שליטן א באַזונדער געזעס, זעצן אים און זיך אויף, צום פֿאָרן.

— מערקווירדיק, מאַכט ער, דער יונגער הראַביע, צינד זע איך באַשײַנפּערלעך, ווו איך בין, אָט דאָרט, — ווײַזט ער מיטן פֿינגער — איז דער פּאַלאַץ, פֿאָרט אַהין גלײַך צווישן די ביימער...

— עפּעס א פּאַרבלענדעניש געווען! מורמלט ער און בלײַבט שטיל, נאָכטראַכטנדיק, וואָס אין דער היים בײַ פֿאָטער און מוטער טוט זיך... און זיי פֿאָרן, ווי ער האָט זיי געוויזן, גלײַך צום פּאַלאַץ צו...

נישט ליכטיק איז אין פּאַלאַץ, אין איין פֿענצטער אינגאַנצן שײַנט דורך דער פֿאָרהאַנג, אין דער רעשט חושך...

מען פֿאָרט אַרײַן אין טויער. לויפן מענטשן אַקעגן: ווער קען עס פֿאָרן בײַ דער נאַכט?... א געבילעריי ווערט פֿון הינט. אײנער שפּרינגט צו, דערקענט, ווער עס איז אין שליטל, און לאָזט אַרויס גאָר אַן אַנדער ביל, א ביל פֿון פֿרייד, פֿון א גוטער בשורה, לויפֿט נעענטער צו א דינער:

— דער פּריץ, דער יונגער פּריץ!...

לויפֿט מען צום פּאַלאַץ, טוט מען צו וויסן, לויפֿט אַרויס פֿאָטער און מוטער און געסט...

— מײַן זון! מײַן זון! מײַן ברודער!

— סטאַש, סטאַש, ער לעבט! — שרײַען די יונגע פּריצים, וואָס האָבן נאָך די יעגערישע קליידער נישט אַראָפּגעוואָרפֿן. מען כאַפּט דעם פּאַן סטאַניסלאַוו אויף די הענט, מען טראָגט אים אין פּאַלאַץ. מיט אַמאָל ווערט ליכטיק אין אַלע פֿענצטער, דער גאַנצער הויף באַלויכטן...

דער פּאַן סטאַניסלאַוו פֿאַרציילט, אַלע רינגלען אים אַרום און הערן מיט א פֿאַרכאַפּטן אָטעם... דערווײַל איז שוין געדעקט דער טיש: ווײַן,

פארבייסעכץ, מען זיצט שוין, מען עסט, מען טרינקט, מען פרייט זיך און דעמאָלט גיט עמעץ א פרעג:

— און ווער האָט דיך אויפגעהויבן, און ווער האָט דיך געברענגט, טייערער סטאַש?

זענען אַלע פארשעמט געוואָרן. מען האָט נאָר אין די, וואָס האָבן דעם בן־יחידם לעבן מציל געווען פארגעסן!

— אזא אומרעכט! פארברעכט דער פּריץ די הענט.

— ווײַ מיר! קרעכצט די פּריצה: גאָט וועט מיר עס נישט מוחל זיין...

— אויף א שליטל געווען, געמוזט אוועקפאָרן, גאָרנישט אין מויל אריינגענומען, דאָס הארץ נישט אונטערגעלעגט, נישט אָנגעוואָרעמט זיך, קיין דאנק נישט געהערט — זאָגט מיט שמערצלעכע טרערן די טאָכטער.

דעמאָלט קומט צו דער קאַמערדינער און ראַפּאָרטירט.

— ער האָט אַלץ געטון, וואָס מען דאַרף. דאָס פערדל אויסגעשפּאַנט און אין שטאַל אריינגענומען, פרישן האָבער געשיט. זיי — א ייִנגל, דאַכט זיך, און א מיידל, אפשר שוועסטער און ברודער, אפשר חתן־כלה... זיי האָט ער אין קיך באַשערט, זיי זאָלן זיך אָנוואַרעמען, עסן האָבן זיי זייער אייגנס מיט זיך געהאַט. זיי זענען ייִדישע קינדער, זיי ווילן אונדזערס נישט פארזוכן...

— אהער ברענג זיי אריין, אהער! — רופט אויס דער פּריץ.

— אַליין וועל'מיר זיי ברענגען, אַליין! רופט אויס דעם יונגן הראַביעס מוטער און שוועסטער און זענען ארויס, און דאָס יונגע פּאָר פאָלק געברענגט אין זאַל אריין...

— א דאנק, א דאנק, א דאנק...

די אַלטע פּריצה פרעגט: וואָס זייט איר: שוועסטער און ברודער, חתן־כלה?... ביי'ן אייך פאָרט מען דאָך נישט אזוי...

— ניין, זאָגן זיי, מאַן און ווייב ערשט נאָך דער חופּה! צו'ן א פעטער אין וואַלד זענען מיר געפאָרן... צום סמאָלע־מאַכער...

— אויב אזוי, רופט מען פון אַלע זייטן: מזל־טוב אייך, מזל־טוב! זאָל זיין מיט גליק, הייסט עס אויף זייער לשון...

— קומט דאָך אייך, רופט זיך אָפּ דער יונגער הראַביע, מתנות... דרשה געשאַנק, אויף זייער לשון: חתונה געשענק.

רופט זיך באַלד אָן דער אַלטער פּריץ.

— איך גיב זיי אַוועק די בעסטע קרעטשמע אין מיינע גיטער!

און די פּריצה זאָגט:

— און איך שענק זיי די ארענדע אויף אייביקע יאָרן!

און די טאָכטער רופט זיך אָן:

— איין איינציקע טאָכטער בין איך, אויסער מיין ברודער האָב איך אויך א שטיקל דעה!

— האָסט, גיב — זאָגן פאָטער און מוטער — וואָס דו ווילסט!

— גיב איך 300 וויאדער אָקעוויט פון גארעלניע.

וכך־הוה... דער יונגער פריץ האָט נאָך עפּעס ארייגעשטופּט אין די הענט אריין...

איך האָב נישט געציילט...

דערוויל איז אריין מוזיק, מען האָט אָנגעהויבן טאנצן...

אונדזער פאָר־פאָלק האָט זיך שטילערהייט ארויסגעגנבעט און גע־פאָרן צוריק — צו זיך אין קרעטשמע אריין...

דער ארענדאר איז שוין דאָרט נישט געווען... שוין געגאנגען ליידן גלות...

דער בעל־שם פירט אויס אַ שידוך

א נייע מעשה פון בעל - שם

געווידמעט אנסקי, דעם זאמלער.

האָט אין א שטעטל ביים ברעג פון בוג געלעבט א פּאָרפּאָלק, וואָס זיין ליבער נאָמען האָט מיט קינדער נישט געבענטשט. און דאָס פּאָרפּאָלק — שמואל וזוגתו טריינע מירל — האָבן אפילו קיין קלער נישט געטון וועגן א גט, און אלץ ווייטער און ווייטער געלעבט, ווי אונטער דער זון.

און די שטאָט האָט נישט געמורמלט און דאָס בית־דין־צדק — נישט געווערט. מען האָט געוווסט, אז נפשו קשורה בנפשה און אזוי פארקערט, און זיי זענען איינס מיט אן אנדער אַזוי פארבונדן און פארקניפּט, אז ריידן פון א גט וואָלט געהייסן צוגיין מיט א חלף. —

פאר דאָס איז דער שמואל — א דאנציקער ס ו ח ר — א גרויסער מוצלח געוועזן אין זיינע עסקים. און מען ווייסט אפילו, פון ווען אָן די הצלחה האָט זיך אָנגעהויבן, פון וואנען זי שטאמט און אָן וואָס זי האלט.

איינמאָל, שמואל איז נאָך אין די פעדערן נישט געוועזן, טריינע מירל איז נאָך אין עזרת נשים ביי דער קראטע נישט געשטאנען, קיין בריליאנטענע הענגל־אויורינג נישט געטראָגן, — געהאנדלט מיט א קליין ביסל געהילץ, צוגעבונדן צוויי דריי טראטוועס צון א גרעסערן סוחרס טראנספּאָרט און א קליין הייזל געהאט, אויף הילצערנע פיסלעך, אונטער א שטרויען דעכל, — טרעפט זיך א מעשה, ערב שבת, דער בעל שם פּאָרט איבערן שטעטל אהיים, און פונקט — ווי עמעצן איז באַשערט! — פונקט פאַר שמואלס טיר צעברעכט זיך אַן אַקס. שמואל און טריינע מירל זענען ארויס פאר דער טיר, אריינגענומען דעם בעל־שם — נישט וויסנדיק אפילו, ווער ער איז, נאָר גלאט א ייד! — צו זיך, געשיקט נאָך א סטעלמאך, צו פאַריכטן די אַקס; איידער וואָס, איידער ווען — נאָך צוועלף, דער בעל־

שם בלייבט שוין אויף שבת. און א מכנים אורח איז שמואל פון אייביק אָן, און טריינע מירל האָט אויך א גוט אויג און אַן אָפּן האַרץ פאַרן אורח, — האָט זיי טאַקע פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן צו שיינען דאָס מזל. און אַזוי ווי עס איז שוין געוואָרן א מינהג, אז ווען דער בעל־שם פאָרט דורכן שטעטל, שטעלט ער זיך אָפּ ביים פּאַר־פּאָלק, האָט טאַקע דאָס מזל געשיינט, וואָס אמאָל שענער... וואקסט די צאָל טראַטוועס, וואָס שמואל שיקט קיין דאַנציק, פון יאָר צו יאָר, און אַזוי די צאָל פּערל אויף טריינע מירלס האַלדז, און עס וואקסט דאָס הויז, צוגעבויט א שטוב נאָך א שטוב, און צוויי שטיבער פאַרן גרויסן אורח — פאַרן בעל־שם אָפּגעשטעלט, און דאָס שטרוי פון דאַך אויף שינדלען פאַרביטן, און א הויז געוואָרן — א פולער בעכער. און עס ווימלט דאָס הויז פון סוחרים. און גייט אָפּ דער שניי, קומט זיך צוזאַמען פון די שטעטלעך א מיניין שיפערס, און פון די דערפער כהנה וכהנה, להבדיל, פּליסאַקעס, און פול די קאַמערן צידה לדרך, און פון הויף שלעפּט מען און מען שלעפּט באַלקן און שוועלער צום ברעג... און דער טייסטער ביי שמואלן אין בוזעם־טאַש וואַקסט אין דער ברייט; אַז אויף זיין געהילץ האָט דאָס וואַסער ביי דער גרעסטער פאַרפלייצונג קיין שליטה נישט, דער גרעסטער ווינט צערייסט די טראַטוועס נישט; און שיקט מען שפּעט אַרויס, און עס האָט זיך א פריער ווינטער געשטעלט, קערעוועט זיך עס עפּעס אליין דורך צווישן אייז און עס קומט אָן בשלום... און אונדזער שמואל קויפט אַלץ גרעסערע וועלדער, און האָט שוין געלט ביי לייט, ביי דער מיזרח־וואַנט — א שטאָט, טריינע מירל אין עזרת־נשים — ביי דער קראַטע... און קומט דער בעל־שם, זיצט ער אָפּ מיט דעם שמואל גאַנצע שעהן אין חדר און מען שמועסט פה אל פה...

הייבט שוין אָן צו נעמען א וואונדער?

— פון וואָס רעדט דער שמואל מיטן בעל־שם? מן־הסתם פון זיינע עסקים... קיין גרויסער למדן און קיין מקובל איז ער נישט... ווי בעט עס נישט א ייד וועגן בנים?...

און זיכער איז מען, אז ווען ער ברענגט נאָר די פּאַרע פון מויל אַרויס, וואָלט אים דער בעל־שם נישט אָפּגעזאָגט. א גרויסע זאַך ביי אים א ברכה צו געבן... אלא וואָס? — טראַכט מען — דער ייד איז אַזוי פאַרטון אין זיינע עסקים, אז ער פאַרגעסט גאָר, ווו ער האַלט... הייבט אָן צו פאַרדריסן. וואָס איז? ער איז דאָך שוין קיין יונגערמאַן נישט, און ווען מען גיט א רוף, קאָן קיינער נישט וויסן. גיט מען אים אָנצוהערעניש. אין בית־המדרש, צווישן מינחה ומעריב, כאַפּט אים אמאָל אָן א גוטער פריינט

אין מארק ביים עק לאץ, היתכן? און אז שמואל פארשווייגט און דרייט זיך אוים מיט עפעס א מאָדנע אומעטיק שמייכעלע אָדער פארעדט מיט עפעס אנדערש, קומט מען אהיים און מען דערמאָנט דערפון אין שטוב: מנע, וואָס א ייד קען... הערן די ווייבער, „טאַקע נישט גלייך", נעמען זיך די ווייבער צו טריינע מירלען. מען טרעפט זיך אין דער ווייבערשער שיל ביים דאַווענען, אויף א רומפלען, בשעת גוט־יום־טוב ביטן, — שוין א ווייבערישער „היתכן"... מילא, א מאנספארשוין איז א מאנספארשוין, פארגומען און פארגעסט, ווו ער איז אויף דער וועלט, אָבער זי, טריינע! און מען גיט איר צו פארשטיין, אז אייביק לעבט מען נישט, און נישט אייביק איז אַן אישה יונג. און חן ביי א מאַן איז אויך נישט קיין אייביקע זאַך. און וואָס שפּעטער ער וועט צום אמתן שכל קומען, איז אַלץ פאר איר ערגער. האָט טריינע מירל איר מאַנס טבע: שמייכלט און שווייגט, אָדער פארעדט מיט עפעס אנדערש...

און נישט אומזיסט שווייגט זי און שמייכלט. זי ווייסט, וואָס זי איז פאר איר מאַן שמואל — „א טעפּל מיט א שטערצל"... אין הארץ דאָך, פאַרט אַן אישה, הייבט אָן צו פּיקן: א קינד, א ייִנגעלע, א קדישל... און עס פּיקט זיך אוים א בענקעניש און א שטיל הארץ־ווייטיק נאָך א קינד, און ס'הויבט זיך אָן אַלץ מער און מער גלייך מיט אַלע צו וואונדערן, ווי איז עס איר שמואל אזא עולם־הזהניק געוואָרן און רעדט אַלץ מיטן בעל־שם וועגן עסקים און עסקים, וועגן „קיי־און־שפּיי" און קלערט נישט וועגן א תכלית?

זי, פון איר זייט, וואָלט אים אוודאי מוחל געווען די פּערל מיט די אוירינגלעך מיטן שטערן־טיכל און ברוסט־טיכל און דאָס גאנצע צירונג, וואָס ער קויפט איר, וואָס א יאָר מער און טייערער... זי האָט טאַקע ליב איר מאַן שמואל, ער איז איר בעסער, ווי צען זין, אָבער אוועקגיין פון דער וועלט, ווי אַן אָפּגעגאַנגענער שאָטן, ווילט זיך פאַרט נישט, א מאמע זיין גלוסט זיך...

זי וועט שוין אמאָל מיט אים א שמועס טון, מיט גוטן, ווי זי קען... האָט זיך אָבער קיין געלעגנהייט נישט געמאַכט. זי וועט דאָך נישט ארוים דערמיט פון דער העלער הויט.

טרעפט זיך אמאָל, שמואל דארף קומען פון בית־המדרש, פון שחרית, זי גרייט צום טיש אויף אָנבייסן. ווארפט פארבייגייענדיק א בליק אין שפּיגל אריין און דערזעט זיך עפּעס נישט ווי נעכטן און אייערנעכטן. זי גייט צו נענטער, קוקט זיך בעסער צו: יאָרן שטייען נישט; דאָס פּנימל

שוין נישט אזוי פריש, די אייגעלעך נישט אזוי גלאנצנדיק און אונטער די אויגן קנייטשט זיך עפּעס... זיפצט זי אָפּ, גייט אוועק פון שפּיגל פארמרה־שחורהט און זעצט זיךביים טיש און פארטראכט זיך.

שמואל קומט מיטן טלית־ותפילין־זאק; ווי זיין שטייגער איז:

— גוט מאָרגן!

טריינע מירל שטייט אים נישט אויף אנטקעגן, ענטפערט שלאבעריק „גוט מאָרגן — גוט יאָר", גיט אפילו נישט א שמייכל.

— וואש דיך! — און עפּעס נישט איר קול.

פרעגט ער עפּעס אומרואיק:

— ס'איז דיר עפּעס, טריינע־מירל?

זי ענטפערט נישט און לאָזט די אויגן אראָפּ.

טראכט ער: מאלע וואָס! וואשט זיך, זעצט זיך צום טיש; טריינע־מירל נעמט כמעט נישט אין מויל אריין...

— טריינע־מירל?

זי קוקט נישט אויפ'ן. די ברעמען אראָפּגעלאָזט, פון אונטער די ברעמען קייקלען זיך טרערן איבער די באקן... איז דאָך עס נישט פראָסט. שטייט ער אויף, גייט צו צו איר שטול, הייבט אויף די האנט און וויל זי גלעטן איבער דער האָר־באנד; מיין טריינע מירל גליטשט זיך ארויס פון אונטער דער האנט:

— לאָז מיך געמאך...

און הייבט זיך אויף און לויפט צו דער קאנאפּע, און גיט זיך א וואָרף אויף דער קאָנאפּע און — מיטן פּנים צו דער וואנט.

בלייבט שמואל שטיין צעמישט אינמיטן שטוב; צוגיין האָט ער מורא. ער איז גאָרנישט געוווינט צו אזא אויפירן און ווייסט נישט, וואָס דאָס באדייט;

— טריינע־מירל, דו ביסט נישט בקוו־הבריאות? שיקן נאָכן רופא? זאָג... דיר פעלט דאָך עפּעס...

דרייט זיך טריינע־מירל איבער כמעט מיט א כעס:

— און דו ווייסט נישט, וואָס מיר פעלט? און דיר פעלט נישט, וואָס מיר פעלט?

און צעוויינט זיך:

— ווי איז עס א ייד אזוי פארפלאָמט אין עסקים, ווי האָט מען עס אזא תאווה צו געלט?!

שטוינט שמואל:

— איך?

— ווער דען, איך?

און קערט זיך ווידער אָפּ און טענהט שוין מכלומרשט צו דער וואנט:

— א ייד זאָל האָבן אזא תאווה צו געלט. אויף א ייד זאָל דער יצר־הרע צו געלט אזא שליטה האָבן...

— עס קומט א בעל־שם... אז מען האָט שוין די זכיה... און מען זיצט מיט א בעל־שם שעהן לאנג אין חדר פארשלאָסן... און ער לאָזט זיך בעטן, אוודאי לאָזט ער זיך... רעדט א ייד נישט א וואָרט וועגן תכלית... יאָרן שטייען דאָך נישט... א ליידיקע, א שטומע שטוב... קיין זיכר פון א קינד... און ער וואָס בעט? נאָר געלט און געלט, רעדט נאָר פון זיינע עסקים... פון זיין געהילץ, פון זיינע טראַטוועס...

גיט זיך שמואל א רייב ביים שטערן, קוים פארשטאנען.

גייט ער נענטער צו, זעצט זיך נעבן טריינע־מירלען, נעמט איר האנט אין זיינע און זאָגט:

— זיי וויסן, זוגתי טריינע־מירל, אז איך האָב נאָך מיטן בעל־שם הקדוש וועגן מיינע עסקים קיין וואָרט נישט גערעדט!

זעצט זיך טריינע־מירל אויף מיט אן אָפן מויל.

— גלייבסט מיר, טריינע מירל? בהן שלי זאָג איך דיר!

איר מאן גלייבט זי... מויערן צו שטעלן אויף שמואלס וואָרט...

— פון וואָס דען רעדסטו?

— איך מוז דאָך דיר שוין זאָגן — ענטפערט שמואל — פון פרעמדע עסקים... איך בעט טאקע, אָבער נישט פאר מיר, פאר אנדערע! ווייסט דאָך, אן אָרעמע שטאָט, אָן פרנסה, און עס פעלן נישט קיין אונטערגענג, קיין חולאתן, רחמנא־ליצלן... און ד ע ר ייד האָט א מיידל חתונה צו מאכן, און י ע נ ע ר דאָס און נאָך איינער יענץ...

לייכטן אויף טריינע־מירלס אויגן מיט שטאָלץ אויף איר שמואלן...

„אזוינער, שטאמלט זי, ביסטו גאָר!"... און שפארט אָן דעם קאָפּ אויף זיין האַרץ, און רוקט זיך באַלד צוריק אָפּ:

— אָבער א קינד, זאָגט זי, וויל איך!

— א גאָטס זאך, טריינע־מירל...

— איז דערויף דאָ א בעל־שם...

— איך וויל אים נישט דולן קיין קאָפּ מיט אזוינע זאכן...

— דו מוזט!

— איך מוז?

— ווייל א י ך וויל... דיין טריינע־מירל וויל...

און אזוי ווייטער און ווייטער... און דאָס פּאָרפאָלק איז אזוי פאר־נומען און פארטיפט מיט זיך, און מיטן ענין, פון וואָס מען רעדט, אז עס הערט נישט, ווי מען פארפאַרט פאר דער טיר, ווי עמעץ גייט אין פעדער־שטיבל... און אומגעריכט גיט זיך אָן עפן די טיר, דער בעל־שם ביכבודו ובעצמו באווייזט זיך... מוז מען דאָך אים שוין זאָגן, ווען וואָס דאָ איז געגאנגען...

ווענדט זיך דער בעל־שם מיט זיין זיס־אומעטיק קול צו טריינע־מירלען:

— ווילסט דווקא, אישה?

קוקט אויף איר שמואל צוטראָגן, און זי:

— איך וויל, רבי, איך וויל!

— און ער אויך! — טייטלט זי אויף שמואלן, וואָס שטייט שוין צעמישט.

— אזוי? דו, שמואל, אויך? — צעשמייכלט זיך דער בעל־שם, — נו, קום־זשע מיט מיר אין חדר אריין... גייען זיי, שמואל גייט נאָך דעם בעל־שם און פארמאכט הינטער זיך די טיר. טריינע־מירל מיט הארץ־קלאַפּעניש פאַר שרעק און פרייד, שמעלט זיך שטיל אויף די נעגל צו צו דער טיר, און קען זיך נישט איינהאַלטן און עפנט שטיל אויף אַ שמאָלע שפּאַרע אין דער טיר, זי קאָן זיך בשום אופן נישט איינהאַלטן! און ליגט צו אַן אויער און הערט אונטער. הערט זי, ווי דער בעל־שם, אז ער האָט זיך געזעצט און געהייסן שמואלן זיצן, זאָגט צו'ן איר מאַן מיט די ווערטער:

— זיי וויסן, שמואל — זאָגט דער בעל־שם — אז פון הימל פאר דיר האָב איך נאָר איין ברכה באקומען. מיטן כוח פון דער ברכה האָב איך דיר געגעבן עשירות... ווילסטו גאָר בנים... און אויב בנים, איז אוים עשירות...

— איך האָב, רבי, קיינמאָל גאָרנישט געוואָלט קיין עשירות... זייט מיר מוחל, רבי...

„מיין טייערער שמואל", קלאַפּט מיט פרייד אין טריינע־מירלס האַרץ... מאַכט דער בעל־שם:

— אויב נישט עשירות, איז אָרעמקייט...

— איז אָרעמקייט! — באַשטייט שמואל, און טריינע־מירלס האַרץ הינטער דער טיר וואַקסט...

— אָרעמקייט איז דלות...

— איז וואָס, רבי?

— קענסט ווערן, לאַ־עליכם, אַ מחוסר לחם... אויסשטעלן די האַנט...

— כ׳נעם אָן פאַר ליב...

טוט שוין טריינע־מירל אַ צופּ ביים האַרץ: איר שמואל וועט, חלילה, אויסשטעלן אַ האַנט נאָך אַ מתנת בשר־ודם...

— עס קאָן, לאַ־עליכם, פעלן ברויט אין מויל אַריין... דיר, דיין ווייב...

שמואל כאַפּט אַ ציטער... „זיין טריינע־מירל!”

— ווילסט?

פאַרגעסט זיך טריינע־מירל און פאַלט אַריין:

— ער וויל, רבי, ער וויל!

— יאָ? — ווענדט זיך דער בעל־שם צו שמואלן — אַפילו ווערן נע־ונד, לאָזן זיך אין דער וועלט אַריין?...

— ווי טריינע־מירל באַשטייט!

— איך באַשטיי, איך באַשטיי!

— וועט אַזוי זיין! שטייט אויף דער בעל־שם, און טרייסט זיי באַלד: ביז גאָט וועט זיך מרחם זיין...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַזוי איז געווען.

נישט אויסגעגאַנגען אַ יאָר — אַ קינד אין וויג, אַ ייִנגעלע. און שיינען שיינט עס, זאָגט טריינע־מירל און אַלע זאָגן, ווי די זון... מען זאָל נאָר דערהיטן, רבונו־של־עולם, פאַר אַן עין־הרע...

און עס האָדעוועט זיך דאָס קינד און וואַקסט... עס האָט אָפּגע־פּאַקט און אָפּגעמאָזלט און וואַקסט ווידער... פון וויג צום דרדקי־מלמד, פון דרדקי צום גמרא־מלמד, פון חדר אין בית־המדרש אַריין... און אַן עילוי וואַקסט, אַ צירונג און אַ שיינדל פאַר טאַטע־מאַמע, פאַר דער קהילה און פאַר דער וועלט... אָבער מיט דודלס וואַקסן — אַזאַ נאָמען האָט מען דעם קינד געגעבן, — אַי שמואלס אַי טריינע־מירלס פאָטער האָבן גע־הייסן דוד! — צוזאַמען מיט דודלס וואַקסן פאַלט דער מיסחר... איינ־גאַנצן דאָס רעדל זיך איבערגעדרייט!

אָנגעהויבן האָט זיך עס באַלד ביים ברית...

דאָס געהילץ שוין אויף דער ווייסל, אין שטוב — ניכבדים, אַ שימחה, אַ גדולה. מזל־טוב, מזל־טוב! דער קוואַטער גיט שוין צוריק אי־בער דאָס קינד, אַריינצוטראָגן צו דער יולדת. קלאַפּט מען אָן אין פענצ־טער. קומט מען אַריין צום טיר —

א בשורה רעה פון וואסער:

— א ווינט די טראטוועס צעריסן, דאָס וואסער דאָס געהילץ צע־יאָגט... קיין שריד ופליט געבליבן.

הייבט אויף שמואל די אויגן צום הימל:

— גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט גענומען.

— געלויבט זאָל זיין זיין ליבער נאָמען! — ענטפערט אָפּ די יולדת, פון איר שטוב.

און צו וועקן דעם פארשטיינערטן עולם, מאכט שמואל:

— נאָך דאָ אביסל געהילץ אין וואלד, נאָך אביסל געלט ביי לייטן... מאכט ברכה, יידן...

די לייט זענען במשך פון א קורצער צייט אויך יורדים געוואָרן; א גראָשן נישט אָפּגענומען; געבליבן נאָר דאָס ביסל געהילץ...

קומט די צייט, וויקלט שמואל איין זיין דודלען אין טלית און טראָגט אים דאָס ערשטע מאָל אין חדר אריין צום דרדקי־מלמד. טריינע־מירל שטייט אין פענצטער און קוקט נאָך, מיט א נחת־שטראַלנדיק פנים צו דער שויב צוגעקלעפּט. שוין נישט די גאנצע טריינע־מירל, אָבער די אויגן לייכטן!

באגעגנט שמואל דודלען איבערן מארק טראָגנדיק, א ייד פון וואלד, א באקאנטן ייד, א שרייבער אין וואלד, גיט ער אים אין פארבייגיין „שלום"; פארהאלט אים אָבער דער ייד...

— אוי, שלעכט, שמואל, שלעכט... גאָר ביטער...

— וואָס איז? — שמואל מיינט, דעם ייד אליין איז עפּעס.

— גערעגנט — זאָגט דער ייד — און גערעגנט! וועגן — גריבער און לעכער; ווו א שטיקל שאָסיי — איבערגעקערט... אויף די שלאכן צע־וואָרפן געהילץ, צעבראָכענע רעדער און אָקסן... און וואלד פוילט... דיין געהילץ אויך, שמואל...

שמואל קומט אהיים נישט פריילעך. טריינע־מירל פאלט ביי זיך נישט אראָפּ:

— ווייסטו וואָס, שמואל? נעם און פארקויף מיין צירונג און דאָס ביסל זילבער פון שטוב ארויס, מאך אלץ צו געלט און האנדל...

— און ווייסטו וואָס, שמואל? פּרווו תבואה...

פאָלגט ער. האנדלט מיט אביסל ווייץ, מיט אביסל קאָרן, לאנגזאם, באהיטזאם, ער זעט, דאָס מזל האָט זיך אָפּגעטון... שפּילן מיט וואסער וועט ער זיך אוודאי נישט אונטערשטיין...

היבט אָן דערוויל דודל חומש...

פאַרגעסט מען אַלץ. א שימחה, א גדולה! א סעודת־מיצווה... א קניפ אין באַק, און עס שטייט די פאַרב: טריינע דעקט א טיש מיט כל־טוב — איבערן שטאַנד... אַרום טיש — דער פאַר פון דער קהילה. שטייט שוין דוד און זיין חבר — דער אויספרעגער אינדערמיט אויפן טיש... לייגט אים שוין דער חבר דער אויספרעגער דאָס הענטל איבערן קעפּעלע:

— וואָס לערנסטו, דוד?

און ווי דודל וויל ענטפערן, ווערט פּלוצלינג טונקל אין שטוב, חושך — אינדרויסן, א שווארצע כמאַרע אָנגעפלויגן, און א ווינט האָט זיך ווי פון א קייט אָפּגעריסן... און א האָגל שלאָגט, שלאָגט די שויבן אויס...

פון שמואלס ביסל תבואה, וואָס ער האָט ביי פּריצים אויפן פעלד, אויף אייגן אחריות געקויפט, איז — קיין שריד ופליט געבליבן... קוים דאָס ביסל שטרוי פאַרן פּריץ.

נאָך אַלץ אָבער קיין סכנת־נפשות נישט. פאַראַן נאָך א הויז, און דער שכן דער איגור־ישראל האָט אָן אויג דערויף. פאַרקויפט מען אים דאָס הויז, מען דינגט ביי אים צוריק א דירה מיט א געוועלב און מען פאַר־לייגט א שניט־קראָם. מאַטערט מען זיך נאָך עטלעכע יאָר... קומט ווידער א שימחה — דודל הייבט אָן תפילין צו לייגן... ער וועט א דרשה זאָגן... אָט שטייט ער אין בית־המדרש אויפן בעלעמער. די עדה יידן קאָן פון אים קיין אויג נישט אָפּרייסן, טריינע־מיר, הינטערן פאָרהענגל אין עזרת־נשים, ציטערט פאַר אן עין־הרע... אָבער דודלס קול פאַרשיכורט זי מיט פרייד... ווי עס קלינגט זיין קולכל!...

פאַלט אריין א ייד:

— עס ברענט, ר' שמואל, אייער געוועלב ברענט...

באַלד קלינגט דער גלאָק פון קלויסטער, גויים מיט עמערס און העק לויפן ראַטעווען דאָס הויז. — שמואל פון דירה און געוועלב איז אַרויס מיט גאָרנישט...

נעמט מען אַלץ אָן פאַר ליב. א דירה קריגט מען. שמואל נעמט זיך צו לופט־שנאַפּן אין גאַס, שטופּט זיך אמאָל צו צו'ן א מעקלעריי. גייט אפילו אמאָל אין שליחות... טריינע־מירל לאָזט זיך אויך אראָפּ און כאַפּט א כשרע מציאה אין מאַרק... אייער, א הון א פּעטע און פאַרקויפט שכנות... לאָזט זיך נאָך טיפער אראָפּ — קויפט איין אויף באַשטעלונג פאַר באַלע־באָסטעס און צעטראָגט אין די הייזער... אָרעם, קרועה־בלויה, פאַרשווארצט

דאָס פּנים, נעבעך, אָבער נחת אין די אויגן שטראַלט... אזוי ביי איר, אזוי ביים אָפּגעמאַטערטן שמואל.

דודל, קיין עין־הרע, וואַקסט, שוין איבערגעגאַנגען אין בית־המדרש אַריין. און ער שמט — אַ מתמיד, אַן עילוי שבעילויים... און אַ זיידן קינד, אַ פרום קינד... מאַמעס בענטשן זיך מיט אים... שדכנים ווייזן זיך, שדכנים האַקן שוין אָפּ די שוועל... אַ לאַנד־שדכן געקומען, מיטן באַרדיטשעווער פּרנס אַ שידוך גערעדט. דער באַרדיטשעווער פּרנס, אַ ייד אַ למדן, אַ מיוחס און אַ גביר, שיקט אַראָפּ אַ דיין פון שטאָט, דעם חתן צו פאַרהערן. און אָט — געקומען דער דיין, אַ ייד מיט ברילן גרויסע, אַ ווייסער באָרד אַ לאַנגער, אַ חשובער ייד, אַביסל אַ צעטראָגענער... און עס איז ערב ראש־חודש, וועט עסן סעודת ראש־חודש. טריינע־מירל קאָשפּערט ערגעץ אויס אַ הערינג און קוילעט... די מענער — דער אורח, דער מאַן שמואל און דודל — געוואַשן זיך, זעצן זיך צום טיש... טריינע־מירל שטייט ביים אויוון און וואַרט אויף נחת... זי זעצט זיך שוין נישט צום טיש מיט אַזאַ ייד... און אָט ווישט זיך אָפּ דער דיין דאָס מויל, שמואל דערלאַנגט אַ גמרא, דער דיין עפנט, רוקט צו דודלען:

— דאָס קענסטו?

— כ'קען — קלינגט דודלס קול...

— קוק נאָכאַמאָל דורך.

— כ'דאַרף נישט...

שמואל וואַרפט אַ בליק צו טריינע־מירל, טריינע־מירל רויטלט זיך און ענטפערט מיט אַ פאַרבאָרגענעם שמייכל, נעמט דער דיין צוריק די גמרא צו זיך און פרעגט אַ קשיא, אַפנים זייער אַ האַרבע קשיא... טריינע־מירל האָט ביטחון אין איר קדישל... און אָט פירט ער מיטן הענטעלע איבערן גלאַטן שטערנדל, דאָס פּנימל רויטלט זיך, אין די אייגעלעך צינדן זיך ליכטלעך אָן, אַרום די ליפּלעך שפּילט אַ זיס שמייכעלע און אָט עפנט ער דאָס כשרע מיילעכל אויף, באַלד וועט אַ זילבערן תורה־גלעקעלע קלינגען...

אָבער פון דודלס מיילעכל איז נאָר אַ פאַרע אַרויס!
דודל האָט פּלוצלינג דאָס לשון פאַרלוירן!

מילא דלות — אויסגערעדט; די צרה איז אין די תנאים נישט גע־שטאַנען, דער בעל־שם קומט נישט, נעמט שמואל טריינע־מירלען זיין ווייב

און דודל זיין קינד און לאָזט זיך צום בעל־שם; ער וועט זיך מיט'ן אויסטענהן. וואָס איז עס פאַר א פינצטערער צולאָג?

שמייכלט ער, דער בעל־שם.

— אזוי — זאָגט ער — דאַרף זיין... ביז עס וועט — אונטערקומען די צייט.

און הייסן הייסט ער אזוי טון:

טריינע־מירל, ביי וועלכער ער איז שוין אזוי פיל מאָל געווען א גאַסט, זאָל בלייבן ביי אים אין שטאָט — זיין טאָכטערס גאַסט; עס וועט איר, ברוך־השם, גאָרנישט פעלן. דודל זאָל אויך בלייבן און זעצן זיך ביי אים אין בית־המדרש לערנען.

— זאָל ער דערוויילע לערנען אָן לשון...

הערט מען: „דערווייל", אָטעמט מען שוין אָפּ.

— און דו, — ווענדט זיך דער בעל־שם צו שמואלן — מוזט זיין א צייט נע־ונד. האָסט פאַרלוירן דיין מזל אויפן וואַסער, מוזטו דיר עס צוריקבריינגען פון וואַסער. מיטן ברעג פון וואַסער, נאָכן שטראָם זאָלסטו גיין. פון קהילה צו קהילה... און הער, שמואל, קומסטו אין א קהילה אריין און דו זעסט, מען קען מיך, מען האָט מיין נאָמען געהערט, אז דו זאָגסט „בעל־שם", ווייסט מען, וואָס טייטש, גיי ווייטער... ווּעסטו אָבער קומען צו אן אָרט, וווּ מען וועט עפענען מויל און אויערן, נישט אָנהייבנדיק צו ווּיסן ווער און וואָס איך בין, — דאָרט, שמואל, וועסטו אויפגעריכט ווערן...

און ער איילט אים צו:

— שטיי נישט, שמואל! איך האָב דאָך דיר געזאָגט: „וועסט אויסשטעלן א האַנט". גיי דיר א טאָרבע, נעם א שטעקן און גיי!

— מיטן בוג גיי, דערנאָך מיט דער ווייסל... — גיט ער צו, אָפּגייענדיק אין זיין חדר אריין.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אז דער בעל־שם הייסט, פאָלגט מען; געזעגנט מען זיך.

בלייבט טריינע־מירל ביים בעל־שם אין הויז; זיין טאָכטערס גאַסט. זעצט זיך דודל לערנען אין בעל־שמס בית־המדרש, „דערווייל" אָן לשון. און שמואל נייט זיך און הענגט זיך א טאָרבע איבער די אקסל און לאָזט זיך ביים ברעג, מיטן וואַסער...

גייט ער. ווו ער קומט אין א קהילה אריין — עס קלינגט מיטן בעל־שם. חולאים אויסגעהיילט, מיט קינדער געבענטשט, געפאַלענע אויף די

פיס אויסגעשטעלט... עס רעדן דערפון אלע מיילער, עס לויבן און ווערן נישט מיד לויבנדיק אלע צונגען...

איבערגעקומען דעם ברעג פון בוג, גייט ער מיטן ברעג פון דער ווייסל... ווידער דאָס זעלבע... נישט לייכט צו געפינען אַן אָרט, ווו מען ווייס נישט פון דעם בעל־שם; אין פּאַרוואָרפנסטע העק! גייט ער און גייט, ביז ער קומט צו'ן אַ גרענעץ. קיין פּאַס האָט ער נישט; דער בעל־שם האָט געהייסן גיין, — פּעקלט ער זיך דורך און קומט בשלום אַריבער... גייט ער שוין, און די ביינער ברעכן, און פאַלט ממש פון די געשוואָלענע פיס, אויף יענער זייט גרענעץ. עס שרעקט אים נישט אָפּ. ער מוז צוריקברענגען זיין מזל און דודלען זיין לשון. קומט ער אַמאָל, פרייטיק, שוין אויפן טאָג, אין אַ דייטשער שטאָט אַריין. עפּעס אין אַ שמאָל געסל אַריינגעפאַלן; די פיס טראָגן נישט ווייטער. שטעלט ער זיך צו צו'ן אַ מויער, שפּאַרט זיך אָן מיטן אַקסל, און הייבט די אויגן צום הימל אויף: ריבונו־של־עולם, ווו איז דאָ אַ מרחץ? ווו אַ מקום־קדוש? און ווו וועט ער האַלטן שבת?

עפנט זיך אין דער זעלבער רגע פון אַ הויז קעגנאיבער אַ פענצטער, שטעקט אַ דייטש אַרויס דעם קאָפּ, אַן אַלטער דייטש, אפילו נישט קיין גלוח, אפילו מיט אַ יאַרמולקע איבערן קאָפּ, אָבער אַ פּנים פון אַן אמתן דייטש, דאָס בערדל פיין פאַרקעמט, און די יאַרמולקע איז גאָרנישט די יאַרמולקע, וואָס שמואל קען, נישט שפּיציק, עפּעס קאַנטיק... אַ דייטשע יאַרמולקע.

כאַפּט שמואל אַ ציטער, ער וועט אוודאי אָנשרייען, וואָס ער שטייט דאָ, וואָס ער שפּאַרט זיך אָן אין מויער. דער דייטש אָבער בייזערט זיך נישט און רופט צו אים אַריבער עפּעס גאָר יידישלעך, דייטשמעריש, אָבער מיט אַ יידיש האַרץ:

— זי זינד יודע?

שמואל שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ; „אַ שאלה דאָס איז?" טראַכט ער.

— דאַן קאָמען זי גיטיגסט נעהער...

גייט שמואל קווער אַריבער דער גאַס, עפנט זיך אַ הויז־טיר, קומט אַרויס אַ דינער, זאָגט, דער הער בעט אַרויף... פירט ער אים איבער גע־ וועקסטע און מיט דיוואַנעס באַלייגטע טרעפּ, שמואל גייט אויף די שפּיץ קנעכל, וואָס וויניקער צייכן איבערצולאָזן. קומט מען אויפן שטאָק אַרויף, שטייט שוין דער דייטש, און הינטער אים אַ דייטשקע, אין דער אָפענער טיר. שטרעקט אים דער דייטש אויס די האַנט:

— שלום־עליכם!

אויך אביסל דייטשמעריש. די דייטשקע זאָגט:

— איין גאַסט אים הויזע — גאָט אים הויז...

די שטימען זענען עפּעס נישט קיין פריילעכע, אָבער עס שמעקט מיט אמתער הכנסת־אורחים. מען פירט אים אין שטוב אריין. מען גיט אים עפּעס לייכטעס טועם צו זיין. דער דינער, וואָס איז אוועקגעגאנגען, קומט באַלד צוריק און מעלדעט:

— פערטיק!

ווייזט זיך אויס, אַז פּאַרטיק איז פאַר שמואלן אַ וואַנע, גייט ער אריין, וואַשט זיך אָפּ לכבוד שבת, גייט אַרויס, ווישט זיך אָפּ מיט האַנט־טעכער, וויל אָנטון די מלבושים, — קוקט זיך אום, דער משרת, אַפּנים אַרויסגייענדיק, האָט אים זיינע מלבושים צוגענומען... פאַר דאָס ליגן אויף אַ שטול — אַ פריש העמד מיט אַ טלית־קטן מיט אַלע אנדערע זאַכן... כאַפּט ער אויף זיך דאָס העמד מיטן טלית־קטן. וואָס אָנבאַלאַנגט דער רעשט, בלייבט ער שטיין: אפשר שעטנז?

קלאַפּט אָן דער באַלעבאָס:

— מיין הער, איילען זי גיטינגסט צו... צייט צו גיין צו קבלת־שבת... און ווייטער עפּעס גאָר נישט קיין פרייע שטימע.

אָבער „קבלת־שבת" — אויס פּחד פאַר שעטנז... ער טוט זיך אָן. מען גייט דאווענען, אַ דייטשע שיל, אָבער אָן אָן אָרגל, אַ כאָר, אָבער אָן נשים... און מען דאַוונט, עפּעס דייטשמעריש, אָבער פון סידור אַרויס... מען קומט צוריק אהיים: שלום־עליכם, קידוש... און אַ געדעקטער טיש, אויף אַלע יידן געזאָגט. עס בליצט פון די זילבערנע לייכטער און כלים און אַלערליי קריסטאַל און גלאָזוואַרג... ביים עסן זינגט מען זמירות... ביים בענטשן — די דייטשקע נעמט אַ סידור און בענטשט אויך; דאָס טעכ־טערל, ער באַמערקט זי ערשט, אַ מיידעלע פון אַ יאָר פופצן — בענטשט אויך... נאָכן עסן — מען פירט אים אין אַ באַזונדער חדר אריין, שלאָפן. זינט ער לעבט, האָט ער נאָך אַזאַ בעט נישט געהאַט...

אָבער אין שלאָף טראַכט זיך אים: וואָס קאָן עס זיין? אַזוי עשירות — און קיין שמייכל אויפן פּנים. שבת, און אַז מען פאַרגעסט זיך אַ ווײַלע — זיפצט מען; אַזוי ער, אַזוי זי, אַזוי דאָס טעכטערל... דער שלאָף איז אָבער גובר. אינדערפרי, — אין שיל אריין, דערנאָך עסן און ווידער אָפּ־רוען אין באַזונדערן חדר.

— פיליכט וואָלן זי איין ספר?

— אדרבא!

דערלאַנגט אים דער באַלעבאָס אַ מדרש.

ער עפנט און פאַרגעסט זיך און טראַכט, ווידער, וועגן דעם, וואָס עס קאָן פעלן דעם דייטש, און דרימלט איין. דאָס זעלבע ביים שלוש־סעודות... שפּעטער ביי דער הבדלה... נאָך הבדלה ווערן די פּנימער עפּעס גאָר חושך... מען שווייגט, און אַז מען רעדט אַרויס אַ וואָרט, איז עס, ווי פון אַ קבר אַרויס...

מילא, פרעגן וועט ער דאָך נישט. אַן אורח מישט זיך נישט. און דערביי האָט ער דאָך זיינס אין זין. גיט ער אַ טאַפּ דעם דייטש, נאָך ויתן לך, — דאָס ווייב מיט דער טאָכטער זענען אַרויסגעגאַנגען —

— קענט איר נישט, באַלעבאָס־לעב, דעם בעל־שם?

— ווי?

זאָגט ער שוין דייטלעכער:

— בעל־שם!

— וואָס איזט זיין געשעפּט?...

גיט שמואלן אַ פּריילעכער קלאַפּ אין האַרץ.

און דער דייטש זאָגט:

— איין אונבעקאַנטע פירמאַ!

און גיט צו:

— ניעמאַלס געהערט!

שפּרינגט שוין שמואל אויף דערפרייט:

— דער מאַן איז קיין פירמאַ, זאָגט ער, ער פירט קיין געשעפטן נישט... חס־ושלום!

זעט ער אָבער, אַז דער דייטש הערט אים שוין נישט, זיצט טיף אַריינגערוקט אין פאָטעל, פאַרטראַכט, די אויגן אין אוויר אַריין...

— נעבעך, עפּעס אַ שרוי בצער! — טראַכט שמואל און שאַרט זיך אַרויס צו זיך אין חדר אַריין אויף די נעגל, און וואַרפט זיך אין בעט אַריין. שלאָפן אָבער קאָן ער נישט. ליגט ער אַזוי און ליגט, ביז עס ווערט גאָר שפּעט. די גאַס ווערט שטילער און שטילער און גאָר שטיל. מען לעשט אין גאַס די לאָמפּן אויס. אין דער פינצטערער שטילקייט הערט ער, ווי די דייטשקע קומט צום דייטש און רופט זייער שטיל אים שלאָפן. באַלד קומט די טאָכטער:

— אָבער, פאַטער...

דער דייטש רירט זיך, אַפּנים, נישט... שטייען זיי אָדער זעצן זיך נעבן אים. עפּעס הייבט מען אָן זייער שטיל צו רעדן, מער שטיל צו זיפצן...

דערנאָך צעוויינט זיך דאָס מיידל אויף א קול און גייט ארויס; צע־וויינט זיך די מוטער און גייט איר נאָך. און דער דייטש — דער פּאָטער — קרעכצט! — שטעלט זיך אויף:

— אך, גאָט, גאָט! אך, דו ליבער גאָט! — און גייט נאָך.

אינדערפרי, טראכט שמואל, וועט ער זיך ביים געזעגענען דורכרעדן מיטן דייטש... דאגה בלב איש ישיחנה... און שלאָפט ווייטער איין...

—איך וויל אים נישט דולן א קאָפּ מיט אזוינע זאכן...

אינדערפרי, ער וויל זיך געזעגענען, מען בעט אים בלייבן אויף פרישטיק. נאָכן פרישטיק, די דייטשקע מיט דער טאָכטער נייען ארויס, וויל שמואל רעדן. וועט ער דאָך נישט צוטרעטן מיטאמאָל צו דער זאך, הייבט ער אָן פון א זייט:

— האָט איר ווירקלעך, דייטש־לעב, נישט געהערט פון בעל־שם... ענטפערט דער דייטש נאָכאמאָל:

— ניע פאָן דער פירמא געהערט: גאנץ היר אומבעקאנט...

— אזוי! מאכט שמואל מיט נאָך א לייכטער הארץ.

— עס איז אָבער, זאָגט ער ווייטער, דייטש־לעב, באַלעבאָס־לעב, קיין פירמא נישט... עס איז א ייד...

— א יודע? — פרעגט איבער דער דייטש שוין מער פאראינטערע־סירט, און הייבט, אפשר דאָס ערשטע מאָל, די ברעמען אויף.

— א יודע! — זאָגט שמואל נאָך.

— און א ייד — זאָגט ער — מיט תורה ועבודה, מיט מיצוות און מעשים־טובים, און א הימל־מאן —

— וואס?

— א געטלעכער מאן!

— זאָ? — ענטפערט דער דייטש עפּעס נישט זייער גלויביק און וויל ווייטער פארזינקען אין זיינע מחשבות...

— איך וויל אוועקגיין, רב דייטש...

— זאָ, זי איילען?

— איך וויל מיך געזעגענען...

— זאָ... און שטרעקט אים אויס א האנט; ער וויל נאָך רופן די פרוי און די טאָכטער.

— אָבער — זאָגט שמואל — יאָגט אייך נישט אזוי, רב דייטש; עס זאָל אייך נישט פארדריסן, איך וויל אייך עפּעס בעטן...

— אַך, זאָ... זייער גערן... פערצייען זי, דאָס איך עס פערגעסן האָב... איך בין, ליידער, זאָ...

און שטרעקט שוין די האַנט אין טאַש אַריין...

— ניין, ניין, דייטש... נישט דאָס האָב איך אַצינד געמיינט... עפּעס אַנדערש וויל איך אייך בעטן... איר זייט דאָך אַ ייד!

— מיט לייב און זעל!

— איך אויך... זאָגט מיר, וואָס אייך פעלט?

בלייבט דער דייטש דערשטוינט... באַנוצט זיך דערמיט שמואל:

— עפּעס דריקט דאָך אייך אויף דער נשמה, אייך, אייער ווייב, אייער טאָכטער... זאָגט, וואָס... עפּנט דאָס האַרץ פאַר אַ ייד: אַ ייד, אַ ייד העלפט אַמאָל... קוקט נישט אויף מיין אָרעמקייט...

— דאָס ניכט — ענטפערט דער דייטש — אָבער אונדז קאַן ניע־מאַנד העלפן...

און ער פאַרציילט אים: ביי די גרעסטע דאָקטוירים געווען... ביי די גרעסטע פּראָפעסאָרן —

— אַ חולאת, לא־עליכם?

—וואָס?

— אַ קרענק?

— אַ קראַנקייט... יאָ... אַ געהיימע... איין אומגליק...

— איז דאָ — פאַלט אים אַריין שמואל אין די רייד — איינער, וואָס העלפט...

— יאָ, דער הער גאָט!

— גיכער אין זיין נאָמען דער בעל־שם...

און דער דייטש לאָזט עפּעס צו זיך ריידן, און שמואל פאַרציילט אים פון בעל־שם־טוב, פון זיינע ניסים ונפלאות. און דאָס האַרץ ביים דייטש הייבט זיך, און הייבט זיך, און דאָס פּנים לייטערט זיך צוביסלעך, און די אויגן קלערן זיך ביסלעכווייז, און ער זאַפּט איין שמואלס רייד, אַלע מאָל איבערפרעגנדיק, אַז ער פאַרשטייט נישט, ווי אַ שוואָם; זאַפּט זיי, ווי אַ נחת, ווי אַ בשורה אַ גוטע...

— פאָלגט מיך — ענדיקט שמואל — איך וויל נישט און דאַרף נישט ווּיסן, וואָס, וועמען ביי'ן אייך אין הויז עס פעלט, נאָר פאָלגט מיך, הייסט איינשפּאַנען אַ בויד און לאָזט אייך פירן צום בעל־שם...

וואַקלט זיך דער דייטש... און נאָך אַ ווײַלע:

— יאָ... איך מוז אָבער מיט מיינער פרוי און טאָכטער שפּרעכען...

שרייט אוים שמואל מיט פרייד:

— גייט מיטן רעכטן פוס און שפּרעכט, און גאָט וועט העלפן...

האָבן אָבער אַלע ווייבער, זעט אוים, איין טבע: די דייטשקע איז הינטער דער טיר געשטאַנען, צו דער רעכטער מינוט אריינגעקומען, דאָס טעכטערל הינטער איר... זי זאָגט, אז פרוון דאַרף מען... אין א פּאָר שעה אַרום — די בויד געשפּאַנט, מען זיצט איין, מען פאָרט גאַלאָפּ. מען פאַרהאַלט זיך נאָר ביי דער גרענעץ... דאָ וועט שוין געדויערן; שמואל האָט דאָך קיין פּאַס נישט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איידער זיי וועלן אַריבער די גרענעץ, וועלן מיר זען, וואָס דערווייל ביים בעל־שם טוט זיך.

זיצט ער איינמאָל, דער בעל־שם, און צעשמייכלט זיך און זאָגט צום שמש:

— גיי, רוף מיר יונה דעם שניידער.

גייט ער און ברענגט אים.

— זאָג נאָר, יונה, קענסט נעמען א מאָס מיטן אויג, און יענער זאָל גאָרנישט וויסן, ווי דו נעמסט פון אים א מאָס?

— אזוי טו איך דאָך מיט אייך, רבי... אייער טאָכטער, זאָל לעבן, הייסט נייען, קום איך און וואַרף אַן אויג...

— און פאַר נשים אויך אזוי?

— אַלציינס, רבי!

— און ווילסט עפּעס טון פון מיינעטוועגן?

— עד חצי המלכות, רבי!

— איז גוט. דרייט זיך דאָ ביי מיר אַרום אין שטוב א פרעמדע יידענע...

— אהא, טריינע־מירל, — מיינט דער רבי.

— יאָ. און איר זון דודל לערנט ביי מיר אין בית־המדרש. גיי און נעם פוןביידע אַראָפּ מיטן אויג א מאָס...

— אויף וואָס פאַר א מלבושים, רבי?

— שטעל דיר פאָר, יונה, ווי עס וועט זיין מיט דודלען תנאים. דאַרף ער מלבושים און די מוטער מלבושים... און — באַלעבאַטישע...

— און סחורה, רבי!

—נעם די בעסטע, אויף מיין חשבון, יונה...

— גוט, רבי!

— נאָר עס זאָל זיין פונקט פון היינט אין א חודש ארום.

— נישט א שעה לענגער, רבי...

פארנאכט אין א חודש ארום ברענגט דער שניידער די מלבושים. זיצט דערביי דעם בעל־שמס טאָכטער, זאָגט דער בעל־שם צו איר:

— נעם די מלבושים און גיי אריין צו דיין גאסט טריינע, און זאָל זי זיי אָנטון; זאָג, איך האָב געהייסן. און זי זאָל נישט ארויס פון שטוב און ווארטן דאָ אין דיין צימער, ביז מען וועט זי רופן...

פרעגט זי נישט איבער קיין וואָרט, נעמט די מלבושים און גייט.

— און דו, — זאָגט דער בעל־שם צום שמש, — נעם דודלס מלבושים און טראָג אין בית־המדרש אריין. זאָג, איך האָב געהייסן, ער זאָל זיך אָפוואשן און אָנטון, און אריינגיין און זיצן ביי דער מוטער, ביז איך וועל זיי רופן.

וויל שוין דער שמש גיין.

— און דערנאָך — זאָגט נאָך דער בעל־שם — זאָלסטו מיר תיכף־ומיד אהערופן אונדזער שכן דעם דיין און דעם סופר און רוף מיר אריין א מנין יידן, נאָר באלד...

קומען באלד אַלע גערופענע, בעט זיי דער בעל־שם זיצן, און דעם צוריקגעקומענעם שמש הייסט ער אריינגיין צו דער טאָכטער און הייסן אָנגרייטן כיבוד.

— וואָס פאר א כיבוד, רבי?

— ווי אויף תנאים... ווי אויף געהויבענע תנאים.

גייט דער שמש, זוימט זיך א ווייַלע און קומט צוריק:

— גרייט!

— צינד ברענג אריין ליכט, מער ליכט.

טוט ער אזוי, דער שמש. און ווי ער ברענגט אריין לייכטער מיט ליכט און צעשטעלט אויפן טיש, פארפאַרט פאר דער טיר א בויד, קריכט אראָפּ פון דער בויד שמואל און דער דייטש, און די דייטשקע, און דאָס טעכטערל, און קומען אין שטוב.

שטעלט זיך אויף דער בעל־שם:

— שלום־עליכם, אברהם!

און דערלאַנגט דעם דייטש די האנט.

— ס'קאָצל קומט, נשים! זעצט אייך.

ווערן זיי ניבהל ונשתומם און זעצן זיך; די דייטשקע מיט דער טאָכטער, פארשטייט זיך, ביין א באזונדער טיש.

— און צינד, דייטש־לעב, — שמייכלט דער בעל־שם — אמונה, זע איך אין אייערע אויגן, אין מיר האָט איר שוין... פארציילט־זשע אונדז פריער פאר אלעם — ווי אזוי איר זייט רייך געוואָרן. און דו, שמואל, עפן אביסל די טיר, שמייכלט צו'ן אים דער בעל־שם, — מאַך א שפּארע, דאָרט זיצט זוגתך טריינע־מירל, און זי האָט ליב צו הערן דורך א שפּארע.

שמואל פאָלגט גאנץ גערן, און דער דייטש אברהם פארציילט, דייטשמעריש, אָבער מען פארשטייט אים.

מיט יאָרן צוריק איז ער געווען א גאנץ אָרעמער דייטש... געהאט עטלעכע טאָלער און פאָרכט געהאט געשעפטן צו מאכן. איינמאָל ביי־נאכט, ער קאָן נישט שלאָפן פאר זאָרג, קלאַפּט עמעץ אָן אין פענצטער... זומער־צייט, שטייט ער שטיל אויף פון בעט, ער זאָל דאָס ווייב נישט וועקן, און עפנט דאָס פענצטער. א באקאנטער געווען פון הינטער דער שטאָט, ביי דעם אויסגוס פון ים... זאָגט אים יענער אזוי: א פארפלייצונג האָט אָנגעבראכט געהילץ... פויערים האָבן עס ארויסגעצויגן מיט אייזנס, און מען קען עס קויפן כמעט אומזיסט...

— הערסט, שמואל? — מאכט דער בעל־שם צו שמואלן, וואָס האָט שוין נישט אָפּגעטרעטן פון דער טיר מיט דער שפּארע — דיין געהילץ!

— איך הער, רבי, איך הער! — ענטפערט שמואל און ווענדט זיך פאָרט פון שפּארע נישט אָפּ.

און דער דייטש מיינט, ער דארף זיך פארענטפערן, און גיט צו פארשטיין, אז על־פּי דין איז אזא געהילץ הפקר... און פארציילט, ווי ביי־ליק ער האָט דאָס האָלץ געקויפט... און וויפל ער האָט פארדינט דערינען... א שפּאָר ביסל געלט.

— און געלט — שלאָגט אים איבער דער בעל־שם — גייט שוין צו געלט... און באלד איז דיר די בת־יחידה געבוירן געוואָרן... קיין עין־הרע א בתולה נאה... א מיידל, ווי מען זאָגט ביין אייך, ווי א גאָלד... שוין א כלה?

— דאָס איז דאָך, געטלעכער מאן, — פארברעכט דער דייטש די הענט — מיין אומגליק... זי קאָן ניכט פארלאָבט ווערן!

— פארוואָס?

— פארציילט דער דייטש, אז מען האָט זיין טאָכטער גערעדט די שענסטע און די בעסטע שידוכים, איז זי אָבער א קראנקייט באפאלן. אזוי ווי מען ווייזט איר א חתן, ווערט איר איבל, נישט גוט, און אז מען פירט זי נישט שנעל ארויס, פאלט זי אין אָנמאכט...

— אזוי ווי איר זעט, געטלעכבער מאַן, געזונט און פריש... און קוים דערזעט זי א חתן — חלשט זי...

ער איז שוין געווען מיט איר און גערופן צו איר די בעסטע דאָקטוירים, די גרעסטע פּראָפעסאָרן...

— אזוי? שלאָגט אים דער בעל־שם איבער מיט א שמייכל, — דאָס איז איינגאנצן דיין צער און דיין צרה? און איך, זעסטו, אברהם־דייטש, וועל איר ווייזן א חתן, און נישט נאָר זי וועט נישט חלשן, עס וועט איר נישט איבל ווערן, זי וועט אים אקעגנלויפן מיט פארשפּרייטע הענט!

—שמואל, לאָז אריין דיין ווייב און דיין זון.

לאָזט אויף זיך טריינע־מירל נישט ווארטן און בלייבט שטיין, ווי צונעשמידט צום אָרט נעבן מאַן, קומט נאָך איר אריין — דודל... און דאָס יינגל מיטן מיידל דערזעען זיך, און דערשרעקן זיך, איינס. אויפן אנדערן קוקנדיק, און ווערן בלאַס, און ווערן באלד רויט... און נישט ווילנדיק מאכן דאָס יינגל מיטן מיידל עטלעכע שריט אקעגן, און בלייבן שטיין צעמישט, פארשעמט, און רייסן קוים אָפּ איינס פון אנדערן די אויגן מיט געוואלד און לאָזן די קעפּ אראָפּ צעמישט.

— נו,, מיידל, — פרעגט דער בעל־שם, — נישט איבל? דעם חתן ווילסטו?

ציטערט זי און שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ...

— און דו, דודל, ווילסט די כלה...

און געביט אים:

— ענטפער, דודל!

ענטפערט דודל בפירוש:

— יאָ, רבי.

— און דו וועסט נאָך, — זאָגט דער בעל־שם, — א דרשה זאָגן. סופר, שרייב תנאים...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין די תנאים האָט דער בעל־שם געהייסן אריינשרייבן, אז אברהמל דייטשס גאנץ פארמעגן גיט ער אָפּ נדן דער טאָכטער... און הן אבות החתן ווי אבות הכלה וועלן עסן א י י ב י ק ע ק ע ס ט ב י י ד י ק י נ ד ע ר.

זינדיק בלוט

איך בין שוין דאָ דעם דריטן טאָג, און קיין דאָקטאָר אַלץ נאָך פאַר די אויגן נישט געזען.

נעכטן האָב איך נאָך אין גערטל שפּאַצירט: די קראַנקע חבר־טעס מיינע פאַרציילן, דאָס דער דאָקטאָר איז זייער אַ גוטער דאָקטאָר, קו־רירט אויסגעצייכנט, נאָר אַ נערוועזער איז ער, וואַרפט מיט די הענט. קריגט טיילמאָל אַזוינע שפּיציקע אויגן, מענטשן דורכצושטעכן. און אַז ער ווערט שוין גאָר ווילד, ווערט ער אויף אַ צוויי־דריי טעג פאַרשוווּנדן און קומט צוריק אַ באַרואיקטער...

זיי זאָגן, אַז ער איז פאַרליבט אין מיין באַרעמהערציקער שוועס־טער. שיין איז זי, אַ העלע בלאָנדינע, לאַנגע ברעמען, שטענדיק אַראָפּ־געלאָזטע.

ווער ווייס, צי זי באַהאַלט נישט אונטער די ברעמען די גוטע פלעמ־לעך; בלאָנדינען שפּריצן אַמאָל מיט גאָלדענע פונקען.

איך פּראָפּאָניר דער באַרעמהערציקער שוועסטער, זי זאָל רופן אַן אַנדער דאָקטאָר און זאָג איר, אַז איך קאָן באַצאָלן. ענטפערט זי אויף זיכער:

—היינט, מאָרגן קומט ער.

— אָבער אַ דאָקטאָר זאָל פאַרשווינדן פון אַ שפּיטאָל?

לאָזט זי לענגער די ברעמען אַראָפּ:

— ווער ווייס, וואָס ביין אַ מענטש קאָן זיין אויפן האַרץ...

— און וואָס טוט ער דעמאָלט? ער טרינקט?

זי ענטפערט נישט; גייט שטיל אַרויס.

זי האָט אים אויך נישט פיינט.

אַז איך האָב געבעטן ביי דער באַרעמהערציקער שוועסטער טינט־און־פעדער און פּאַפּיר, האָט זי מיך געפרעגט, צו וועמען איך וויל שרייבן:

— צו א חתן?

— איך האָב קיין חתן נישט — ענטפער איך איר — איך האָב אַלע מענער גלייך ליב.

— געדענק, ווו דו ביסט!

איך וועל שוין נישט פארגעסן, אז עס איז מיר שווער פון בעט אראָפּ.

איך וויל גלאט עפּעס שרייבן. אביסל פון מיר אליין. די מענער האָבן נאָר ליב אויסגעטראכטס. לאָמיר אמאָל שרייבן, אויב איך האָב נישט מיט וועמען צו רעדן, א וואָרט אמת וועגן זיך.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מען דאַרף פארשרייבן, ווי איך בין אהער געקומען.

אז דער נייער „פעטער" האָט מיך איבערגעקויפט און אהיימגעפירט, האָט ער אריינגעשריגן אין צווייטן צימער אריין:

—א גלאָז טיי!

און מיך געהייסן זיצן.

איך קוק מיך אום — א זאַל, געבעט מעבל. א פּיאַנאָ. דאָ וועט זיין פריילעכער. און נעבן צימער הייבט עמעץ אָן שליאַפּען אין שטעק־שיך, עס וויגט זיך אריין די „מומע" — א מאשין פון פלייש, מיטן גלעזל טיי. זי שטעלט עס פאר מיר, קוקט אויף מיר א ווילע מיט אויסגעלאָשענע אויגן, קומט צו נענטער, קוקט מיר אין פּנים אריין, הייבט מיר אויף מיט די פעטע פינגער די ברעם און באטראכט די אויגן, גיט פּלוצלינג א שאַר אראָפּ די בלוזקע ביים קראגן, און ביינט צו דעם קאָפּ, שפּריגט אָפּ און גיט א געשריי צום פעטער:

— אָקס!

שפּרינגט ער אויף פון קאנאפּע:

— וואָס איז?

— פרעג נישט. נעם און גיי מיט איר אויף דער שטעל צום דאָקטאָר; זאָל ער זי באטראכטן און ארויסגעבן א צייגעניש. אנישט וועט ער דיר דאָס געלט נישט אָפּגעבן!

און גייט צוריק מיטן גלאָז טיי.

ער פארענטפערט זיך פאר איר אין ברייטן רוקן אריין:

— ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן — אזא צנועהדיק פּנימל...

און אויף מיר גיסט ער זיך אָן מיט בלוט:

— אוי, א רוח אין דיין טאטנס טאטן אריין...

וואָס ער שעלט מיין אנטלאָפענעם טאטן, וואָס איך קען נישט, טוט

מיר הנאה. ער לויפט אָבער צו צו מיר מיט די פויסטן. די מומע האָט עס דערפילט, אָפּגעשטעלט זיך אויף דער שוועל, אומגעקערט:

— ריר נישט! אַנגערירטע סחורה נעמט מען נישט אָפּ...

א „פעטער" פאָלגט. רירט ער מיך נישט אָן און שעלט אַלץ איניינעם מיך און מיין טאטן... מיין טאטע, ווי געזאָגט, ארט מיך נישט... מיך אַליין האָב איך אויך פלוצלינג פיינט געקריגן; האָב איך הנאה פון זיינע קללות. זאָלן זיי — טראכט איך — מקוים ווערן! גיך און באַלד, טאטע, פאָטער! בעט איך צום הימל ארויף.

און א דאָקטאָר באַטראכט מיך און קלינגט באַלד אָן אהער... און מען קומט נאָך מיר...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב א שפּיגעלע געבעטן; די באַרעמהערציקע שוועסטער שאָקלט נישט צופרידן מיטן קאָפּ; גיבן, גיט זי. א גוטע איז זי, זייער א גוטע...

מיין צנועהדיק פּנים איז נאָך ריין...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

—פאַרוואָס קומט צו דיר קיינער נישט? — פרעגט באַרעמהערציק די שוועסטער.

— איך האָב נישט קיינעם...

— האָסט נישט קיין פאָטער?

— ער איז ערגעץ אוועק... איך געדענק אים נישט, קיינער דער־מאָנט אים נישט... אפשר לעבט ער שוין נישט.

— און ברידער, שוועסטער?

— איך בין דאָס ערשטע און לעצטע קינד געווען...

וווּנדערט זי זיך:

— געווען?

קוקט אויף מיר לאַנג, לאַנג, ווערט אביסל איינגשטימיק מיטן גע־ווען און פרעגט ווייטער:

— און א מאַמען?

דריי איך מיך אָפּ צו דער וואַנט און שלוכץ.

„א מאַמען"...

אָן עוולה! נישט געדאַרפט דאָ איר נאָמען דערמאָנען, דאָ נישט אויפשרייבן... ווי קומט זי, די פרומע, די ציכטיקע, די הייליקע אהער?

אָבער אויסמעקן קאָן איך נישט, עס פאָלגט נישט די האַנט...

אַט ליגט זי אומבאַהאָלפן, די האַנט איבערן טישל... אַ בלאַלעכע, רויטלעך געשפּרענקלט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און געמיינט האָב איך, אַז דאָס וועט מיך מיידן...

אַז איך בין זינדיק געוואָרן מיטן לייב, האָט זיך מיין נשמה אומ־געקערט צו גאָט. אין גימנאַזיע פון חברים און חברטעס אַזוי פיל שלעכטס און אויסלאַכעניש וועגן גאָט געהערט, אַזוי פיל קענען אים אין ביכלעך גע־לעזן; — פאַרזינדיקט האָב איך אַלץ מיטאַמאָל פון קאָפּ, פון האַרץ אַרויס־געוואָרפן און אָנגעהויבן צו דאַווענען. אַלע תעניתים געפאַסט, יום־כיפור זיך אָפּגעשלאָגן. קיינעם נישט אַריינגעלאָזט... און אַזוי פיל צוליב דעם צדקה געגעבן, אַלע מתנות. וואָס איך פלעג באַקומען; אַלע קליידער, וואָס איך האָב אויסגעטאָן, אָרעמערע חברטעס אַוועקגעגעבן. און אַלץ אין איינעם זיך געבעטן: באַרעמהאַרציקער פאָטער, איך זינדיק, איך האָב בירושה אַ שלעכטס און זינדיק בלוט באַקומען, — שטראָף מיט וואָס דו ווילסט, נעם מיך איינגאַנצן צו, נאָר דאָס נישט, דאָס נישט!

ער איז נישט קיין גוטער!

און אפשר בין איך מיר שולדיק אַליין. נישט געדאַרפט אַוועקגעבן חברטעס, זיי זאָלן בעסער געפעלן אין גאַס... געדאַרפט שענקען אַלמנות, יתומות: אויסזוכן אַמאָל אַן אָרעמע כלה און געבן אַ קלייד צו דער חופּה...

אַצינד וועל איך שוין וויסן, זאָל נאָר דער דאָקטאָר קומען, לאָמיך נאָר אַרויס פון דאַנען.

און אפשר קומט עס מיר פאַר איר טויט...

נישט געקאָנט איבערטראָגן„ די פרומע, די הייליקע...

דאָס וואָרט, וואָס יאָגט זיך פון האַרץ אַרויס צו די ליפּן, וויל איך נישט אַרויסזאָגן, דאָ שוין מער נישט אויפשרייבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ענדלעך געקומען דער דאָקטאָר...

אַ ברונעטל, עטוואָס פאַרזילבערט. גאָלדענע פענסנע. אַ צוגעשפּיצט בערדל, פון וועלכן ער הערט נישט אויף צו צופּן. שטייענדיק מיט דער באַרעמהאַרציקער שוועסטער, שלינגט ער זי מיט די אויגן, און זי, קוים — קוים זי רויטלט זיך און רייסט אַלץ די האַנט אויס פון זיינע.

ער שעפּטשעט איר:

— אַלץ ווענדט זיך אָן אייך! נאָר אָן אייך!

זי ענטפערט נישט און שטויסט אים צו מיין בעט צו.

ער ווערט אויך דערשטוינט:
— טאקא סקראָמנא נא טווארזשי!
— א פּנים פון א היליקער! — גיט ער צו.
— לעסטער־מויל! — שרייט אים אָן די שוועסטער.
— פּאַרדאָן! — און הייבט מיך אָן צו באטראכטן.
ארויסגייענדיק נאָכן פארשרייבן, מאכט ער צו דער שוועסטער אין טיר:
— פול גיפט.
— אַזוינע, ווי איך, האָבן שארפע אויערן...
זייער גוט; איך וועל אָן מיר א נקמה דערלעבן...
איינס נאָר: דאָס פּנים וואָלט מיר דאָך א שאָד געווען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס פּנים האָב איך פון דער, וואָס איך וויל דאָ נישט דערמאָנען... פון דער היליקער, וואָס האָט מיין שאנד און זינד נישט געקאָנט איבער־לעבן...
מיין זינדיק בלוט פון ועמען?
געווים פון אנטלאָפענעם טאטן...
איך דערמאָן מיך, אונטערגעהערט אמאָל א געשפּרעך צווישן צוויי חברים שילער אין גימנאַזיום־גערטל. זיי זענען אויף דער באנק געזעסן, איך בין הינטענאַרום צוגעקומען, געוואָלט איינעם, דעם, וואָס איז מיר אזוי געפעלן, הינטענאַרום די אויגן פארשטעלן. הער איך, ווי דער צווייטער זאָגט:
— אוי, האָב איך ליב מאַניען!
דאָס האָט ער מיך געמיינט, און דער, וואָס איך האָב כמעט ליב געהאט, ענטפערט לאַכנדיק:
— נו... נישט ווייט פאַלט דאָס עפּעלע פון בוים...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— ווילסט הערן, שוועסטער?
— פאַרוואָס ביסטו צו מיר אזוי גוט, שוועסטער?
— דו האָסט געווים אזוי פיל געליטן...
זאָג איך דעם אמת: — נישט נאָר געליטן... געווען פרייד אויך... אפילו שאמפּאַניער...
— רעד אויף זיך נישט קיין בייז, איך בין זיכער, מען האָט דיך...
— פאַרגוואַלטיקט? אמת. אין גימנאַזיום, דער רעליגיאָנס־לערער!

— אומעגלעך! — שפרינגט זי אונטער.

— דיר, שוועסטער, וועל איך קיין ליגן נישט זאָגן. דאָ, איבערהויפּט, זאָג איך און שרייב קיין ליגן נישט. פאַר ליגנערנס מאַכן אונדז די מענער... אָבער דאָס איז נאָר אַן אָנהויב געווען... און אויך.

— ווילסט הערן, שוועסטער?

„זי מוז!"

— מער שולדיק, שוועסטער, איז מיין זינדיק בלוט. איך האָב דאָך געוווּסט, אַז ער וויל מיך...

זי לייגט מיר די האַנט איבער די ליפּן, און די אויגן בעטן זיך:

— זאָג נישט אַרויס!

— איך האָב עס, ווי אין אַ בוך אויף זיין ברוין־היציק געזיכט געלעזן, — אין זיינע ווילד־פלאַמענדיקע אויגן, מיט וועלכע ער פלעגט אויף מיר קוקן... אָן זיינע ווילדע הענט און פאַרציטערטע פינגער, מיט וועלכע ער פלעגט טאַפּן אַרום מיר די לופט... אָן זיין ברענענדיקן אָטעם, מיט וועלכן ער פלעגט, ביים טרעפן זיך אין קאָרידאָר, אויף מיר בלאָזן..

— און?

און גאַנצע נעכט געפיבערט פאַר טויט־שרעק פאַר דעם, וואָס קען, וועט און דאַרף קומען...

— האָסט אים ליב געהאַט?

— פיינט געהאַט...

זי פאַרשטייט עס נישט.

— זינדיק בלוט, שוועסטער!

— געוווּסט און אָנגעהויבן אליין אוונט־צייט אַרומגיין אין פּאַרק, ווו ער פלעגט אַמאָל שפּאַצירן, אָדער זיצן ערגעץ אין די אָפּגעלעגנסטע אַלייען, טאָמער וועט ער מיך באַגעגענען... געזעסן און געפיבערט...

— פאַרוואָס האָסטו דיך פאַר דער מאַמען נישט פאַרטרויט?

— פאַר דער הייליקער? אויף קיין פאַל!

— פאַר אַ חברטע?

— נישט געהאַט... אַלע האָבן מיך געמיטן... אַלץ, געווייס צוליב מיין טאַטן...

און איינמאָל — ער גייט!

מיך באַפאַלט אַ שרעק און איך פאַל אויף אַ באַנק; ער גייט פאַרביי און זעט מיך נישט; אין שאָטן פון אַן אַקאַציע בין איך געזעסן... ער גייט פאַרביי, און פון מיר, אָן מיין וויסן, רייסט זיך אַרויס עפּעס אַ פרעמד,

הייזעריק געשריי, גאָר נישט מיין שטים! ער קערט זיך אום, דערקענט און גיט אויך אַזאַ ווילד געשריי... נאָר א העכערס! עס שניידט מיך דורך מיט א קאַלטער שרעק... און איז שוין ביי מיר...

ווי אַ ווילד טיר ברומט ער. מיט די משוגענע הענט רייסט ער פון מיר די קליידער אראָפּ, בריט מיך מיטן אָטעם, רייסט מיך, קושנדיק, מיט די ציין...

און איך, פאַר עקל און שרעק, ווער מיך, ווער מיך מיט ציין און נעגל, וויקל זיך ווי א שלאַנג, און טיף, טיף אין האַרצן ברענט עפּעס ווי א פייערל דער ווונטש — ער זאָל זיגן...

ער זיגט, און די אַקאַציע שיצט אונדז ביידע מיט אירע שנייעלעך... אהיימגיין שוין נישט געקאָנט...

— פאַרוואָס? א מאַמע איז אַלץ מוחל...

— שוועסטער! נישט געקאָנט צו איר קומען אַ פּ אַ ר ז י נ ד י ק ט ע... אויף קיין פאַל; בעסער דער טויט. איך האָב מיר גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, איך זאָל פאַראומרייניקן מיט מיין זינדיקן אָטעם איר לופט... איך טאָר נישט זיין מיט איר אין איין שטוב! דאָס האָב איך געפילט, געוווּסט!

צו דער היים, אין אָפּגעריסענע, צעקראַצטע, מיט אַקאַציען־שנייעלעך באַשיטע, בין איך געלאָפן, אָבער נאָר צום פענצטער; צו דער שויב מיט די ליפּן צוגעפאַלן...

זי איז אין שטוב ביים טיש געשטאַנען, די פרומע, די הייליקע, גאָט געבעטן האָט זי... אירע ליפּן האָבן געוויס געמורמלט: טאַטע־פאָטער, באַרעמהאַרציקער פאָטער, דערבאַרעם זיך איבער אונדז... דערבאַרעם זיך, ווי א טאַטע דערבאַרעמט זיך איבער זיין קינד... פאָטער אין הימל...

— ביי'ן אייך זאָגט מען אויך אַזוי?

זי וווּנדערט זיך! ווי קיילעכדיק גרויס זי האָט די אויגן געעפנט! און איך בין אנטלאָפן, שוועסטער...

— ווו אַהין?

— אויס דער שטאָט ארויס, אין דער וועלט אריין... ווייטער און ווייטער פון איר; זי נישט צו באַליידיקן, זי נישט צו פאַרשעמען... זאָל זי מיינען, כ'בין ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, א חיה האָט מיך צעריסן... און בין ווייט ווייט הינטערן שטעטל, אויפן שאָסיי געפאַלן...

איז עמעץ דורכגעפאָרן, אפשר מיין אייגענער טאַטע...

— וואָס רעדסטו, קינד!

— קאָן זיין...

אָן אַלטער מאַן מיט קאַצענע אויגן, זיך אָפּגעשטעלט, מיך אויפ־געהויבן און אין וועגעלע אריינגענומען... אויפן וועג נאָכאַמאָל מיך גע־שענדט... צו דער סטאַציע צוגעפאָרן, בילעטן געקויפט, אהער מיך גע־בראַכט, ביי זיך געהאַלטן א צייט און דערנאָך פאַרקויפט...

א בלאַסע, א צעשיטערטע וויל זי אוועקגיין...

— וואַרט, שוועסטער, טרינק אוים מיט די הייוון! דו מוזט דאָך! לאָזט זי אראָפּ דעם קאָפּ און בלייבט.

— זי, די פרומע, די הייליקע מיינע, איז געוואָר געוואָרן, מיר נאָך די שפּורן נאָכגעקומען, אוועקגעפאַלן און — געשטאָרבן...

און זי ליגט הי אויפן בית־עלמין באַגראָבן...

איך האָב געוואוסט און נישט געקומען און ביי איר בעט נישט גע־שטאַנען... נישט איך האָב איר די אויגן פאַרמאַכט... נאָך איר לוויה נישט נאָכגעגאַנגען, נישט איר קבר געזען...

נישט געקאָנט; איך קאָן נישט, איך טאָר נישט!

און געגאַנגען בין איך פון האַנט צו האַנט, פון הויז צו הויז און — געטרונקען פיל...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער דאָקטאָר האָט אויך משוגענע הענט, לאַנגע פינגער און טאַפּט אויך די לופט ארום דער הייליקער שוועסטער.

דערנאָך ערשט קומט ער צו.

— שוין, דאָס געזיכט פאַרנעמט זיך אויך... מאַכט ער צו דער שוועסטער אָן א פונק בארעמהערציקייט.

זי גנבעט מיר דערוויל דאָס שפּיגעלע פון אונטערן קישן אפיר, איך זע און מאַך מיך נישט זעענדיק...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

היינט האָט ער געזאָגט, אז עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן...

— קינד, מאַכט זי צו מיר נאָך זיין אוועקגיין — צייט זיך „אויס־צוגלייכן" — שלום צו ווערן מיט גאָט...

— באַ, — גיט זי טרויעריק צו — וואָלסטו פון אונדזער רעליגיע געוועז...

און זי דערציילט, ווי גוט, ווי בארעמהארציק איר גאָט איז. אַלץ איז ער מוחל... אבי מען טוט נאָר תשובה, אבי מען האָט חרטה... ער אליין עפנט די טויערן פון הימל...

— כ'וויל נישט אין הימל אריין, שוועסטער!
— וואַ—אָס?
— דאָרט איז מיין מאמע!
שריי איך אויס, אין טויט־שרעק זיך פארגעסנדיק און איר נאָמען דערמאָנט.
זי שטייט אַ ווײַלע און גייט גערירט און לאַנגזאַם ארויס, און שטעלט זיך אָפּ אויף דער שוועל:
— דאָך, טראַכט דעריבער, קינד...
און כאַפּט די הענט צו די אויגן און פארשווינדט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך טראַכט.
גאַנצע נעכט טראַכט איך. איך שלאָף אַזוי ווייניק און אַזוי שלעכט...
אָבער נישט וועגן תשובה און חרטה טראַכט איך...
אין גיהנום פארפאַלן ווערן וויל איך... מיט איר זיך נישט צו טרעפן!
און מיך האָב איך אַזוי פיינט, אַזוי פיינט! אָן מיר וואָלט איך אַן אייביקע נקמה דערלעבט... איך וועל קיין תשובה נישט טון. איך האָב דאָך דאָ אויפגעהערט צו דאַווענען, וואָס עס איז ביי גאָט צו בעטן... איך זאָל אים קאָנען נאָך מער דערצערענען, וואָלט איך אים; זאָל ער נאָך מער, נאָר הארטער שטראָפן!
מיט טויט־שרעק טראַכט איך, אָבער גאָר וועגן עפּעס אַנדערש.
איך וועל דאָ שטאַרבן, וועט מען מיך דאָ־הי באַגראָבן.
אין איין ערד מיט איר ליגן וויל איך נישט... איך וויל די ערד, וווּ זי ליגט, מיט מיר נישט פארומרייניקן... באין אופן נישט...
ארויס מוז איך, ארויס פון דאַנען אין דער וועלט אריין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— דאָקטאָר, שרייבט מיך אויס פון שפּיטאָל...
— נו, פּרווו אַראָפּ פון בעט...
— דאָקטאָר, — שלאָגט איבער די שוועסטער — פארשרייבט איר בעסער אַ מיטל צו שלאָפן, זי שלאָפט אַזוי ווייניק און שלעכט.
ער פארשרייבט, און זי ברענגט מיר — מאָרפיום.
—דאָס איז אַ שרעקלעכער סם, — זאָגט זי, — מער ווי צוויי, דריי טראָפּן מיט אַמאָל — זאָל גאָט היטן!
און דאָס פלעשעלע איז אַזוי אומשולדיק ווייס, און די שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון שפּילן זיך דערמיט...

ווייטער און אין גערטל צעשפּילט זיך א פויגל...
איך האָב קיין טראָפּן נישט גענומען, און קיין אויג נישט צוגעטון...
אויפן יידישן בית־עלמין באַגראָבן ווערן, — נישט און נישט!
און באַלד צו מאָרגנס:
— שוועסטער!
— וואָס, קינד? — וויפל רחמנות פאַר שטאַרבנדיקע!
— שיק נאָך א גלח...
— וואָס הייסט?
— איך וויל אָנעמען דיין רעליגיע.
זי גלייבט נישט; איך באַשטעטיק:
— איך וויל צו דיין גאָט, צו דיין באַרמהאַרציקן גאָט...
דערפריט, פייל פון בויגן לויפט זי; איך שריי איר נאָך; פון מיר אַרויס שרייט, איך קאָן מיך נישט איינהאַלטן:
— געשווינדער! איך טאָר נישט ליגן אויפן יידישן בית־עולם... בשום אופן!
צום גליק, הערט זי שוין נישט.
און נאָך דעם זעלבן טאָג איז עס געשען...
פאַרן טויט, איילט מען זיך; א נשמה נישט צו פאַרלירן...
קומט צומאָרגנס דער דאָקטאָר, ווייסט ער שוין און וואַרפט מיר צום בעט צו, נאָך פון טיר:
— פּאַסקודסטוואָ!
ווי האָב איך באַלד נישט דערקענט, אז עס איז א ייד? און ווי קומט ער צו דער הייליקער שוועסטער?
— אזא שווינעריי פאַרן טויט!
— געשוויגן זאָל זיין! — שרייט אים אָן די שוועסטער.
א ייד! א ייד! אזוי שרייט מען אויף א ייד... און וואַרפט אים צו א בליק פול מיט האַס... און ווי שיין זי איז אין צאָרן.
ער קאָן אָבער נישט שווייגן; שוים שפּריצט אים פון מויל:
— ווען אויף דער שוועל פון לעבן... א יונגערמאַן... פאַרליבט זיך...
— דאָס איז ביין אייך געווען דער פאַל?
איך דערקען איר שטימע נישט; א סיק פון א שלאַנג...
ער מיטיגירט זיך נישט:
— און ווען צוליב קאַריערע?! נישט כדאי, צוליב א נאַרעשקייט, צוליב אזא אידיאָטיזם, ווי רעליגיע איז, א גאַנץ לעבן צו ליידן...

— שווייג!

פער „דו"!

איך קריג רחמנות אויפן דאָקטאָר, וואָס ציטערט פאר אויפרעגונג אויפן גאַנצן לייב.

— א שאָד —שרייט ער הייזעריק — א שאָד!

עס איז אים א שאָד, וואָס עס איז קיין גאָט נישטאָ, קיין הימל, קיין גיהנום; וואָס דאָס אַלץ איז אן אויסגעטראַכט שפּינוועבס, נשמות־פליגן צו כאַפּן... מיר צוליב, פאר מיר און פאר אַזוינע, ווי איך, וואָלט געדאַרפט זיין א הימל און א גאָט אין הימל, און א גאָט, וואָס שטראָפט. פאר אונדז דאַרף זיין א גיהנום, אן אמת גיהנום, מיט קעסלען פיל סמאָלע, און אן אייביק פייער זאָל אונטער זיי ברענען, נישט אויפגעהערט...

— הלוואי, דאָקטאָר!

קוקט ער מיך אָן צעמישט און אנטלויפט.

— —

די בארמהארציקע שוועסטער האָט איר קריסטלעכע פליכט געטון און צוויסן געטון ווו מען דאַרף, אַז דער דאָקטאָר, אַליין געטויפט, רעדט אָפּ פון דער הייליקער רעליגיע. און קומט שוין צו מיר מיט אן אנדערן.

מיט אן אַלטן, גאָלן ציטער־קאָפּ, א צעשמייכלטן. זי האָט רויטע, אָנ־געשוואָלענע אויגן — פאָרט נישט געשלאָפן! זיינע אַלטע אויגן גלעטן אַזוי גוט איבערן געזיכט...

— ערגער! (עס הייבט זיך נישט אָן) אומזיסט מיין הארציקער קאָ־לענגע איבערגעשראָקן... אייערע זענען אַזוי פאַנאַטיש. און מערקווירדיק — די געטויפטע נאָך מער... נישט וואונדערלעך, שוועסטער?

זי שווייגט.

— עס וועקט זיך אין זיי נאָך שטאַרקער...

— אָבער — ווענדט ער זיך צו מיר — באמת — אַלץ איינס... אונד־זער גאָט איז דער גאָט פון אַלע באַשעפעניש, זיין רחמנות וועקט זיך אויף אַלע גלייך. אַלץ איינס, וואָס פאר א רעליגיע... אַלע זענען מיר גאָטס קינ־דער... איין הימלישער פאָטער פאַר אַלע... און פאר אַלע, אויב מיט גאָט זיך פאַרייניקט, איז אָפן דער הימל... פריער אָדער שפּעטער...

ער פאַרשרייבט א ניי רעצעפּט, גייט, שמייכלענדיק, ארויס — איך פאַרהאַלט די שוועסטער. און אין טויט־שרעק פרעג איך זיי:

— אמת?

— אמת, קינד!

— און קיין זינד איז נישט אומשטאנד אויף אייביק אין גיהנום אריינצוווארפן...

— קיין? פאראן... צום ביישפּיל, אז מען נעמט זיך דאָס לעבן אליין... מען שטארבט אָן ווידוי, מען באקומט נישט קיין קריסטלעך באגרעבעניש... ווי א הונט ווערט מען באגראָבן...

— איך בין שלעפעריק, שוועסטער!

זי קושט מיך אין שטערן אריין (זי האָט קיין מורא נישט), גייט ארויס און איך כאַפּ מיך צום מאָרפיום...

— אויף אייביק אין גיהנום אריין! לכל הדעות! מיט מיין מאמען (צום לעצטן מאָל איר נאָמען דערמאָנט), זיך אין ערגעץ נישט טרעפן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

באשולדיקט קיינעם נישט אין מיין טויט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נעילה אין גהינום

(הומאָרעסקע)

איינמאָל, אין א גאַנץ געוויינלעכן טאָג, אָן א יריד, אָן א טאַרג, האָבן די מאַרקלייט דערהערט א געקלאַפּעריי פון רעדער און א געשפּריצעריי פון בלאָטע הינטער דער שטאָט. אינטערע־סאַנט, ווער עס פאָרט אָן. א פערד און בודקע קומט! באַלד אָבער, ווי די פערד און בודקע איז אין מאַרק אריין, האָבן זיך אלע אָפּגעווענדט אָן א זייט מיט א געמיש פון אָפּשיי, שרעק און צאָרן. מען האָט די פערד און בודקע דערקענט. דאָס פאָרט דורך פון הערבייאיקן שטעטל אין גובערניע אריין — דער מסור פון דאָרט! איין גאָט ווייסט, וועמען ער וועט צורעכט מאַכן.

פּלוצלינג ווערט עפּעס שטיל. נישט ווילנדיק קוקט מען זיך אום: די בודקע שטייט, דאָס פערד מיטן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ ניפּט פויל פון בלאָטע וואַסער, און דער מסור איז אַרונטערגעפאַלן אויפן געזעם און ליגט אויס־געצויגן.

פאָרט א נפש, לויפט מען צו — טויט, ווי אלע טויטע. דער אָנגעקו־מענער מומחה זאָגט: פּאַרטיק! חברה־לייט נעמען זיך צום מת מיצווה...

גייט פערד און בודקע אויף קבורה־געלט, מען באַהאַלט דעם מסור, ווו עס איז אים געקומען, און לאַפּיטוטן, וואָס ווו מען זעט זיי נישט, גייען זיי אויף, כאַפּן די נשמה צום גיהנום און געבן זי איבער צו די טויער־לייט.

פאַרהאַלט מען דעם מסור אַ ווײַלע אין טויער, און דער טויער־לאַפּי־טוט, וואָס פירט די ביכער פון אריין און ארויס אין גיהנום, פרעגט אויס, געלאַנגווײַלט און געניצנדיק, און פאַרשרייבט מיט א פוילער פען אין בוך אריין: ווער, ווען און וואָס.

דער מסור — אין גיהנום אויס בריה! — ענטפערט:

דאָרט און דאָרט געבוירן, דאָ און דאָ אן איידעם געוואָרן, קעסט

געגעסן, נאָך קעסט געלאָזט דאָס ווייב און עגונה מיט קינדער און אריבער־געכאַפּט זיך אהין און אהין און האָט זיך גענומען צו דער פּרנסה, וואָס ער האָט געפירט, ביז עס איז נישט פול געוואָרן די מאָס.

פּונקט איז ער דעמאָלט דורכגעפאָרן אויף זיין פערד און בודקע איבערן מארק פון לאַ־האַ־דאַ־ם — — —

דאָ איז פּלוצלינג דער לאַפּיטוט, וואָס פירט אין גיהנום־טויער די מעטריקל ביכער, אינמיטן פון א גאַנעץ פאַראינטערעסירט געוואָרן:

— ווי זאָגסטו? לאַ—האַ— — —

— לאַהאַדאָם! — חזרט איבער דער מסור.

דער טויער־לאַפּיטוט רויטלט זיך אויפן פּנים, אין די אייגעלעך באַ־ווייזן זיך ליכטלעך פון פאַרוואונדערונג:

— געהערט פון אזא שטעטל? — ווענדט ער זיך צו זיינע געהילפן.

יענע דריקן די אקסל, שאָקלען מיט די קעפּ אין דער ברייט מיט ארויסגעשטרעקטע צינגער.

— נישט געהערט.

— פאַראַן אזא שטעטל?

אין גיהנום האָט יעדע קהילה איר בוך, אויסגעשטעלט זענען די ביכער לויטן אלף־בית. יעדעס אות האָט איר שאַנק. מען קוקט דורך אַלע ביכער פון דער למ"ד: לובלין, לעמבערג, לייפּציק, — וואָס איר ווילט, קיין לאַהאַדאָם!

— דאָך פאַראַן! — זאָגט דער מסור, — א שטעטל אין פּוילן!

— פון נעכטן, פון אייערנעכטן?

— ניין. שוין פון א יאָר צוואַנציק. דער פּריץ האָט אויפגעבויט, צוויי ירידים געגעבן. פאַראַן א שיל, אַ בית־המדרש, א באָד, און אַ מיקווה... צוויי טריפהנע שענקען...

— איז שוין אמאָל עמעץ געווען פון להד"ם? — פרעגט איבער דער טויער־מאַן זיינע געהילפן.

— קיינמאָל נישט! — ענטפערט מען.

— וואָס, דאָרט שטאַרבט מען נישט? — פרעגט מען דעם מסור.

— פאַרוואָס זאָל מען נישט שטאַרבן? — פרעגט ער גאַנץ יידישלעך צוריק. — ענגע און דושנע חדרים, א מיקווה, וו מען קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן. דאָס גאַנצע שטעטל, ווי א זומפּ!

עס איז אַרויף אויף מסור־לשון...

— א בית־החיים פאראן! חברה קדישא שינדט די הויט. ערשט נישט לאנג אפילו (דערמאָנט ער זיך) אן אונטערגאנג געוועז...

דעם מסור באשטימט מען, ווו מען דארף, און וועגן דעם שטעטל לאהאדאם גיט מען צו וויסן, ווו מען דארף. עס מוז דאָך עפּעס זיין. א צוואנציק יאָריק שטעטל, און מיט אן אונטערגאנג — און קיין איין מת פון דאָרט.

שיקט מען ארויף שלוחים געוויר ווערן, וואָס דאָס באטייט.

פליען די שלוחים ארויף און קומען נאָך א צייט צוריק...

— אמת!

און די זאך איז די: א שטעטל ווי אלע שטעטלעך, מיט אביסל מיצוות און מעשים־טובים און א סך זינד. פרנסה; דער יצר־הרע גייט אויך נישט ליידיק. אלא וואָס דען? א בעל תפילה האָבן זיי שוין אזוינעם! ער אליין — גאָרנישט! ממש א קול! נאָר א קול נגינה האָט ער, אזא וויינענדיק הארציק קול, וואָס זאפט זיך אריין אין די הערצער פון אייזן און מאכט זיי צעגיין, ווי א וואקס. און קוים שטעלט ער זיך צום עמוד — טוט דער עולם מיט אמאָל תשובה, און מיטן גאנצן הארץ, אלע ווי איין מענטש און אלץ ווערט אויבן אָפּגעמעקט און פארגעסן, און די טויערן פון גן־עדן שטייען אָפן פאר גאנץ לאהאדאם. קומט איינער און זאָגט פון לאהאדאם: פרעגט מען שוין נישט איבער!

פארשטייט זיך, אז פארן גיהנום איז עס קיין עסק נישט, און דאָס געשעפט נעמט אויף זיך דער בעל דבר אליין. ער וועט שוין מיט אים פארטיק ווערן.

וואָס טוט ער, דער בעל דבר?

לאָזט ער זיך ברענגען פון ד ע ר וועלט אראָפּ א לעבעדיקן קאלקור־טער האָן מיט א קאם רויט שברויט און שטעלן פאר זיך אויפן טיש.

דער האָן, א צעשראָקענער און אָפּהענטיקער אין אזא נייער סביבה, האָט זיך סיי־ווי־סיי קיין ריר נישט געטון, און דער בעל דבר נעמט נאָך, ימח שמו, און קרייט אים ארום, און זיצט פאר אים, און לאָזט פון אים און זיין רויטן קאם קיין אויג נישט אראָפּ, אזוי לאנג און אזוי ברייט, ביז עס איז אָנגעקומען די „רגע־באפו", און דער רויטער קאם איז ווייס געוואָרן ווי א קאלך. זעט ער, אז אויבן דער כביכול איז אריין אין רעכטן גרימצאָרן, גיט ער, ימח שמו, אן אויסגעשריי:

— זאָל ער זיין קול נגינה פארלירן! ביזן טויט אריין!

וועמען ער האָט געמיינט, ווייסט איר דאָך, און איידער דער קאם פון

קאַלקוטער האָן איז צוריק רויט געוואָרן, האָט שוין דער בעל־תפילה פון להד"ם זיין קול נגינה פאַרלוירן. געשלאָגן געוואָרן דער האלדז, קוים וואָס ער ברענגט אַרויס אַ וואָרט.

געוווסט, פון וואַנען די מעשה שטאַמט, האָט מען. דאָס הייסט: גוטע יידן האָבן געוווסט, אויך אפשר נישט אַלע. נאָר ווער וועט אים אַזוינס אויסזאָגן, אַז מען ווייסט? — עס איז פאַרפאַלן. וואָלט דער בעל־תפילה אַליין עפּעס געווען, וואָלט מען געקאָנט פּועל־יוצא זיין, אָבער אַז ער אַליין איז אַ קל, אַ גאָרנישט...

פאָרט ער אַרויס פון איין גוטן ייד צום צווייטן — און גאָרנישט. איינמאָל האָט ער זיך אָבער צוגעשטעלט צום אַפּטער צדיק, נישט אָפּצו־רייסן. ער וועט נישט אַרויסגיין פון שטוב. און אַ צער צוצוזען איז. וויל אים דער אַפּטער טרייסטן:

— זיי ווייסן, זאָגט ער, אַז דיין הייזעריקייט וועט גאָר זיין ביז פּטירה. ווידוי וועסטו זאָגן מיט אַ לויטער קול, אַז מען וועט הערן אין אַלע הימלען.

— און ביז אַהין?

— איז פאַרפאַלן!

שטייט ער נאָכאַמאָל צו:

— פאַרוואָס, רבי? פאַר ווען?...

און מאַטערט אַזוי לאַנג, ביז דער אַפּטער צדיק האָט אים אַלץ אויס־געזאָגט:

— אויב אַזוי — שרייט אויס דער הייזעריקער בעל־תפילה — וועל איך מיך נוקם זיין, — און לויפט אַרויס...

— ווי אַזוי און אָן וועמען?

רופט אויס דער צדיק; זיין געביין איז שוין אָבער נישטאָ.

דאָס איז געווען דינסטיק, אַנדערע זאָגן: מיטוואָך, און דאָנערשטיק פאַרן אָוונט, די פישער פון אַפּט גייען צום וואַסער פיש כאַפּן לכבוד שבת. די נעץ ווערט שווער, מען ציט אַרויס: דער בעל־תפילה, אַ דערטרונקענער!

ער האָט זיך פון בריקל אַראָפּ אין וואַסער אַריינגעוואָרפן. פאַר ווידוי זאָגן, האָט ער זיין קול נגינה, ווי דער אַפּטער צדיק האָט'ם מבטיח געווען, צוריק באַקומען, ווייל דער בעל דבר האָט געזאָגט: ביזן טויט אַריין! נאָר ער האָט אינעם פאַלן און טרינקען קיין ווידוי נישט געזאָגט און דאָס קול אין זיך באַהאַלטן, און דאָס איז זיין נקמה געווען, ווי איר וועט ווייטער זען...

דעם בעל־תפילה טוט מען זיין רעכט, ווי אַ מאבד עצמו לדעת, און די

לאפּיטוטן כאַפּן די נשמה אין גיהנום אריין. אין טויער, מען פרעגט, ער ענטפערט נישט. מען דערלאַנגט אים מיט א שפּיז, מיט א ברענענדיקער קויל — ער שווייגט.

—נעמט אים אזוי!

מען ווייסט דאָך, ווער, און וואָס; מען האָט דאָך אויף אים געלאָ־קערט. פירט מען אים אריין, ווו מען דאַרף, שטעלט מען אים ביי א קעסל. וואָס מען הייצט אונטער פון זיינעט וועגן, ער וועט אויפקאָכן, וועט מען אים ארײנוואַרפן! און ער דערוויל גיט א כאַפּ דעם גראָבן פינגער צום גאָרגל און גיט א לאָז ארויס:

— יתגדל!

דעם קדיש פון נעילה...

ער זאָגט — און דאָס קול שטאַרקט זיך און צעגייט זיך אויף אלע זייטן, ווי אמאָל, נאָך בעסער, נאָך זיסער, נאָך האַרציקער ווי אמאָל... און אין די קעסלען, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט ביז אהער גערויש, געשריי און געיאָמער, ווערט פּלוצלינג שטיל, דערנאָך הייבט מען אָן אונטערצו־האַלטן. די דעקן הייבן זיך אויף, קעפּ שטופּן זיך אַרויס, אָפּגעבּרענטע מיילער האַלטן אונטער...

די לאַפּיטוטן ביי די קעסלען זאָגן נישט נאָך, אָבער פאַרטומלט און דערשראָקן האָבן זיי זיך איינגאַנצן פארלוירן, און בלייבן שטיין, ווער מיט א שייט האָלץ, צום אונטערוואַרפן, ווער מיט אן אייזן צום אונטערשאַרן דאָס פייער, ווער מיט אן אייזערנעם גאָפּל צום אויסמישן — אין די הענט, די מיילער אָפן, די צונגען ארויסגעלאָזן, די פּנימער אויסגעקרומט, די אויג־גאַנעם קיילעכדיק. אַנדערע פאַלן אריין אין א מין נכפּה און פאַלן, און וואַרפן זיך אויף דער ערד... און דער זאָגט נעילה און זאָגט... און דאָס פייער פון אונטער די קעסלעך גייט אויס, לעשט זיך... די מתים הייבן אָן ארויסצוקריכן...

ער זאָגט, דער עולם נאָך, און מיט האַרץ, מיטן גאַנצן האַרץ. און די לייבער, וואָס ווייטער אין דער תפילה, היילן זיך, ווערן גאַנץ, פליישן באַ־העפטן זיך, הויטן וואַקסן צוזאַמען, און אויסגעלייטערט ווערן זיי...

און ווען ער קומט אין דער הויכער שמונה־עשרה צו „מחיה־מתים", ווערן פּלוצלינג אלע ממש ווי לעבעדיק, ווי ערשט געקומענע. און זיי זאָגן מיט איין קול נאָך: אמן. און ביים אמן, יהא, שמיה רבא... ווערט אזוי געפּילדערט, אז די הימלען אין דער הויך עפענען זיך, און די תשובה פון רשעים דערגרייכט צום זיבעטן הימל, צום כסא הכבוד צו, אין א שעת

רצון איז געווען, אפּנים, און אַלע רשעים, שוין אייגנטלעך צדיקים, האָבן פּלוצלינג פליגל באַקומען און איינס נאָכן אנדערן פון גיהנום ארויסגעפלויגן און די טויערן פון גן־עדן פאַר זיך אָפן געפונען...

געבליבן אין גיהנום זענען נאָר די לאַפּיטוטן, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אין דער נכפּה און געקוילערט זיך אויף דער ערד, און דער בעל־תפילה אליין, וואָס ווי ער איז געשטאַנען, איז ער שטיין געבליבן...

אַלע, ווי ביים לעבן, האָט ער צו תשובה געברענגט, ער אליין האָט קיין רעכטע תשובה נישט געקאָנט טון. און — א מאבד עצמו לדעת:

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט דער צייט איז דאָך דאָס גיהנום צוריק פול געוואָרן.
מען האָט צוגעבויט, און ס'איז ווידער ענג. —

אַן נדן איז ערגער ווי פּאַקן

אין קופּע איז געווען פינצטער, און צוויי מענטשן האָבן געכראַפּעט. זיי האָבן זיך פאַרדריסלעך אויפגעכאַפּט, ווען דער אָבערקאָנדוקטאָר איז אַריינגעקומען מיט דער לאַמטערנע רעווידירן די בילעטן. ערשט דעמאָלט האָבן זיי זיך איינס דאָס אַנדערע דערזען.

— יאַש?! — האָט פרייליך אויסגערופן אַ פּיסטל.

— אַנדרזשעי! — האָט געענטפערט אַ טענאָר.

זיי האָבן אָפּגענומען די בילעטן און זיך צעקושט.

— וווהין? — פרעגט יאַש.

— אין דער וועלט אַריין! — ענטפערט טרויעריק דער טענאָר.

— איך אויך — ! — זאָגט דער פּיסטל — אַ שיינע וועלט! דאָקטאָריי איז אויך שוין קיין געשעפט נישט... אויס גוטע צייטן.

— מיך האָט אַן אומגליק געטראָפן! — קרעכצט דער טענאָר.

— מיך אויך... שערשע לאַ פאַם... אַ „זי"?

— אַ זי!

— נו, אַ ליבע?

— אַן אומגליקלעכע ליבע, — קרעכצט דער טענאָר — גאָט זאָל היטן... אַזוינס טרעפט זיך איינמאָל אין הונדערט יאָר!

— איך האָב אויך אַ ליבע, איך אַנטלויף אויך דורך איר אין דער וועלט אַריין — ענטפערט דאָס פּיסטל — נאָר ביי מיר איז אַזוינס, וואָס עס טרעפט זיך יעדן טאָג זייער אָפט, אומאינטערעסאַנט... וואָס איז דיר געשען?

דער טענאָר האָט אָפּגעקרעכצט, מיטן טיכל זיך אָפּגעווישט דעם שטערן און דערנאָך די נאָז מיט די ברילן. ער האָט זיך פאַריכט די לאַצן, אויסגעגלייכט די טשופּרינע, נאָך אַמאָל אַ קרעכץ געגעבן און פאַרציילט:

— געדענקסט דאָס הויז צימרינג אין פּלאָצק?

— אויב איך גערענק? אַפּט אַ קערטל, אַמאָל אַ טענצל און שטענדיק גרויסאַרטיקער טיי מיט פּראַכטפולער שינקע!... אַ רייך הויז, עטלעכע מיידלעך... פאַניאַ, פראַניאַ, און... און...

— אננאַ, — האָט דער טענאָר ארויסגערעדט מיט געפּיל.

— יאָ! יאָ! ווען נישט, וואָס איך בין אריבער קיין קאַליש, וואָלט איך זיך זיכער אין איינער פאַרליבט! נאָר איך האָב אַלץ געקלערט צו וועלכער אויפהויבן מיינע ראָמאַנטיש־קעלבערנע בלויע אויגן, און אייִדער איך האָב געהאַט אַ ישוב, האָב איך געכאַפּט אַ צוויי פון לאַטיין. וואָס מאַכן זיי?

— דער אַלטער צימרינג איז געשטאָרבן.

— אַ שאָד אַזאַ פאַרטנער! שטענדיק אַ פּאָר רובל פאַרשפּילט. ער שטייט מיר פאַר די אויגן, „ווער ליגט?" „איר!" „אויף וויפל?" „אַן צוויי"! און ער האָט פאַרשריבן. ער האָט קיינמאָל נישט געוווסט, אויף וואָס ער האָט אָנגענומען און וויפל לעזן ער האָט געמאַכט. ווען האָט מען עם דאָס לעצטע מאָל אריינגעלייגט און... פאַרשיט?

— ערשט אַ פּאָר יאָר.

— זי, די צימרינג, וואָס מאַכט? אוודאי איינגעמאַכטס? געדענקסט, זי פלעגט גאַנצע סלאָיעס דערלאַנגען, מען פלעגט מיט אַ פּאַריזער לעפל שעפּן?

— זי איז דערנאָך בלינד געוואָרן.

— בלינד? און די קינדער?

— פאַניאַ איז אויך געשטאָרבן.

— פאַניאַ, אַזאַ ריז?

— אויף סוכאָטע!

— און פראַניאַ?

— האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייכן קאָמיסיאָנער.

— און אננאַ, די בלאָנדינע מיט לאַנגע זיידענע האָר, ווי גייט עס איר?

— אויך קראַנק אויף סוכאָטע, זיצט היינט אין די בערגער.

— אננאַ?

דער טענאָר האָט ווייטער אַ קרעכץ געגעבן, ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט.

— דו האָסט זיך פאַרליבט אין אננאַן?

— מיר האָבן זיך אמת און שטארק ליב געהאט, — ענטפערט טרויעריק דער טענאָר.

— טעמפעראטור? — שמייכלט יאש.

— נאָר אָן חוזק, אָן דיינע מינעס. איך בעט דיך, שווייג! עס טוט מיר נאָך צו שטארק וויי. איך האָב זי אמת, אמת געליבט...

— נארעלע, דו מיינסט איך וועל לאכן פון דיר? איך האָב אויך געליבט. דו אין פּלאָצק, איך אין קאַליש. דיינע, אננא, האָט זיידענע. מיינע — סאמעטענע האָר. די לבנה האָט אונדז ביידן גלייך געשיינט. געקושט האָבן מיר ביידע גלייך. דו אפשר נאָר די ווייסע האנטשו, איך — די רויטע ליפּן אויך... עס איז נישטאָ וואָס פון דיר צו לאכן!

— נישט אויס מיר, אויס דער ליבע מיינער לאָך נישט. דאָס איז מיין איינציק פּאמיאָנטעק אין מיין לעבן. איך וועל שוין מער נישט ליבן. איך שווער דיר!

— שווער נישט! איך האָב אויך געשווירן, איך האָב מיין אמאליע, כ'לעבן, גאנץ ערנסט, גאנץ ערנסט, מיטן גאנצן הארצן געשווירן. איך בין אזוי גליקלעך געווען!

דאָס פּיסטל האָט געציטערט.

— איך בין אויך גליקלעך געווען, יאש; באלד נאָכן עקזאמען האָבן מיר זיך דאָס וואָרט געגעבן! אָך! עס איז געווען אזא שיינע, אזא ליכטיקע נאכט! מיר האָבן שפּאצירט אין גאָרטן...

—נו, האָבן די פייגל געזונגען, די ביימער זיך געסודעט און אייערע הערצער האָבן געקוואָלן?

— ווייטער? לאָך נישט, איך בעט דיך! פייגל האָבן טאקע גאנץ אנדערש געזונגען, מיר האָט זיך באמת געדאכט, אז די ביימער סודען זיך און ווייזן אויף אונדז מיט די צווייגן... דאָס הארץ האָט מיר געקוואָלן און זי האָט געוויינט... זי האָט יאָמערלעך געוויינט...

— געוויינט?

— דעמאָלט האָט שוין דער פאָטער נישט געלעבט. די עלטערע שוועסטער אויך נישט. די מוטער איז אוועקגעפאָרן מיטן מאן. זי איז געבליבן איינע אליין מיט דער בלינדער מוטער, זי האָט זיך מיט מיר גע־זעגנט. אך, ווי שיין זי איז דעמאָלט געווען!

— וואָרט, איך וועל זי אויסמאָלן. מיינע האָט מיך אויך געזעגנט, זי האָט אויך געוויינט. זי האָט מיך ארומגענומען מיט אירע דינע הענט־לעך און אויפגעהאנגען זיך מיר אויפן האלדז! דורך די טרערן האָט זי מיר

געקוקט אין די אויגן אריין. עס איז טונקל געווען, נאָר איך האָב געזען אין די אויגן א תהום פון ליבע, פון גליק! איר אָטעם האָט מער געשמעקט, ווי א גאַנץ יאָר... כ'האָב זיך דערמאָנט דערמאָנט אָן מיין טאַטנס „בשמים־שקעטעלע", וואָס איך פלעג עס האַלטן צו דער הבדלה. די האָר... נאָר דיינע איז א בלאָנדינע, מיינע האָט געהאַט לאַנגע שוואַרצע האָר. זי האָט זיי מיר פאַרוואָרפן איבערן קאָפּ, מיר האָבן זיך אונטער דער נעץ געקושט!... עס איז נאָך טונקעלער געוואָרן, נאָר אירע אויגן האָבן געלייכט, געברענט! איך האָב זי געכאַפּט אויף די הענט, ווי א קינד. איך האָב זי צוגעדריקט צום האַרץ אַזוי שטייף, אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט אַזש א געשריי געטון פאַר ווייטיק, און באַלד נאָך געבעטן זיך: נאָך אַמאָל, נאָך אַמאָל! זי וויל, עס זאָל איר נאָכאַמאָל אַזוי דער אָטעם פאַרפעלן, אַזוי ווי טון!

ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און געריררט צוגעגעבן:

— גלייב מיר, איך האָב עס גאַנץ ערנסט געמיינט!

— ניין! — ענטפערט דער טענאָר, — דאָס האָב איך קיינמאָל נישט געטון! איך האָב זי נישט צוגעדריקט צום האַרץ. ניין, איך האָב עס קיינמאָל נישט געקאָנט, קיינמאָל נישט געוואָלט. פאַר מיר איז גענוג געווען, אַז איך בין געזעסן צופוסנס און זי האָט מיר געגלעט די האָר! עלעקטרישע פונקען זענען מיר דורכגעפלויגן דורך די נערוון... און אירע אויגן, אירע אויגן — האָסט נישט אביסל בראָנפן?

נאָכן ביסל בראָנפן האָט ער ווייטער דערציילט:

— דעם זעלבן אָוונט זענען געווען מיינע תנאים.

— צו דעם האָב איך ווייטער נישט צוגעלאָזט — וואַרפט אריין דאָס פיסטל, — נאָר דער טענאָר מאַכט זיך נישט הערנדיק.

— מיר האָבן זיך ביידע געזעצט צופוסנס דער אַלטער מאַמען. די ברענענדיקע טרערן פון די בלינדע אויגן זענען אונדז אויף די קעפּ גערונען.

— אָ, — ווערט דעם פיסטל גרינג אויפן האַרץ — שטילע תנאים, דאָס איז עפּעס אַנדערש! דאָס שאַדט נישט!

— די אַלטע איז אַזוי איינגעשלאָפן, און מיר זענען זיך אַזוי געזעסן ביז אין גרויען טאָג אריין. מיר האָבן גערעדט פון אַלץ אין דער וועלט, פון אונדזער צוקונפט.

— מיינע — פאַלט אריין דאָס פיסטל — האָט דווקא געוואָלט א גרינעם איבערצוג אויפן מעבל! א וווינונג נישט אַנדערש, ווי מיט דריי־ערליי געגנג.

— האָק מיר נישט איבער! מיינע האָט פון דעם נישט גערעדט...

ווערנד די פינף יאָר, וואָס איך האָב שטודירט, האָט זי געזאָלט א סך לעזן, א סך שטודירן, כדי מיר זאָלן דערנאָך קאָנען ארבעטן צוזאמען.

— צוזאמען אויסשניידן די אלטע „פלוימען"? — האָט זיך נישט איינגעהאלטן דאָס פיסטל.

דער טענאָר איז אויפגעשפרונגען, גלייך א שלאנג וואָלט געביסן:

— יאש!!!

— אנדרזשעי, אנדרזשעי! מיין ליבער חבר! צי לאך איך דען אויס דיר? אויס איר? אויס דער ליבע? גאָט זאָל היטן! איך לאך אויס מיר. איך האָב דען נישט דאָס אייגענע געטון? האָט זיך מיר דען דער הימל נישט געעפנט אין אירע אויגן? און ווען עפנט זיך נישט דער הימל, ווען מען קריגט דעם אטעסטאט? און וועלכער פארליבט זיך דאן נישט? אנדרזשעי — מאכט ווייטער דאָס פיסטל — בייזער זיך נישט. זעסט, דו האָסט זיך געבעטן, איך זאָל נישט לאכן, פארוואָס איז דיר איינגעפאלן, אז איך וועל לאכן? לייג נאָר די האנט נישט אויפן הארצן, נאָר גראבל דיר אין מוח... פארוואָס האָסטו געוווסט, אז מיר קאָן איינפאלן, אז עס איז נאָר מעגלעך צו לאכן?

אנדרזשעי לאכט.

— אויף מיין וואָרט — בעט זיך ווייטער דאָס פיסטל — איך לאך נאָר אויס מיר! ביי מיר איז גאָר קיין תנאים, אפילו קיין שטילע נישט געווען! אירע עלטערן האָבן גאָרנישט געוווסט דערפון, דער טאַטע, עפעס א מין שלאק, א גולם; די מאמע, א כיטערקע, אן איינגערעדטע חכמה, א פראָסטע יידענע! נאָר זי אליין איז געווען א ווילע מויד! פלאם־פייער! זי האָט פון קיין תנאים נישט גערעדט. זי האָט מיר צופיל געגלויבט. איך בין אויך זיכער געווען. און מיר האָבן אויך גערעדט פון צוזאמענצואר־בעטן. אויף אלע וואקאציעס בין איך געקומען.

— יאש! — האָט אנדרזשעי געשריען, — איך רעד נישט מער מיט דיר!

— פארוואָס?

— דו האָסט חתונה געהאט מיט איר? — פרעגט דער דאָקטאָר.

— ניין!

— פארוואָס?

— דו ווילסט וויסן פארוואָס? גוט, כ'וועל דיר פארציילן.

—ניין! איך וועל דיר פריער מיין געשיכטע דערציילן — ענטפערט דער טענאָר אויפגערעגט. הער!

דאָס פּיסטל האָט צוגעלייגט דאָס אויער צום אָנלען, ער זאָל בעסער הערן.

— איך האָב זי אַ גאַנצע צייט נישט געזען, ווי דו... איך בין אויף וואַקאַציע אַהיים נישט געקומען, איך האָב לעקציעס געגעבן אַ גאַנץ יאָר, איך האָב געאַרבעט אַכצן שעה אין מעת־לעת.

— וואָרום?

— זי איז אָרעם געווען... צימרינג האָט באַנקראָטירט באַלד נאָך זיין אַוועקפאָרן.

— און דו האָסט געוווּסט?

— יאָ, איך האָב געוווּסט, יאָ איך האָב געשיקט יעדן חודש די העלפט פון מיין פאַרדינסט, הערסט? ווערנד די פינף יאָר האָב איך פון איר, און זי פון מיר, אויסער דורך אַ געלעגנהייט, קיין באַגריף נישט באַקומען. עס איז אַ שאָד געווען מאַרקעס. איר מוטער איז אַ פּאָר מאָל קראַנק געווען. ווערנד די פינף יאָר האָב איך געאַרבעט שווער אַכצן שעה אין מעת־לעת און די רעשט צייט פאַר וויטיק נישט געשלאָפן. ענדלעך איז די אַלטע געשטאָרבן, איך האָב פאַרזעצט מיין פּאַלטאָ, איך האָב טעלעגראַפירט, זי זאָל קומען.

דער טענאָר האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און האָט זיך פאַרטראַכט אַביסל.

— דאָס איז געווען דעם זעקס און צוואַנציקסטן מאַי, — האָט ער נאָכער אָנגעפאַנגען, — איך בין געזעסן אין שטוב, איך בין שוין אייניקע טעג גאַנץ־פרי געווען אויפן וואָקזאַל און זי איז נישט געקומען. איינמאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס איז זי. איך האָב געזען אַ וואָאַלירטע דאַמע: עס האָט זיך מיר געדאַכט זי... נאָר די דאַמע האָט זיך אומגעדרייט און געגאַנגען אין אַן אַנדערער זייט. איך בין געזעסן אין שטוב, אויפן בעט, קיין בענקל איז ביי מיר נישט געווען... ביינאַכט, דאָס ליכט איז אויסגעגאַנגען.

— פאַרוואָס האָסטו זיך נישט געלייגט? זיך נישט אויסגעטון?

— איך האָב עס שוין אַ חודש נישט געטון... איך בין געזעסן און געשלאָפן... די ערגסטע חלומות האָב איך געהאַט. דאָס שטיבל איז אָן פענצטער, געדענקסט? דו ביסט אַמאָל ביי מיר געווען, איך האָב מיך רואינירט אויף ליכט בייטאָג!... די ערגסטע חלומות האָב איך געהאַט... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט געמוזט קראַנק ווערן, זי מוז נאָך קראַנק זיין... גאָט! דו קאָנסט קיין באַגריף נישט האָבן.

דער טענאָר האָט געציטערט און דאָס פּיסטאָל האָט שטילערהייט אָפּגעגענעצט. —

— אינמיטן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. איך זע, עמעצער קניט פאַר מיר, עמעצער האַלט מיך ביי דער האַנט און קוקט מיר אין פּנים אריין. זי! זי! זי איז עס געווען! — נאָר זי איז אויפגעשפּרונגען און אנטלאָפן אין צווייטן עק צימער אריין.

— א האַלב איילנדיקער שפּרונג, — מאַכט דאָס פּיסטאָל; אָבער דער טענאָר הערט נישט און דערציילט ווייטער:

— אננאַ, אננאַ! — רוף איך זי מיט פרייד און שרעק צוזאמען; איך האָב דערקענט די וואָאַלירטע דאַמע... איך האָב געפילט, אז עפּעס דרייט זיך מיר שרעקלעכעס אין מוח.

— אננאַ! וואָס אנטלויפסטו פון מיר? — זי רוקט זיך אַלץ אָפּ. איך וויל אויפשפּרינגען, דאָס האַרץ קלעמט. איך שטרעק אויס די הענט.

— זיץ! — האָט זי אויסגעשריען, — אום גאָטעס ווילן, זיץ! ריר זיך נישט פון אָרט. אויב דו הייבסט זיך אויף, שטאַרב איך!

דאָס בלוט האָט מיר געשטאַרט אין די אָדערן. איך האָב געפילט, אז יעדעס וואָרט אירס שניידט מיך אין האַרצן, אז מיין מוח ווערט מיר דול, פאַרווירט. —

— אננאַ! אננאַ! — האָב איך קוים ארויסגערעדט — אננאַ!!

— איך האָב צו דיר אַ בקשה, — מאַכט זי אזוי טרויעריק און מיט אזויפיל טרערן אין דער שטימע, אז איך האָב געמיינט, עס פּלאַצט אין מיר עפּעס, אז אָט, אָט איז אַן עק מיט מיר.

— זאָג...

— שווער מיר צו, אז דו וועסט טון, וואָס איך וועל דיך בעטן. — איך האָב איר געשוווירן.

— זיץ, ריר דיך נישט... איך וועל צו דיר צוגיין. איך וועל דיר געבן אַ קוש. נאָר דו זאָלסט מיר נישט צוריקגעבן. הערסט? דערנאָך...

— וואָס דערנאָך? וואָס דערנאָך? — האָב איך געפרעגט דערשראָקן.

— דערנאָך וועסטו זען. — האָט זי געענטפערט מיט אַ ווייטיק — שווער מיר;

— איך שווער!

זי איז צוגעגאַנגען. זי האָט אינגאַנצן געציטערט. זי האָט זיך גע־וואַקלט. זי האָט פאַר מיר געקניט; געקוקט מיר אין די אויגן אריין, כאָטש עס איז פינצטער געווען. ראַפּטום האָט זי זיך אויפגעהויבן, מיר אַ

קוש געגעבן און א געשריי געטון פון הארץ אזוי הויך, אזוי שטארק, אזוי שניידנדיק. איך — זעסטו — האָב פארגעסן אָן דער שבועה, איך האָב זי געכאַפּט אויף דער האנט — און זי האָט געחלשט! איך האָב זי געקושט, גערופן — זי הערט נישט. איך האָב זי געלייגט אויפן בעט... איך האָב קוים געפונען שוועבעלעך, קוים אָנגעצונדן און...

— און וואָס?

— הערסטו! הערסטו! זי איז געווען געשטופּלט, זי האָט געפּאָקט. זי האָט א פּנים ווי א ריב־אייזן! איך בין אנטלאָפן פון שטוב!...

— און זי?

אז איך בין צוריקגעקומען, איז זי שוין נישט געווען.

— און עד־היום?

— עד־היום . . .

— דו זוכסט זי.

— איך זוך זי.

— ביי מיר — ענטפערט יאש, נאָך א ווײַלע שווייגן — איז גאָר פארקערט! זי זוכט מיך, איך אנטלויף... אפשר האָט מיינע אויך געפּאָקט, נאָר איך ווייס נישט... פארשטייסט? מיין שיר־געוואָרענער שווער האָט באנקראָטירט...

— נו?

— אָן נדן, ברודער, איז ערגער ווי פּאָקן.

ווי אַזוי די וואַלד־ישיבה איז בטל געוואָרן

(איבעראַרבעטונג)

עס איז געווען פאַרצייטנס...
פונדעסטוועגן איז פּונקט אַזוי ווי היינט פרימאָרגן אויפגעשטאַנען די זון, מען האָט געקלאַפּט אין שיל, און ותיקין זענען געלאָפן דאַווענען; פּונקט פאַרנאַכט האָט זיך די זעלבע זון געלייגט און אָנגעהויבן אונטערגיין און מען האָט ווייטער געדאַוונט. יעדן פרימאָרגן איז די ערד אויפגעשטאַנען, ווי תחית־המתים, און די פייגעלעך האָבן געזונגען אַ שבח צום בורא עולם, וואָס האָט צוריק אָפּגעגעבן די נשמות, און פאַרנאַכט האָט זיך די ערד וואָס אַמאָל מער איינגעהילט אין אַ נעבל און איינגעשלאָפן, און די פייגעלעך האָבן אָפּגעזונגען זייער קריאת־שמע און באַהאַלטן זיך אין די נעסטן... און דעמאָלט ערשט איז לעבעדיק געוואָרן אין די בתי מדרשים. אינעווייניק האָבן געציטערט קליינע פלעמעלעך, ווי נשמה־ליכטלעך, און פון דאָרט איז אַרויסגעשוווּמען אַ טרויעריק ווייכער ניגון, ווי אַ הספד אויף דער געשטאָרבענער וועלט!... אין מ י ט ן — האָט מען געקלאַפּט צו חצות...

ווייטער נישט — איין טאָג איז גלייך געווען צום צווייטן, איין נאַכט צו דער צווייטער. נאָר טיילמאָל פלעגט זיך דער הימל פאַרציען מיט וואָלקן, פלעגט זיך צעהיצן, צעבייזערן — פלעגט מען זאָגן שכחו וגבורתו... אויסלייגן ספרים ביי די פענצטער און פאַרשטעקן זיך אונטערן איבערבעט...

ווי היינט פלעגט טרעפן, אַז אינמיטן דער שטילער נאַכט, גייענדיק צו חצות, האָט אַ ייד, נישט ווילנדיק, אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, און געזען, ווי אַ שטערן גליטשט זיך אויס, פאַלט אַראָפּ. גאָט ווייסט וווהין, אין ים צי אין שאול תחתיה אַריין; פלעגט ער אָפּזיפצן: אַ שטערן גליטשט זיך אויס, מכל־שכן אַ בשר ודם! — —

און מען האָט ווייטער געלעבט. איין טאָג איז גלייך געווען צום

צווייטן, איין נאכט צו דער צווייטער; שטיל און רואיק — אויסער, אז עס זענען דורכגעגאנגען זעלנער און מען האט אויף עטלעכע טעג צע־שטעלט זיי אין די הייזער, פלעגט זיך הערן געשרייען פון טיר און פענצטער — אדער, אז אין בית־המדרש האט זיך אפגעשטעלט א גלות־לײדנדער פרוש און האט דערציילט מעשה'ס פון ל"ו צדיקים אדער פון לצים, וואס האבן אים גענארט אויפן וועג...

עס פלעגט זיך אויך טרעפן, אז עמעץ איז ניפטר געווארן. פלעגט זיין א לוויה, פלעגן אין דער שטילער גאס קלינגען זילבערנע צדקה־פושקעס, דער שמש פלעגט רופן: צדקה תציל ממוות, קרובים האבן געוויינט, ווייבער — מער און שטארקער...

פונקט אזוי, ווי היינט!

נאר אזוינע ישיבות, ווי דעמאלט זענען געווען, איז שוין היינט נישטא!

די בארימטע ישיבה איז געווען א פרושים־ישיבה אין א ווילדן וואלד.

די ישיבה איז געווען אין סאמע מיטן וואלד, נאר ארומגעצוימט על־פי קבלה מיט א שם... קיינמאל האט אהין קיין חיה רעה נישט פארבלאנ־דזשעט, קיין יעגער קויל נישט געטראפן און עטלעכע וויארסט ארום האט אפילו קיין פויגל נישט געזונגען, מען זאל זיי נישט שטערן אין לערנען. געלערנט האט מען ווינטער אין היילן, זומער אונטערן פרייען הימל. יעדער פרוש האט זיך געהאט זיין קלעצל פון א בוים. אז עס פלעגט אמאל קומען א נייער תלמיד, האט זיך תוך כדי דיבור אונטערגעשניטן א בוים, איבער־געלאזט פארן נייעם תלמיד דאס „קלעצל" און איז זיך אוועקגעגאנגען און האט שטיל זיך אוועקגעלייגט אין א זייט.

געגעסן האבן זיי שוואמען, וואלד־אויבס, רויזן־בלעטלעך, פארשייר־דענע ווארצלען — ערב שבת ויום־טוב פלעגט זיך באלד אינדערפרי הערן א געבלעקעריי, וואס פלעגט קומען אלץ נענטער און נענטער; דאס האט דער וואלד געשיקט דער ישיבה קרבנות — עטלעכע ווידער לכבוד שבת, און דער ראש הישיבה פלעגט אליין שחטן און די תלמידים כשר מאכן...

טאג און נאכט האט מען געלערנט, נאר אין א יומא דפגרא האט מען דערציילט פון משיחס צייטן, פון די עשרת השבטים, פון די ניסים אויפן ים הקדוש! און וויפל תלמידים אזויפיל ברילױאנטן האבן אונטער די

שטערן געלייכט; אויפן ראש הישיבה האָט נישט אַנדערש, ווי די שכינה גערוט!

און טעם גן־עדן האָט מען געפילט, ווען מען איז געקומען צו רבה בר בר חנהס מעשהלעך...

„איינע האָט אים אויסגעשטעלט אַ פליגעלע... די צווייטע אַ פיסעלע"...

מיט אָפענע מיילער האָט מען געהערט.

איינמאָל אָבער איז די הייליקע שטילקייט פון דער ישיבה צערודערט געוואָרן.

ווי פון די עולמות העליונים איז עמעץ אַראָפּ מיט אַ קאָזשיקאָלעק און געפאַלן דעם ראש ישיבה צו די פיס!

עס פלעגט טרעפן, אָבוואָל זעלטן, אַז פון פרושים, וואָס לײַדן גלות, פלעגט אַמאָל איינער זוכה זיין צו ד ע ר ז ע ן די ישיבה און אַריינגע־לאָזט צו ווערן פון שם הקודש...

— אָבער נאָכוואָס קאָזשיקאָלקעס? — בייזערט זיך אָביסל דער ראש־ישיבה.

דער געפאַלענער הייבט זיך אויף, עפנט דאָס מויל, דער ראש ישיבה מיינט, ער וויל בעטן מחילה און מאַכט אַוועק מיט דער האַנט:

—נו, נו, בטול תורה — זעץ דיך און לערן!...

עס איז אָבער אַ טעות געווען. קיין בוים האָט נישט „מפנה מקום" געווען, און דער אויפגעהויבענער האָט געזאָגט:

— איך בין נישט קיין פרוש, רבי, אַ דאָרף־שניידער בין איך!

די פרושים קוקן זיך איבער איינער מיטן צווייטן.

— ווי דען קומסטו אהער איבער דעם צוים? — פרעגט דער ראש־ישיבה.

דאָס שניידערל זאָגט, אַז ער האָט קיין צוים פאַר די אויגן נישט געזען...

עס האָט זיך אים אויסגעלאָזט די אַרבעט אין א י י ן דאָרף, איז ער געגאַנגען איבערן וואַלד אין אַ צווייט דאָרף אַריין, איז עס אָבער ביינאַכט געווען, האָט ער זיך, גייענדיק, פאַרדרימלט, פאַרבלאָנדזשעט און פאַרטאָג איז ער געקומען אין אַ פרעמד דאָרף אַריין. דער ערשטער פרעמדער הונט איז אים באַפאַלן, איז ער צוריקגעלאָפן אין וואַלד, דער הונט נאָך, ער

לויפּט, דער הונט לויפּט נאָך. פּלוצים האָט ער אים אָנגעכאַפּט ביי א פּוס, האָט ער זיך געגעבן א ריס אויס, געמאַכט א קאָזשיאָלעק און —

— בין איך געקומען אהער — האָט דאָס שניידערל מיט א גלעכ־טערל געענדיקט — האָט איר עפּעס צו נעמען אין מויל אריין?

קינד מיינס, — זאָגט דער ראש־ישיבה ערנסט, — עס איז נאָך צייט צו רעדן פון חומר... נאָר זיי וויסן, קינד מיינס, אז די ישיבה איז ארומ־געצוימט מיט א שם־הקודש, אז קיין שום מענטש און קיין שום חיה ועוף קאָן די צוים נישט אריבער — קוק ארויף צום הימל! זעסטו דאָ א צייכן פון א פייגעלע? עד „רום רקיע" האָב'מיר זיך פאַרצוימט, און אויב דו ביסט אריבער, איז עס א סימן, אז עס איז נישט פּשוט, — עס איז קיין פּרעמדער דאָרף געווען, קיין פרעמדער הונט געווען — עס איז מעשה־נסים! דאָס האָט דיך זכות אבות אהער געטריבן. פאָלג מיך, נעם א ספר און זעץ דיך און לערן!

א נאָענטער בוים האָט געהערט דעם ראש־ישיבהס רייד און האָט זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען, א סימן, אז ער וויל אָפּטרעטן דעם אָרט דעם נייעם תלמיד, נאָר דאָס שניידערל ענטפערט:

— לאָ מיט א ספּאָדעק, רבי'ניו! איך האָלט גאָרנישט פון אייער זיצן און לערנען...

— א גרויסע קונץ — מאַכט ער ווייטער — צו זיצן אין וואַלד! אָן דאגות פּרנסה, אָן ווייב און קינד און לערנען! גייט בעסער אין שטאָט אריין, און טוט עפּעס! איר ווילט אראָפּברענגען משיחן, וואָס? אומזיסט אייער ארבעט, אייערע צוואַנציק — דרייסיק נייען דעם מאַנטל פאַרן מלך המשיח, יאָ? און דאַרטן זיצן הונדערטער און טויזנטער, וואָס טרענען אויף, וואָס איר נייט!

און דאָס שניידערל מאָלט זיי אויס, וואָס אין שטאָט טוט זיך, ווי דער יצר־הרע האָט אריינגענארט דעם גאַנצן עולם אין א זאַק אריין און מען בייסט און מען ווערגט זיך איינס דאָס אנדערע איבער דער פינצטערער פּרנסה...

זיין שוואַרץ שפּיציק בערדל ציטערט, די אויגן ברענען, ווי קוילן, די הענט ציטערן און וואַרפן זיך, פייער שיט זיך אים פון מויל — —

— סדום־ועמורה — זאָגט ער — ניין און ניינציק מענטשן הונגערן און פאַרקויפן די נשמה פאַר א שטיקל טרוקן ברויט. דער הונדערטסטער זיצט, ווי א פליג אויף א פלאַסטער האָניק און ווערט אָנגעשוואָלן און פאַרזינדיקט זיך די יאָרן...

מענער פארקויפן די נשמה, ווייבער דאָס ליב; מען קייקלט זיך באַרג אָפּ אין גיהנום אריין — וואָס וועט העלפן אייער תורה?

דער ראש־ישיבה מיט די פּרושים לאָזן אראָפּ די קעפּ.

— וואָס העלפט דאָס אראָפּלאָזן די קעפּ? — לאכט דאָס שניידערל — אויב איר ווילט דווקא משיח זאָל קומען, הערט אַ שניידערשע עצה אָדער שווייגט און זינדיקט מיט, וועט ווערן „כלו חייב", אָדער גייט און זאָגט מוסר, „גוואַלד, רוצחים" און זייט „מחזיר למוטב", וועט זיין „כלו זכאי"... אנישט — וואנצן! — און דערווייל — אדיע! דער הונט איז שוין אוודאי צוריק אין דאָרף אריין.

עס גערדויערט אַ ווײַלע, איידער די פּרושים זענען צו זיך געקומען און האָבן מיט אַ געשריי: עזות־מחוצף־פּנים, זיך אַ וואָרף געטון „קורע כדג" צו זיין דאָס שניידערל...

דאָס שניידערל האָט אָבער שוין צייט געהאט צו מאכן אַ קאָזשיאָלעק צוריק, און איז נעלם געוואָרן צווישן די ביימער.

— אזא רשע, אזא רשע! — קריצן די פּרושים מיט די ציין.

דער ראש־ישיבה אָבער גיט אַ צייכן, זיי זאָלן שווייגן.

— שווייגט, קינדער, — זאָגט ער טרויעריק — ער איז גערעכט, דאָס שניידערל, (אויב עס איז נאָר אַ פּראָסטער שניידערל געווען, נישט אליהו הנביא!) ער האָט אונדז געזאָגט, וואָס מען דאַרף טון, וואָס איך דאַרף טון!

די פּרושים שווייגן, טראכטנדיק: אפשר טאקע אליהו... אזוי גע־שווינד נעלם געוואָרן... און דער ראש־ישיבה הייסט זיך דערלאַנגען דעם שטעקן.

— איך גיי אין שטאָט, קינדער! איך וועל טון, ווי דאָס שניידערל האָט געהייסן! איך וויל מיך פּרוון ראנגלען מיטן ס"ם — און איר בלייבט דאָ און לערנט און בעט פאר מיר רחמים!

אלע זאָגן צו, און מען דערלאנגט אים דעם שטעקן, ווי ער האָט באפוילן.

ער איז געגאנגען גלייך פאר זיך און די הייליקע באהאלטענע צוים האָט אים דורכגעלאָזט!

שוין דריי מאָל האָבן די פּרושים מחדש געווען די לבנה, און דער ראש־ישיבה האָט זיך נישט געוויזן, ערשט נאָכן פערטן קדוש החודש ביים

שלום עליכם, עליכם־שלום! האָט ער זיך באַוויזן, די תּלמידים זענען אים אנטקעגן געלאָפן מיט פרייד — נאָר ער האָט זיי אָפּגעשטעלט מיט דער האַנט, און איז, אַ וואָרט נישט רעדנדיק, אַריינגעגאַנגען אין זיין הייל אַריין.

זיבן טעג האָט ער געהאַט התבודדות, זיבן טעג און זיבן נעכט זענען די תּלמידים געשטאַנען נישט טויט נישט לעבעדיק און געוואַרט און ערשט אויפן אַכטן טאָג איז ער אַרויסגעקומען פון דער הייל, און האָט זיי דער־ציילט, וואָס עס איז מיט אים אין די דריי חדשים געשען.

און דעם וועג פון ישיבה אין שטאָט אַריין האָט ער דערציילט שטיל, געלאַסן און אפילו מיט אַ שטיקל נחת...

גייענדיק האָט ער געלערנט אויסנווייניק הלכות סוכה!...

ביי טאָג און ביי נאַכט האָט אַרום אים געבריליט פון חיות רעות, צווישן דיביימער איז געווען אַ רעשנדיק פליעריי, לאַכעריי, געיאָגעריי, ער האָט זיך אָבער נישט אומגעקוקט און ווייטער געלערנט. — אַ פּאָר מאָל איז אים עפּעס געפלויגן איבערן קאָפּ, וואָס אַמאָל נידעריקער און נידעריקער, גע־קלאַפּט מיט די פליגל, עפּעס געקראַקעט, ער האָט אפילו קיין אויג נישט אויפגעהויבן... מערסטנטיילס איז ער מיט פאַרמאַכטע אויגן געגאַנגען און אינגאַנצן איינמאָל — דורך אַ פאַרעמדער מחשבה, וואָס האָט זיך אים מיט געוואַלד אַריינגעריסן אינמיטן גמרא אַריין, זיך אָנגעשלאָגן מיטן שטערן אָן אַ בוים. ער האָט זיי אַ צייכן געוויזן. פאַרטאָג נאָר האָט ער געהאַט גובר צו זיין גרויסע מניעות — די פייגעלעך מיט זייער שירה! עס ווערט אַזאַ געשריי, אַ געליאַרם!... נאָר מען איז אים ביי געשטאַנען (ער וואַרפט אַ דאַנקבאַרן בליק צו די תּלמידים) און די פייגל־שירה האָט אים נישט שטאַרק מבלבל געווען... אַ פּאָר מאָל האָט זיך עפּעס אַ טייכל פאַר די פיס פאַרוואַלגערט, האָט ער זיך אָפּגעטובלט און אַריבערגעגאַנגען. טיילמאָל האָט ער קיין ערד נישט געפילט אונטער די פיס, נאָר געגאַנגען איז ער — מען האָט'ן אַרויסגעהאָלפן (ווייטער אַ דאַנק די תּלמידים מיט אַ ליבלעכן בליק).

איינמאָל איז ער אָבער נישט אַרויס מיט גרויס ניצחון... אין זיבן טעג נאָכן אַרויסגיין פון אָרט... ער איז געקומען צו אַן אָרט, וווּ דער וואַלד איז מקטיר זיין קטורת צום רבונו של עולם... עס זענען אַרויסגעפלויגן ריחות, עס האָבן זיך ממש געהוידעט בשמים, זיי האָבן זיך אים איינגע־זאַפּט דורך אַלע אברים, און ער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, דאָס לערנען האָט זיך איבערגעריסן („צי האָט איר גראָד דעמאָלט נישט מבטל תּורה

געוועז, קינדער"), איין בורא עולם ווייסט, צו וואָס ער וואָלט געקומען, ווען נישט, וואָס עמעצער האָט זיך באַוויזן אין פּריצישע קליידער, אויף א פערד, און האָט אים דערלאַנגט מיט עפּעס א וויכס איבער די אקסל... דאָס האָט אים אויפגעוועקט...

און אזוי ווייטער, ביזן שטאָט אריין.

אז ער איז אָבער געקומען צו דער שטאָט, האָט זיך דער קול ווי איי-בערגעבראָכן, טיילמאָל הייזעריק געוואָרן. די אויגן האָבן טרוקן געברענט און איבער די פּרושימס פּנימער איז געלאָפן זיין הייסער אָטעם — —

— טאָקע סדום ועמורה! — קרעכצט דער ראש־ישיבה — פון טיר צו טיר איז ער געגאנגען — קיין רעכטער בימן!

רבנים — רבונו של עולם — רבנים! ארבעטן מיט דער תורה, ווי מיט א האק... זיי ארבעטן מיט איר טאָג און נאכט, ביז זי ווערט שטומפּיק, און זיי שארפן זי נישט... פּרעסן אויף חתונות, בריתן און אלערליי סעודות און פּסקענען פון „חיי־אָדם"... דער פּראָסטער עולם איז פארגרעבט, קינדער גייען ארום אָן תורה, אָן עברי... די באַלעבאַטים — רחמנא ליצלן — פרעסער און זויפער און וואָכערניקעס... מען טרעט די תורה מיט די פיס... ווייבער אין די אייגנע האָר... יונגען גייען ארום און פייפן, די מיידן לערנען זיך קלעזמער זיין און שפּילן אויף אלע כלים...

און ער זאמלט די זינד און פארשרייבט זיך אין זיכרון, סוף כל־סוף וועט ער גיין אין בית־המדרש און וועט זיי זיי זאָגן, הייסע סמאָלע וועט ער זיי גיסן אויף די קעפּ...

צולעצט אָבער האָט ער גאָר אויף א מיאוסע זאך געטראָפן...

ער איז ארויסגעגאנגען פּראווען היתבודדות אין גאס און אויסגעלייגט זיך אין קאָפּ די חטאים, און פון אויבן באַשמירט יעדן חטא מיט זיין עונש אין גיהנום, פּלוצים גיט אים א בליץ פאר די אויגן... צוועלף ליכטיקע פענצטער מיט אמאָל... א סעודה מיצווה צי וואָס?... ער גייט אריין... א וואָלקן רויך, ער זעט גארנישט... ארויסשלאָגט א ליכט פון שיבעת הימים און אינעווייניק אָן ענן כבד... עס בייסט זיך די אויגן... צו וואָס אָבער געוויינט זיך נישט א מענטש?... ער האָט אָנגעהויבן צו זען...

און דער ראש־ישיבה פארברעכט די הענט, צעוויינט זיך, ווי א קליין קינד און דערציילט, וואָס ער האָט געזען...

געפרעסן און געטרונקען האָבן זיי, ביי קליינע און גרויסע טישלעך... און זכרים און נקיבות צוזאמען... און געגעסן אומגעוואשן, אויפגעשטאַ־

נען אומגעבענטשט... אויפֿן אָרט פֿון תּורה — ניבול־פּה גערעדט, און אויף אַלערליי לשונות, וואָס ער האָט גאָרנישט פֿאַרשטאַנען, נאָר אין די זינדיקע אויגן געלעזן... הלשותדיקע חצופֿות מיטן גאַנצן פּאַסקודסטווע אינדרויסן האָבן אַרומגעטראָגן שוימענדיקע קופּל ביר, גלעזער ווײַן... דער רויך איז געווען פֿון פּאַפּיראָסן מיט ציגאַרן, אַפֿילו ווייבער האָבן גערייכערט, און פֿון דאַמפּענדיקע מאכלים — אינדיקעס, גענדז, קאַפּהענער און אַנדערע — אוודאי עופֿות טמאים... דאָס האָבן אויך מיידן אַרומגעטראָגן... און איינער גיט זיי אַ קניפּ, דער צווייטער אַ כאַפּ אויף דער שוים, דער דריטער אַ טשמאָקטש אין באַק... רבונו של עולם, רבונו של עולם... ווילסט טאַקע כולו חייב?

און די פּרושים האָבן אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזיפֿצט און דער ראש־ישיבה דערציילט ווייטער:

דערנאָך האָט עפּעס אַ קונצן־מאַכער קונצן געמאַכט, אין לופֿטן געפֿלויגן, דורך רייפֿן, פֿייער געשלונגען און גלאַט חוזק געמאַכט — איבערגעשפּרונגען אַ שטרוי וכדומה, און דער עולם לאַכט, קוקט און פּאַטשט מיט די הענט, און זינגט עפּעס אַזוינע פּאַסקודנע שירים. תּיפֿלות רחמנא־ליצלן... און דאָס האַרץ וויינט אין מיר... רבונו של עולם, די שיינע קולות, וואָס דאַרפֿן דיך לויבן, וואָס־[illegible]? און אין דער זייט איז געשטאַנען אַ מין קאַסטן, אַ גרויסער שוואַרצער קאַסטן, אוודאי פֿון פּימסנהאָלץ... און פֿון פֿאָרנט זענען געשטאַנען צוויי [illegible] רעכטס אַ מנורה און לינקס אַ מנורה מיט אָנגעצונדענע ליכט [illegible] צים איז איינע, אַ חצופֿה, צוגעגאַנגען, אָנגעטון, ווי אין תּפֿי[illegible] ווייסקייט האָט געבלענדט... און זי איז צוגעגאַנגען, געעפֿנט אַ ש[illegible] קאַסטן און אָנגעהויבן קלאַפּן אין קאַסטן אַריין מיט לאַנגע פֿינגער און פֿון קאַסטן אַרויס האָט אָנגעהויבן אַרויסציմבלען שדים ורוחות, און עס האָט געצימבלט און געקלונגען, טייל־מאָל ממש געדונערט, טיילמאָל האָט עפּעס אַרויסגעוויינט, ווי אַ נשמה בעט זיך תּיקון — — — זע איך שוין, וואָס דאָ טוט זיך, ווי דער כישוף גייט! לויף איך אין דערמיט אַריין, כאַפּ אַ בענקל, שפּרינג אַרויף מוסר זאָגן — צעשמעטערן...

די שטימע פֿון ראש־ישיבה האָט זיך ווייטער אָפּגעבראָכן, און מיט נאָך אַ גרעסערן געוויין האָט ער צוגעגעבן:

— ווייס איך נישט, צי איך האָב אַ שלעכטן שפּרונג געטון — וואָרום ווען שפּרינג איך? — צי איז דאָס בענקל לאָם געווען — — — —

אַראָפּגעפֿאַלן בין איך...

און דאָס גאַנצע גהינום איז אויפגעשפּרונגען און עס ווערט ווייטער א געפּאַטשעריי... די רשעים האָבן געמיינט, עס איז ווייטער א קונצנמאַכער, וואָס פעלט פאַר חוזק וועגן...

איינע פון די חצופות אָבער האָט געזען, אַז עס איז נישט קיין כישוף מאַכן...

און דער ראש־ישיבה צעגיסט זיך שוין מיט געוויין:

און זי איז צוגעגאַנגען, און האָט מיך אויפגעהויבן, און האָט מיך מיט די פּאַסקודנע פינגער געגלעט איבערן פּנים און האָט מיך מיט א פּאַסקודנע זינגענדיק פויגל־קול געפרעגט, צי האָב איך מיך, חס־ושלום, נישט עפּעס געטון, און אַז איך האָב א שיינע באָרד, און אַז אַלטע לייט האָט זי ליב...

און זי האָט מיך, רחמנא־ליצלן, מטמא געווען, דער מוסר איז מיר פון קאָפּ אַרויס... איך בין אַנטלאָפן אין וואַלד, ש״י טבילות געמאַכט, איך האָב מיך געבאָרעט אפילו מיטן שם, ער זאָל מיך אַריינלאָזן...

און ער וואַרפט אַן אומגליקלעכן בליק אויף די תלמידים:

— אפשר האָט איר פאַר מיר נישט ערנסט מתפלל געווען?

נאָר די תלמידים האַלטן אַלע אַראָפּגעלאָזן די קעפּ און שווייגן... די פּנימער זענען געראָטלט, א פּנים בושה...

— בין איך צוריק געקומען — ענדיקט דער ראש ישיבה — היינט, קינדערלעך, איז שפּעט... וועלן מיר גיין שלאָפן אין די היילן. מאָרגן, נאָר מאָרגן פאַרטאָג וועל איך אייך זאָגן — אָהין גיין וועל איך שוין נישט, ניין — צו דעם דאַרף מען פאַרצייטיקע צדיקים... נאָר דאָ וועלן מיר מאַכן תקונים, סגופים... תפילות... מויערן וועלן מיר ברעכן...

צומאָרגנס אָבער איז אויסער דעם ראש־ישיבה שוין קיינער נישט געווען...

אומזיסט האָט ער גערופן און געוועקט... דער עולם איז ביינאַכט אין שטאָט אַריין...

און אַזוי איז די ישיבה בטל געוואָרן...

עס קאָן, חס־ושלום, בלייבן ביי אונדז כולו חייב...

דער חשוב ביים קאַנאַניק

חשיבות איז דאָך אַ גרויסע זאַך.

דער רבונו של עולם באַשאַפט די רפואה פאַר דער מכה: האָט ער באַשאַפן גלות, האָט ער באַשאַפן די מטבע, וואָס פאַרגרינגערט דעם גלות און האָט צובאַשאַפן חשיבות, וואָס העלפט אפילו ביי אַ נקי כפּים.

נושא־חן דאַרף מען זיין!

אָט מיין מאַמע, עליה השלום, האָט נושא־חן געווען ביי אונדזער קאַנאָניק... פון אייביק אָן האָבן מענטשן מיילער, האָבן זיי גערעדט. יידישע מיילער וועט קיינער נישט פאַרשטאָפּן, נאָר אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן, סאַראַ כשרע יידענע מיין מאַמע איז געווען...

און וואָס איז אַרויסגעקומען פון חשיבות?

ערשטנס פּרנסה: צום קלויסטער, ווו דער קאַנאָניק איז קאַנאָניק, געהערן ביי אונדז צוועלף געוועלבער, האָט די מאַמע, עליה השלום, געהאַלטן איין געוועלב פאַר זיך, און עלף האָט זי פאַרדונגען, און האָט, פאַרשטייט זיך, דערצו נישט צוגעלייגט. היינט, זייט די מאַמע, עליה השלום, איז ניפטר געוואָרן, האַלט איך די געוועלבער!

און איך טו אויך אַזוי: איינס האַלט איך פאַר זיך, עלף פאַרדינג איך.

פאַרשטייט זיך, אַז דער עולם שווייגט נישט: יאָר ביי יאָר, אַז עס קומט פאַר יאָהאַנע, באַוואַרפט מען דעם קאַנאָניק מיט בריוו, מיט הוספות, נאָר ער ענטפערט נישט קיינעם. אַז מען קומט צו אים אַהיים, אָדער, אַז מען פאַלט צו אים צו אין גאַס — אַ פּראָסטער מענטש איז ער — לאָזט ער צו זיך רעדן — ענטפערט ער: פאַרפאַלן; דבורהס זון האָט שוין אַ „הייזאָוועקע" — מיין מאַמע, עליה־השלום, האָט געהייסן דבורה־רחל, זאָגט ער בקיצור דבורה, און „הייזאָוועקע" איז אונדזער „חזקה"; אַז זיי נעמען ביי אונדז אַ וואָרט, מאַכן זיי דערפון קוידערניש!

מען האָט אפילו פּרובירט אונטערמסרן, שרייבן צום ביסקופּ, איז

אָבער ביי זיי, להבדיל, אַ ח ד ו ת, ענטפערט דער ביסקופּ אַ וואָרט און שיקט אָפּ צום קאַנאַניק!

מען האָט נאָך דערנאָך געפּרוווט אונטערהעצן די „מיעשטשאַנעס". היות, דער קאַנאַניק מאַכט בדיל־הדל דעם קלויסטער, און מען האָט אויך נישט געפּועלט. ביי זיי, אַז מען איז, איז מען, מישט זיך נישט ווער עס וויל אין רעליגיעזע זאַכן, ווען מען הייסט מאַכן כאַגע, איז כאַגע, און וואָס דער קאַנאַניק טוט, קומט אים אַ קוש אין האַנט אַריין.

אונדזערם אַ רב, להבדיל אלף אלפי הבדלות, וואָלט עס געדאַרפט טון! מען וואָלט אים אָן אַ באָרד און פּאות אַוועקגעשיקט, ווו דער פּעפּער וואַקסט!

באַ! זאָל ער פּרוּוון האַלטן אַזאַ גאַספּאָדיניע, ווי מיין קאַנאַניק האַלט! הכלל, מען האָט פּרנסה!

נאָר פּרנסה איז נישט דער עיקר. קודם־כל איז פּרנסה אַ גאָט־זאַך, און וואָס טו איך, אַז דער קאַנאַניק גייט אַוועק פון דער וועלט? ער איז אַ זיבעציקער און אפשר אַן אכציקער. נו, מיינט איר די וועלט וועט אונטערגיין? איך האָב נאָך אַזויפיל ביטחון אין זיין ליבן נאָמען, אַז איך וועל אפילו קיין איבעריקן קרעכץ נישט געבן — דער עיקר איז, די טובה, וואָס מען קאָן אַמאָל טון אַ ייד, אַז מען איז אַ חשוב!

אויסרעכענען די טובות, וואָס איך האָב געטאָן דער שטאָט און אַזוי איינצלנע באַלעבאַטים ביי מיין קאַנאַניק, ביז איך נישט אימשטאַנד, און בטבע האָב איך מיך פיינט צו באַרימען, נאָר פון איין טובה מוז איך אייך דערציילן, ווייל עס האָט שוין אָנגערירט גאָר טיף, גאָר טיף!

און הערט, וואָס עס קאָן זיך טרעפן:

אַ יידענע האָב איך, זאָל זי געזונט און שטאַרק זיין, איז זי באמת אַ גרויסע חכמה, טאַקע קלוג, ווי דער טאָג. עס איז דאָך נאַריש, אין די אויגן אַריין וויל איך איר דאָס נישט זאָגן; אין די אויגן אַריין, ווער שמועסט אויב עמעץ איז דערביי, בין איך דער מאַנספּערשוין, האַלט זי דאָס מויל! איך האָב פיינט, אַז אַ יידענע גייט אין ספּאָדיק! נאָר איך מעג דאָך אייך זאָגן: זי וועט נאָך צען מאַנספּערשוינען אַריינאַרן אין זאַק אַריין!

אַ שפּאַס, מיין טריינע־ביילע!

שטייען מיר, איך און טריינע־ביילע, אַזוי אין געוועלב; אַ זומערטאָג איז עס געווען. לייזן אין שניט־צייט האָט זיך נישט געלייזט, מען זעט

נישט קיין פויער פאר א מיליאָן, — שטייען מיר אזוי און קוקן ביידע אין גאס אריין, קעגנאיבער צום קאָנאָניקס הויז.

פלוצים כאפט מיך טריינע־ביילע אָן ביי דער האנט.

— הערסטו — זאָגט זי — משה, ביים קאָנאָניק איז נישט פשוט! דאָרט טוט זיך עפּעס.

— וואָס איז?

— ערשטנס, — זאָגט זי — זענען די פאָרהאנגען אראָפּגעלאָזט.

זאָג איך: פאר דער זון.

— זאָגט זי: ניין, נעכטן איז אויך א הייסער טאָג געווען און די פאָרהאנגען זענען געווען צעשפּרייט, מען האָט געקאָנט זען, ווי די דיקע גאָספּאָדיניע איז ארומגעגאנגען באָרוועס און האָט זיך געפאָכעט און גע־פאָכעט.

— און די פענצטער — זאָגט זי — זענען פארמאכט.

זאָג איך: פארן שטויב.

— נעכטן — זאָגט זי אָבער — איז א גרעסערער שטויב געווען, און די פענצטער זענען געשטאנען אָפן!

הכלל, וואָס איז?

האָט זי אָבער, מיין טריינע־ביילע, נאָך געזען, ווי וואָס אמאָל באַ־ווייזט זיך די גאָספּאָדיניע אויף דער שוועל, האלט הינטער זיך די טיר, קוקט זיך אום אין אלע זייטן און ווערט צוריק פארשוואונדן.

— זי וואַרט אוודאי אויף געסט — זאָג איך.

זאָגט זי: ניין, עס שטעקט עפּעס דערינען!

זאָג איך איר: עט, וואָס א נארישער יידענע פאלט איין!

פונדעסטוועגן גיי איך צו צו דער טיר פון געוועלב, שטעל מיך אויף דער שוועל, די גאָספּאָדיניע באווייזט זיך, כאפּ איך אראָפּ די כובע, שריי איר אריבער „גוט־מאָרגן", פארשטייט זיך, אויף פויליש, און זי ענטפערט מיר נישט קיין וואָרט, פארשווינדט און פראַלט צו דיר טיר.

טוט עס מיר שוין א פּיק אין הארצן; טריינע־ביילע, אפּנים, איז גערעכט.

איזן איז זי בטבע א שטילע, דרך־ארץ פאר א מאן האָט זי, ענטפערן וועט זי נישט, נאָר גערעכט, זע איך שוין, איז זי.

טוט מיר שוין באנג, וואָס איך האָב איר געזאָגט נארישע יידענע, צי אפשר שלימזלניצע, איך געדענק שוין אליין נישט וואָס; נאָר מילא,

איך וועל מיך דאָך נישט גיין פאַרענטפערן פאַר א יידענע, הייב איך מיך אויף און גיי אין גאַס אריין.

אפשר, קלער איך, ווייס מען עפּעס אין גאַס.

אין איינוועגס רינגל איך אַרום דעם קאַנאַניקס הויז און דערזע, אַז אויף יענער זייט, ביי דער קיך, שטייט א פור. די פערד זענען פאַרשוויצט, ווי פון א שווערן וועג, שטייען אונטער דערעס און קייען פריש היי.

דערקען איך די פערד, דאָס זענען דעם וואָלקאָוויסקער — א דאָרף ביי אונדז — דעם וואָלקאָוויסקער שרייבערס פערד.

דער שרייבער קומט אָפּט אין שטאָט אריין, פאַרפאָרט צו מיר און קויפט סחורה (א צאָלער איז ער אויף אלע שונאים געזאָגט!); טיילמאָל קומט ער צום קאַנאָניק און ברענגט אים מתנות: אייער, פּוטער, הינער, אינדיקעס און גענדז. אמאָל האָזן אויך, — דער שרייבער גייט אויף „פּאָלאָוואַניע!".

נו, הכלל — איז ער היינט פאַרפאָרן צום קאַנאָניק, האָט ער מתנות געבראַכט, נו, וואָס־זשע איז דער סוד? וואָס הענגען אראָפּגעלאָזט די פאַרהאַנגען און וואָס איז די גאַספּאָדיניע אזוי פאַר מיר אנטלאָפן?

שטעל איך מיך אָפּ און וואַרט אויפן שמייסער.

קומט ער אַרויס פון קיך, ווישט זיך מיטן אַרבל דאָס מויל. אַוודאי נאָך א פּעט שטיקל כשר פלייש, ווי דען! און איך פרעג אים: יאַנטעק, וואָס טוסטו דאָ?

איך קען אים, דעם יאַנטעקן. אז דער שרייבער קויפט און גייט אַרויף אויף דער פור, באַקומט ער א טרונק בראָנפן, צי אזוי א מטבע!

היינט פאַריקט יאַנטעק די כובע. ער האָט גאָר קיין צייט נישט צו מיר! איך לאָז מיך פאָרט אריין מיט אים אין א שמועס.

— וואָס האָט איר געבראַכט דעם גלח?

שווייגט ער.

— א מתנה?

ער שווייגט.

— אייער, אינדיקעס, האָזן, פּוטער?

יאַנטעק שווייגט און דרייט זיך אוועק.

אינמיטן ווערט ער גאָר בייז און כאַפּט די בייטש.

— גייסט נישט אוועק? — מאַכט ער.

עס פאַרדריסט מיך אפילו, איך זאָל נישט קענען אויסנאַרן ביים

„חמול", וואָס איך דאַרף; נאָר וואָס זאָל איך טון? קעגן אַ בייטש און אַ הונט בין איך קיין בריה נישט!

לאָז איך מיך טאַקע אין גאַס.

טרעף איך דעם וואָלקאָווויסקער שרייבער ארויסגיין פון אַ טראַקטיר.

ער וואַקלט זיך אביסל. אָט, אָט, טראַכט איך, פאַלט ער, דער דראָנג; ער איז טאַקע הויך און דאַר, ווי אַ דראָנג... און די אייגעלעך, ווי מאַנדעלעך, זענען שטאַרק פאַרלאָפן.

הייב איך פאַר אים אָפּ דאָס היטל און פרעג, צי ער האָט געבראַכט דעם קאַנאָניק אַ שיינע מתנה.

זאָגט ער: זייער אַ שיינע ! !

און שמייכלט זייער גנביש: זייער אַ שיינע ! !

פרעג איך אים: וואָס? צום עסן?

זאָגט ער: ניין!

צום טרינקען?

לאַכט ער ווייטער: ניין!

זאָג איך: עפּעס אריינצושטעלן אין שטוב אריין?

קוקט ער מיך ווייטער אָן פון אויבן ביז אראָפּ.

— יאָ, — זאָגט ער — אין שטוב, נאָר עס מוז נישט שטיין. אמאָל, ביפרט ביינאַכט, ליגט עס.

און צעלאַכט זיך מיט אַ געלעכטער:

— אוי, ביסטו אַ נאַר, שמואליק!

מילא, לויף איך צוריק צו זוגתי אין געוועלב און דערצייל איר אַלץ, מלה במלה.

ווערט זי רויט און בלאַס און גיט אַ פרעג:

— לייבל וואָלקאָווויסקער האָט אַ טאָכטער?

— דאַכט זיך — זאָג איך — יאָ!

גיט זי אַ געשריי: איז זי ביים קאַנאָניק!

און אזוי ווי זי שרייט ארויס, הירט מען דעם פאָרהאַנג ביים קאַנאָניקס פענצטער, און איך דערזע מיט מיינע אייגענע אויגן אַ שאָטן פון אַ נקבה, וואָס דרייט זיך ארום אין שוב.

און איך בין זיכער, אַז עס איז נישט די גאָספּאָדיניע!

ערשטנס, איז דער שאָטן אַ דינער געווען; צווייטנס טראָגט די גאָספּאָדיניע שטענדיק אַ טיכל אויפן קאָפּ, און דאָ האָב איך דערזען בלויזע האָר.

אַז בלויזע האָר איז עס דאָך אַ מיידל, און ווייסן ווייס איך, אַז לייבל

וואָלקאָוויסקער האָט פון ערשטן ווייב אַ מיידל חתונה צו מאַכן — ווערט מיר טאַקע פינצטער אין די אויגן! ערשטנס, לייבל, נעבעך, אַ גוטער פריינט, אפילו אַ שטיקל קרוב, צווייטנס — אַ יידישע נשמה.

לויף איך גלייך צו שמעלקען דעם אייער־הענדלער.

— האָט איר נישט ביי זיך אַ טרונק בראָנפן?

— לחיים, לחיים!

עס איז מיר שוין טרוקן געוואָרן אין האַלדז.

יאָ, ווו האַלט איך?

בין איך געלאָפן צו שמעלקע אייער־הענדלער.

שמעלקע אייער־הענדלער קענט איר דאָך אוודאי, כל מום־רע איז ער, דער שמעלקע, אַ זולל־וסובא, אַ שטיקל מסור דערצו און איז שוין דריי מאָל געזעסן, נאָר דאָס ווייב זיינס, שפּרינצע־ביילע, איז אַן אמתע אשה־צנועה, טאַקע אַ כשרע יידענע און ליידט זיך פון אים אָן צרות־צרורות... אַ גיהנום האָט זי ביי אים.

און די שפּרינצע־ביילע איז מיין ווייבס אַ „שמעלקע שבשמעלקע", און לייבל וואָלקאָוויסקערס גאָר אַ נאָענטע קרובה, אַ שני־בשלישי, דאַכט זיך. פון וואַנען דען, מיינט איר, קומט מיין מישפּחהשאַפט מיט לייבל וואָלקאָוויסקער?

קלער איך, אַז אויב עס איז עפּעס, מוז מען שוין ביי שמעלקען וויסן.

וכך־הוה. עס איז שוין אַ שליח־מיוחד געווען! מילא, שמעלקע איז דאָך שמעלקען, זיצט ער זיך ביים טיש און טרינקט טיי, נאָר אַ פּנים האָט ער געהאַט, אויף אַלע שונאי־ציון. שפּרינצע־ביילע אָבער, טאַקע שענערע לייגט מען אין קבר אריין! נאָר חלשן וויל זי! און איך האָב איר נישט וואָס פאַריבל צו האָבן. מען האָט אַ זון צו דער חופּה, אַ מיידל וואַקסט אויך אונטער, נאָכן מיידל גייען ווייטער יינגלעך! איז ווייניק „יחוס־עצמי" פון שמעלקען, דאַרף זיך נאָך טרעפן אַזאַ מעשה!

און אַז שמעלקע דערזעט מיך, שפּרינגט ער אויף:

— הערסט, — זאָגט ער, און אַ קול האָט ער ווי פון גרוב אַרויס — הערסט, גיי צום קאַנאָניק, זאָל ער זי אַרויסלאָזן!

עס איז לייכט צו זאָגן: גיי צום קאַנאָניק, ווי אַזוי גייט מען, אַז מען פאַרהאַמערט זיך?

— איך גיב אַ הונדערטער אויפן קלויסטער! — שרייט שמעלקע.

— מילא, טראַכט איך, — איך וועל פּרוּוון.

— נאָר שטיל — זאָגט ער.

שטיל איז שטיל. איך וועל אפילו בייטאָג נישט אַריינגיין.
איך לאָז מיך אין בית־המדרש אַריין, לערן מיר אַ פּרק משניות, און דאַווען מיר אָפּ מינחה און פאַר מעריב לאָז איך מיך צום קאַנאָניק.
אויפן וועג טרעט איך אָפּ אין געוועלב, נעם אונטער דער פּאָלע אַ טערקיש טוך — נהרג ווערט זי דעם קאַנאָניקס גאָספּאָדיניע פאַר אַ טערקיש טוך — און גיי!
איך געדענק אפילו נישט, צי איז דאָס מיין איינפאַל געווען מיטן טערקישן טוך, צי טריינע־ביילעס. נאָר געטראָפן מיטן טוך האָב איך.
ביי דער שוועל האָט זי מיך געוואָלט פאַרהאַלטן.
„דער קאַנאָניק איז נישט אין דער היים״.
זאָג איך: איך האָב אים יאָ געזען דורכן פענצטער.
זאָגט זי: ער איז מיד.
זאָג איך: אויף מיין וואָרט, אַ נייטיק געשעפט! און ווייז איר דאָס טערקישע טוך.
לאָזט זי אַריין.
דער קאַנאָניק איז זיך געזעסן אין דער ערשטער שטוב ביים טיש, מיט אַ לאַנגער אַנטיפּקע אין מויל און האָט זיך געזופּט טיי; און דער קאָפּ זיינער שאָקלט זיך אים אַזוי און שאָקלט זיך, און ער הערט נישט, אַז איך בין אַריינגעקומען.
זאָג איך אים: גוטן־אָוונט!
דרייט ער זיך איבער און זאָגט: גוט־יאַר, מיין קינד!
אַזוי איז ביי זיי דער מינהג, יעדער גלח איז אַ פאָטער און אַלע פון זיין קלויסטער זענען זיינע זין, אַי וואָס גאָרנישט, זון זאָל זיין זון.
בעט ער מיך זיצן און שמייכלט.
— ווילסט זי אַרויסנעמען?
איך זאָג אייך. אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרצן. איך האָב מיר געבראָכן דעם קאָפּ און אָפּילו זיך מתיעץ געווען מיט טריינע־ביילען, פון וואָס מען הייבט אָן, פון פּרנסה, צי פון פּאָליטיק, און ווי אַזוי מען שלאָגט זיך דערנאָך צו צום עסק און ער פּשוט: ווילסט זי אַרויסנעמען? פרעגט ער.
— מן־הסתם, זאָג איך, יאָ.
און בין נאָך מטעים די זאַך, אַז איך האַלט אים פאַר אַ קלוגן, וואָס גלייבט נישט אין די אַלע נאַרישקייטן... און וואָס דאַרף ער אויף דער עלטער, מיט איין פוס אין קבר אַריין, צו טון לייבל וואָלקאָווישקער אַזאַ עוולה! און דאָס מיידל, זאָג איך אים, וועט אויך אוודאי חרטה האָבן, און לאָז מיך

אריין אין א שמועס, אז אלע האָבן דאָך איין גאָט, נאָך וואָס, נאָך ווען? וכדומה. גלעט ער מיך מיט א שמייכל איבערן היטל און ווייזט מיר אָן אויף דער טיר אין דער צווייטער שטוב אריין, דאָס הייסט, גיי, רעד מיט איר.

פרעג איך פונדעסטוועגן: מעג איך?

שאָקלט ער מיטן קאָפּ אויף יאָ.

און אויב זי וועט באשטיין — זאָגט ער — גנבע זי ביינאכט ארויס. נאָר שטיל! עס זאָל הייסן, זי איז אנטלאָפן! ווארום די מיעשטשאַנעס וועלן דיך צערייסן.

און איך הער אים מיט איין אויער. איך שטיי שוין אויף דער שוועל, און איידער איך עפן די טיר, טראכט איך מיר:

ריבונו־של־עולם, זיי דו מיט מיין צונג! לערן דו מיר, וואָס צו זאָגן, איך זאָל טרעפן צו איר הארץ!

און ווי איך טראכט אזוי, קריג איך פּלוצים א גרויסן ביטחון, אז פריער גאָט און דערנאָכדעם איך, וועל זי ראטעווען, און איך גיב אָן עפן אויף די טיר, און ווי זי דערזעט מיך, גיט זי א געשריי: געוואלד! אז די פּיס האָבן אָנגעהויבן אונטער מיר צו ציטערן!

איך מאך מיר אָבער נישט דערפון און גיי גלייך צו איר צו.

די טיר האָב איך הינטער זיך פארמאכט; וואָס דארף ער דאָרט צוהערן, וואָס איך וועל זאָגן? טאָמער וויל איך רעדן אויף זיין אמונה.

און צו איר ווינק איך: שאַ, שאַ!

— איך וועל דיר, זאָג איך, חס־ושלום, גאָרנישט טון! עס וועט דיר, חס־ושלום, קיין האָר נישט געקרימט ווערן!

זעט זי דאָך, אז איך רעד מיט איר ווייכע דיבורים, און קיין פּנים פון קיין גזלן האָב איך נישט, פארשווייגט זי און זעצט זיך אוועק. קוק איך אזוי אויף איר, א מיידל פון א יאָר זעכצן־זיבעצן, מילך און בלוט, און זי זיצט אזוי פאר מיר און לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ און פּינטלט, זע איך, מיט די אויגן, און האלט זיך איין מיט אלע כוחות נישט ארויסצולאָזן קיין געוויין.

„סימן־טוב ומזל־טוב", טראכט איך מיר. איך וויל דאָך אָבער וויסן, אין וואָס עס גייט, הייב איך ווייטער אָן מיט ווייכע דיבורים.

איך בין דיינס א קרוב, זאָג איך, דיינס א נאָענטער קרוב (פאר

אזא ליגן וועט מען מיך אויף יענער וועלט נישט הענגען ביי דער צונג), האָב איך, זאָג איך, טאַקע רחמנות אויף דיר.

א יונג מיידל, זאָג איך, א נאַריש מיידל, פאַלט איר עפּעס איין, טוט זי. דערנאָך רייסט מען פון זיך שטיקער.

הייבט זי אויף מיר די אויגן מיט אזא צער, אזא פּחדיקן צער, אז עס נעמט ביים האַרץ.

וואָס קאָן דאָס זיין? קלער איך.

— צי גלייבסטו טאַקע, אז יענץ איז בעסער?

שאָקלט זי דעם קאָפּ אויף ניין.

— האָסטו זיך, חס־ושלום, אין איינעם פון זיי פארליבט? הייננטי־קע צייטן, טראַכט איך, איין ייד אין דאָרף.

ווייטער ניין.

— מען האָט דיך אַרויסגעגנבעט?

— אויך נישט.

— וואָס דען?

וויינט זי בדמעות שליש, און דערציילט מיר אזא מעשה:

א שלעכטע שטיפמוטער האָט זי.

צרות־צרורות האָט זי פון איר.

קיין גלייך וואָרט האָט זי נאָך נישט געהאַט פון איר.

און דאָס ברויט האָט זי באַהאַלטן, פאַרשלאָסן דאָס ברויט און דאָס מיידל האָט געהונגערט! און ליבל — גאָרנישט!

ווו זענען זיינע אויגן געווען, ווייס איך נישט! א כלה־מיידל, האָט מען זי געלאָזט אַרומגיין נאַקעט און באָרוועס, קיין פרישע העמד אויף שבת נישט אַרויסגעגעבן! סוכות, פּסח — פאַר קיין גראָשן נישט געמאַכט.

און וועגן א תכלית קלערט מען גאָרנישט.

צוויי זין און א טאָכטער האָט ער חתונה געמאַכט: ליבל איז, קיין עין־הרע, א ייד אן עושר, געגעבן צו טויזנט רובל נדן, לייטישע חתונה־קליידער געמאַכט — נאָר דעמאָלט האָט נאָך א מאַמע געלעבט! היינט, דערציילט זי, נעבעך, אז עס קומט א שדכן, — דער פאָטער איז פאַריאָגט שטענדיק אויף פערד און ביטקע — שאַפט אים די שטיפמוטער אָפּ מיט גאָרנישט! גיט אים א טרונק בראָנפן און גיי ווייטער!

איינמאָל האָט זיך געטראָפן אזא מעשה:

די שטיפמאַמע האָט איר דערלאַנגט אין באַק.

איין מאָל און דאָס צווייטע מאָל, א פארביטערט הארץ האָט דאָס מיידל געהאט, האָט זי איר אָפּדערלאנגט.

ביינאכט, אז לייבל איז אהיימגעקומען, אויסגעהערט פון דער שטיפ־מאמע די מעשה פון איר צד, אזוי ווי זי האָט דערציילט; דאָס מיידל איז שוין געלעגן אין בעט, פרעגט ער זי נישט איבער, רעדט נישט קיין וואָרט, גייט צו צו דער שוועל, טוט אויס די שטיוול, גייט צו צום מיידלס בעט און הייבט אָן שלאָגן! און נישט מיט דער כאָליעווע, נאָר דווקא מיט דער צווייטער זייט, און ווו ער האָט געטראָפן.

דאָס מיידל האָט עס איבערגעקרענקט.

און אז זי האָט דערזען, אז דער פאָטער האָט אויך אויף איר קיין רחמנות נישט, וועגן א תכלית קלערט מען נישט, איז איר איינגעפאלן — שמדן זיך! פארטרויט האָט זי זיך פארן שרייבער, וואָס פלעגט אריינקומען צו לייבן, און ער האָט זי אהערגעבראכט.

און אזוי רעדנדיק, פאלט איר ארונטער דער קאָפּ, עס ווערט איר, לא־עליכם, נישט גוט, זי הייבט אָן חלשן...

וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן? אז זי האָט פון נעכטן נישט געגעסן! דאָס הארץ האָט איר געזאָגט, אז זי איז נאָך נישט פארפאלן, אז גאָט קאָן איר נאָך העלפן, און זי האָט נישט טועם געווען נישט ביים שרייבער, נישט ביים קאנאָניק, קיין פת־עכו״ם, אפילו קיין ווארעמע וואסער אין מויל נישט געהאט.

ברענג איך איר א גלאָז וואסער.

מילא — זע איך דאָך, מיט וועמען איך האָב צו טון, מיט א כשר קינד! אַ יידישע טאָכטער, זי זוכט, נעבעך, א תכלית — גיב איך איר מיין ערלעך וואָרט און שווער איר ביי די ציצית, אז אויב זי וועט זיך לאָזן אַ ארויסנעמען, מאכט מען איר חתונה כיד המלך.

פאלט זי מיר צו די פיס און הייבט מיר אָן קושן די שיך.

פון וואנען, מיינט איר, פאָר איך אַצינד?

פון מיידלס תנאים.

באותו הלילה האָט מען דאָס מיידל ארויסגעצויגן דורך א פענצטער; איך האָב זי גלייך אָפּגעפירט צו שפרינצע־ביילען, לייבל מיט זוגתו זענען דאָרט געווען.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן?

האָט דער ייד געטאנצט פאר שימחה! האָט דער ייד געגאָסן מיט

הייסע טרערן פאר פרייד, האָט די שטיפמאַמע געכאַפּט דאָס מיידל און גע־האַלדזט און געקושט און טויזנטער מאָל די הענט איר געקושט, און שפּרינ־צע־ביילע האָט אָפּגעקאָכט א וועטשערע, אָבער א וועטשערע!

וואָס זאָל איך אייך זאָגן — שימחת בית־השואבה!

און וואָרט האָב איך געהאַלטן.

באותו הלילה האָט לייבל איינגעלייגט ביי מיר א שטר־חוב־קוויטל אויף צוויי טויזנט קאַרבוינים, צוזאַמען נדן מיט חתונה־הוצאות, און בגדים, ווי עס דאַרף צו זיין, צוגעזאָגט קעסט. די שטיפמאַמע האָט אוועק־געגעבן איר גאַנצע צירונג, שמעלקע האָט איינגעלייגט ביי מיר הונדערט רובל וואָס ער האָט געוואָלט געבן אויף וויים איך וואָס, פאַר דער כלה דרשה־געשאַנק. —

און מען איז אהיימגעפאָרן — איין לעבן. —

און היינט זענען די תנאים געווען, שיינע תנאים, אַן אמתע שימחה! און א ווילער חתן!

פאַרשטייט זיך פון וויים, פון טיף רוסלאַנד ערגעץ; נאָר א יונג מיט ביינער, א בן־תורה אפילו — טריינע־ביילע און שפּרינצע־ביילע (זיי היימן ביידע נאָך איין באָבען) האָבן זיך נישט וואָס צו שעמען.

אפילו איך, ברוך־השם, אויך נישט.

און דאָס אַלץ האָט געמאַכט, וואָס? חשיבות ביים קאַנאָניק! אַן אַנדערן וואָלט ער רוק און לענד געבראָכן.

און ווייסט איר, וואָס איך וועל טון?

איך האָב מיר א נדר געטון, איך קום אהיים, גיי איך נישט אין שטוב אריין, און פאָר מיר גלייך מיט דער דראָזשקע דורך דעם מאַרק, מיין טריינע־ביילע קוקט מיך אוודאי אוים און וועט מאַכן גרויסע אויגן, מאַכט נישט אוים! איך וועל גלייך פאַרפאָרן צום בית־עולם, גיין אויף דער מאַמע, עליה־השלום, קבר, און אָנזאָגן איר די בשורה, אַז ביי לייבלס טאָכטער איז תנאים געווען!

און עס קומט איר! פריער גאָט און דערנאָך איר זכות... ווען נישט זי, וואָלט איך אפשר געהאַט אזא דעה ביים קאַנאָניק, ווי איר.

אַ קלעזמער טויט

א סקעלעט ליגט אין בעט. א סקעלעט איבערגעצויגן מיט א געלער, דארער, טרוקענער הויט; מיכל קלעזמער שטאַרבט אוועק. נעבן אים אויף א קאסטן זיצט מירל, זיין ווייב, מיט געשוואָלענע אויגן פאַר געוויין. אין ענגן שטיבל זענען צעשפּרייט זייערע אכט זין, אלע — קלעזמער. שטיל, קיינער רעדט נישט צום צווייטן; עס איז נישטאָ פון וואָס צו רעדן. דער דאָקטאָר האָט שוין לאנג אוועקגעמאכט מיט דער האַנט, דער רופא אויך, אפילו ראובן פון הקדש, דער אמתער מומחה, האָט אויך געהייסן שרייבן דריי פּ'ען... קיין ירושה וועט נישט זיין, די חברה־קדישא וועט געבן תכריכים און א קבר, די חברה־נושאים — וועט נאָך צוגעבן אַ טרונק בראָנפן... אַלץ איז אָפן און דייטלעך, נישטאָ פון וואָס צו רעדן. איין מירל וויל זיך נישט אונטערגעבן!... זי האָט נאָך אַלעם ערשט אויפסניי גאָר געוואַלדיק איינגעריסן די שיל. אַצינד קומט זי ערשט פון קברים מעסטן. זי האַלט זיך אירס — — „ער שטאַרבט דורך די קינדערס זינד. זיי זענען נישט פרום, הולטאיען, דעריבער נעמט זיי גאָט, ב"ה, דעם טאטן צו"... „די קאַפּעליע פאַרלירט די קרוין; עס וועט שוין קיין שום חתונה קיין פּנים נישט האָבן, עס וועט ביי קיין ייד שוין קיין אמתע שמחה נישט זיין".

גאָטס רחמנות איז דאָך גרויס. מען דאַרף שרייען, בעטן, וועקן! און זיי, די קינדער, די קלעזמער־יונגען, „האָבן גאָר קיין רחמנות נישט, גייען אָן לייבצודעקלעך"... ווען נישט די גרויסע זינד, האָט זי א פעטער — א שוחט, אין הימל; ער מוז דאָרטן זיין גאָר דאָס אייבערשטע פון שטיבל, ער וואָלט איר נישט אָפּגעזאָגט! ביים לעבן, זיכרונו־ליברכה, פלעגט ער זי שטענדיק גלעטן... ער איז איר אַוודאי היינט אויך נישט שלעכט. ער וואָלט זיך געמיט, ער וואָלט אַלץ געטאָן... נאָר די זינד — שרייט זי — די זינד! „מען פאָרט אויף גוייִשע בעלער, מען עסט דאָרט ברויט מיט פּוטער, גאָט ווייסט וואָס נאָך!... אָן ארבע־כנפות... ער וועט

דאָך נישט דורכבּרעכן קיין מויער... ער טוט אוודאי זיינס... אוי. די זינד, די זינד!"

די זין ענטפערן נישט, זיי קוקן אראָפּ אויף דער ערד; יעדער אין זיין ווינקעלע.

— עס איז נאָך צייט! — כליפּעט זי, — קינדער! קינדער! געוואַלט, קינדער! תשובה טוט!

— מירל, מירל, — רופט זיך אָן דער קראַנקער, לאָז געמאַך, מירל, עס איז שוין פאַרפאַלן, איך האָב שוין מיינס אָפּגעשפּילט, מירל. הער אויף, איך וויל שטאַרבּן!

מירל ווערט אונטערגעצונדן:

— „אַ רעכטע, שיינע, ריינע!... שטאַרבּן וויל ער, שטאַרבּן! און יעך, און מעך... ניין, איך וועל דיך נישט לאָזן שטאַרבּן, דו מוזט לעבּן... דו מוזט... איך וועל אַזוי שרייען, אַז עס וועט נישט קאָנען קומען צו יציאת־נשמה!" עס זעט אויס, אַז אין מירלס האַרץ האָט זיך געעפנט אַן אַלטע, נישט פאַרהיילטע וווּנד.

— לאָז געמאַך, מירל, — בעט זיך דער קראַנקער — מיר האָבּן זיך ביידע שוין גענוג אָנגעשאָלטן ביים לעבּן... גענוג... פאַרן טויט פּאַסט נישט אַזוינס... אוי, מירל, מירל, א י ך האָבּ געזינדיקט, ד ו האָסט געזינדיקט... נאָר אַן עק!... שווייג בעסער! איך פיל כסדר, ווי דער קאַל־טער טויט קריכט מיר אַרויף פון די שפּיץ פינגער פון די פיס ביז צום האַרץ, עס שטאַרבּט אַ צאָל נאָך אַ צאָל... שריי נישט, מירל... עס איז גלייכער אַזוי!

— ווייל דו ווילסט מיינער פּטור ווערן, — פאַלט אַריין מירל אין די רייד, — אוי, דו האָסט שטענדיק געוואָלט פּטור ווערן, — וויינט זי ביטער — שטענדיק! די שוואַרצע פּעשע איז דיר נאָר געלעגן אין האַרץ... דו האָסט שטענדיק געזאָגט, אַז דו ווילסט שטאַרבּן... ווי צו מיינע יאָר... ער טוט אָפּילו אַצינד קיין תשובה נישט... אַפילו אַצינד... אַצינד...

— נישט נאָר די שוואַרצע פּעשע, — שמייכלט ביטערלעך דער קראַנקער, — עס זענען אַ סך שוואַרצע פּעשעס געווען, און ווייסע אויך, און געלע אויך... נאָר דיך, מירל, האָב איך קיינמאָל נישט געוואָלט פּטור ווערן... אַ מויד איז אַ מויד, דאָס איז שוין אַ קלעזמערישע זאַך... עס ציט ווי אַ בלאָטער, עס איז עפּעס אַ מין טשעקאַוואַשטש... אַ ווייב איז דאָך אַ ווייב! דאָס זענען צוויי גאָר אַנדערע זאַכן... געדענקסט, אַז די־

שווארצע פּעשע האָט דיר גערעדט א שלעכט וואָרט, האָב איך זי אינ־מיטן גאס אויסגעטשאַסקעט אויף אַלע זייטן...

— שווייג שטיל, מירל! א ווייב איז א ווייב! אויסער, — אז מען גט זיך... אויך — טוט ווי דאָס האַרץ... גלייב מיר, מירל, איך וועל בענ־קען נאָך דיר... נאָך אייך אויך, קינדער! איר האָט מיר אויך גענוג צרות אָנגעטאָן, נאָר גאָרנישט... דאָס ליגט שוין אינעם פּידעלע — אינעם קלעזמער־לשון... איך וויים, איר האָט מיך נישט ערלעך געהאַלטן, דאָך ליב געהאַט, אַז איך האָב אַמאָל געטון אן איבעריקן טרונק בראָנפן, האָט איר געוואָרטשעט „שיכור"... מען טאָר נישט אזוי, א טאַטן טאָר מען נישט... מילא... איך האָב אויך געהאַט א טאַטן און האָב אים אויך נישט בעסער באַהאַנדלט... נאָר אַן עק פון דער זאַך!... איך בין אייך מוחל...

ער איז מיד געוואָרן רעדנדיק.

— איך בין אייך מוחל, — האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעהויבן נאָך א פּאָר סעקונדן. ער האָט זיך אביסל אונטערגעהויבן אויפן בעט און באַ־טראַכט דעם עולם...

— זע נאָר, — זאָגט ער פלוצלינג, — די ביקעס! אריינגעשלאָגן די אויגן אין דר'ערד אריין, גלייך עס קאָן קיין צוויי נישט ציילן!

— האַ? פּאַרט א שאָד א טאַטע! כאָטש א שיכור, האַ?

דער יינגסטער זון האָט אויפגעהויבן די אויגן. אין דער אייגענער רגע האָבן אים די ברעמען אָנגעהויבן ציטערן, און ער האָט ארויסגעלאָזט א געוויין. די רעשט ברידער זענען אים נאָך. אין א מינוט ארום איז דאָס גאַנצע פיר־איילנדיקע שטיבל פול געווען מיט יללה...

דער קראַנקער האָט געקוקט און געשעפּט נחת.

— נו, —מאַכט ער ראַפּטום מיט א פרישן כוח, — גענוג! איך האָב מורא, עס וועט מיר צופיל א שאָד זיין! גענוג, קינדער, פאָלגט א טאַטן;

— רוצח! — שרייט מירל, — רוצח, לאָזן זיי וויינען, זייערע טרערן קאָנען העלפן, ריבונו־של־עולם...

— שווייג, מירל, — האַקט איר דער קראַנקער איבער, — איך האָב דיר שוין געזאָגט, איך האָב מיינס אָפּגעשפּילט... גענוג... ע! חיים, בערל... יונה... אַלע! הערט! געשווינד, נעמט די כלים!

אַלע גלאָצן אויס די אויגן.

— איך היים, — מאַכט דער קראַנקער, — איך בעט אייך! טוט מיר צוליב, נעמט די כלים און קומט צו צום בעט!

די קינדער האָבן געפאָלגט און ארומגעשטעלט זיך ביים בעט; דריי פידל, איין קלאַרנעט, א באַס, א טראָמפּייט...

— לאָז מיך הערן, ווי די קאַפּעליע וועט שפּילן אָן מיר... — מאַכט דער קראַנקער.

—מירלשי, איך בעט דיך, רוף דערווייל אריין אונדזער שכן.

דער שכן איז געווען דער שמש פון דער חברה־נושאים. מירל האָט נישט געוואָלט לכתחילה גיין, נאָר ער האָט אויף איר געקוקט מיט אזא מין געבעט, אז זי האָט אים געמוזט פאָלגן. שפּעטער האָט זי דערציילט, אז דער „מירלשי" און דער קוק פארן טויט זענען געווען גאָר להבדיל די אייגענע ווי באַלד נאָך דער חופּה... „איר געדענקט, קינדער, מאַכט זי, זיין זיס קול און זיינע אויגן!"

דער שמש פון דער חברה־נושאים איז אריינגעקומען, ער האָט גע־וואָרפן אן אויג אויפן חולה און געזאָגט:

— זייט מוחל, מירל, רופט אריין א מנין.

— מען דאַרף נישט, — רופט זיך אָן דער קראַנקער, — וואָס טויג מיר א מנין? איך האָב מ י י ן מנין, מיין קאַפּעליע! גיי נישט, מירל, איך דאַרף נישט קיין מנין...

און אויסדרייענדיק זיך צו די קינדער, מאַכט ער:

— הערט, קינדער... שפּילט אָן מיר, ווי מיט מיר, שפּילט גוט... זייט נישט קיין שקצים אויף אָרעמע חתונות... האַלט ערלעך די מוטער, און אַצינד — שפּילט מיר אָפּ די ווידוי... אונדזער שכן וועט פאַרזאָגן...

און — די פיר־איילנדיקע שטוב איז געוואָרן פול מיט מוזיק.

דער עפּל

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ באַנקיר)

די אלטע פעלקער פלעגן זיך פאָרשטעלן ווונדערלעך צוזאמענגעזעצטע ברואים, האלב מענטש, האלב פיש, א פערד — מיט פליגל פון אַן אָדלער, א קעלבערדיקן קאָפּ מיט אַ שלאַנגען־עק... צי ווערט היינט אַנדערש געפּאָרט?

צום ביישפּיל, איך און מיין ווייב פּילאָמענע!

איך בין בריק־באָג עט קאָמפּ. און זי — פּי־לאָ־מע־נע! דער נאָמען אליין איז גענוג!

מיט א וואָרט, מיט א מאך מיט דער האנט, מיט איין שטריך פון דער פעדער, טראָג איך איבער טויזנטער קאָרץ ווייצן, טויזנטער צענטער מעטאלן, טויזנטער וואַגאָנען קוילן פון איין עק וועלט אין דער צווייטער! איך זיץ דאָ און מיין נעץ איז פארשפּרייט אויף בערלין, פּאריז און לאָנדאָן, אין ניו־יאָרק אפילו קלינגט מיין נאָמען! אז איך גיב א טופּ מיטן פוס, ציטערט די בערזע, פאלן באַנקירס, ווי פוילע עפּל! דאָס בין א י ד, און זי קושט בלומען און וויינט פאר דער לבנה!

אמת, א פּאָר?

און ווער האָט אונדז געפּאָרט? אַ בערלינער פּראָפעסאָר האָט מיר געזאָגט, אז יעדער מענטש באַזונדער אנטוויקלט זיך פּונקט אזוי, ווי די גאנצע מענטשן־וועלט. דעמאָלט האָב איך געלאכט: פון וואנעט ווייסט דער פּראָפעסאָר, ווי אזוי די מענטשן־וועלט האָט זיך אנטוויקלט? היינט זע איך — עס איז אמת... מיט פופצן יאָר צוריק בין איך באמת א ווילדער מענטש געווען...

איר וועט גלייבן? איך האָב אפילו פּאָעטיזירט... אייגנטלעך האָב איך אַרויסגעשלעפּט אַביסל פון דאנען, אַביסל פון דאָרט, נאָר פּאָעטיזירט האָב איך... אויגן, ווי די שטערן, ווי בלימלעך, ליפּן, ווי קארמעלקעס און נאָך אזוינע נארישקייטן... איך האָב אפילו איבערן בעט מיר

אויפגעהאַנגען א פּיסטאָלעט, וואָרום טאָמער זאָגט זי „ניין"? נו, ווי אזוי לעבט מען, ווי אזוי ווייזט מען זיך אויף דער גאס?

און היינט? זע איך א קניפּל צעיאָרענע נערוון, קעלבערנע גרויסע אויגן... מיט דער צייט איז נאָך צוגעקומען אביסל רויטס און ווייס און אביסל גאָלד אין די ציין אריין — און דאָס אלץ צוזאמען איז פּ י ל אָ־מ ע נ ע!

איך האָב דאָך ביי איר קיין קאָפּיקע נישט גענומען!...

א חלום, נאָר א ט י י ע ר ע ר חלום איז עס געווען! פּי! פּי!

נאָר „טייערער" איז וואַנצן! בריק־באָג עט קאָמפּ. קאָן זיך אזוינס דערלויבן. און ווען באמת „א יי ב י ק ע ליבע", וואָלט עס גאָר קיין שלעכט געשעפט נישט געווען! פּילאָמענע אליין אַרט מיך נישט. איך גיי מיר מיין וועג — פּאַרדאָן — איך פאָר מיר אויף גומי־רעדער מיט ווייסע אראבער מ י י ן וועג, און זי בלאָזט זיך קעגן דער לבנה איר וועגס! דאַרף מען, מאכט זי דעם האָנער אין סאַלאָן, ווי אן אמת געבוירענע גרעפין... ביינאכט, ביי עלעקטרישער באלייכטונג און נאָך שאמפּאניער, געפינען זי טייל נאָך היינט פּיקאנט און נישט איינעם קומט די סלינע אין מויל אריין!

נאָר — וואָס וועט ארויס פון טראָנפּאָלגער, פון י ו נ ג ן בריק־באָג עט קאָמפּ.?

וואָס פאר א בריאה וועט ארויס פון אלטן בריק־באָג עט קאָמפּ. מיט דער אייביק יונגער פּילאָמענע?

הו! א קעלט גייט מיר דורך די ביינער, אז איך דערמאָן מיך, ווע־מען איך לאָז איבער דאָס הויז! נישט איינמאָל חלומט זיך מיר, אז אלץ פאלט צוזאמען, אלץ, אלץ, און איך כאַפּ מיך אויף באדעקט מיט קאלטן שוויים!

נעכטן האָב איך אים א נאָוואַליע געבראַכט, א שיינעם עפּל.

— אָך, ווי שיין איז דער עפּל! — צאַפּלט ער.

איך דערצייל אים, אז ער איז געבראַכט פון איטאַליע און קאָסט דרייסיק קאָפּיקעס.

ער הערט מיך נישט, און רופט די מוטער און ווייזט איר „ווי שיין, ווי פּראַכטפול־שיין דער עפּל איז". הונדערטער ווערטער האָט ער געהאַט פאַרן שיינעם עפּל, און די אויגן האָבן אים געגלאַנצט, געפלאַקערט!

— ווירקלעך שיין, — מאכט פילאָמענע מיט איר זיסער שטימע.

— אָ, עס! — זאָג איך.

— ניין! — מאכט ער — ניין!

דער עפּל איז צו שיין, דער עפּל, זאָגט ער, לעבט. עס וועט אים זיין טאָן, אז ער וועט אַריינבייסן!

— נאַר, — ווער איך בייז, — דער עפּל לעבט נישט, עס וועט אים נישט וויי טון.

— ניין, ער לעבט! ער האָט אַליין געזען, ווי עפּל וויינען, אז מען בייסט זיי, אָדער אז מען שניידט זיי מיט אַ מעסער! ד ע ם עפּל וועט ער עס נישט טון!

— נאַר, עס! — ווער איך בייזער.

— ניין, ניין, ניין!

ער וועט דעם עפּל קיינמאָל נישט בייסן! אייביק, אייביק וועט ער אים האַלטן ביי זיך (ער האָט אים צום האַרצן צוגעדריקט). ער האָט דעם עפּל ליב באַקומען! אייביקע ליבע!

— נאַר, אז דו וועסט אים צו דער צייט נישט אויפעסן, וועט ער פאַרפוילט ווערן!

די ווערטער האָבן אים שווער געטראָפן! ער האָט אַ ציטער געטאָן, איז בלאַס געוואָרן און מיט טרערן אין די אויגן צוגעלאָפן צו דער מוטער, באַהאַלטן דאָס בלאַסע געזיכט אין איר שויס.

— אמת, — שטאַמלט ער, וויינענדיק, — אמת... דער עפּל לעבט שוין נישט... מען האָט אים אָפּגעשניטן פון בוים...

און זי האָט אויך טרערן אין די אויגן... זי גלעט אים די האָר און די האַנט ציטערט איר.

— גאָט, — טראַכט איך, — זאָל איך אַ סקאַנדאַל מאַכן ? !

— נאַר, — שריי איך אין איין כעס! — מען זאָל דעם עפּל נישט אָפּרייסן, וואָלט ער אַליין אַראָפּגעפאַלן!

און ער האָט זיך ערשט צעוויינט אויף אַ קול!

וויים איך, וואָס זי טוט מיט א י ם ? וואָס זי זאָגט אים? וואָס זי רעדט אים איין? וויל איך אים אוועקשיקן, — חלשט זי!

גאָט, גאָט, וואָס וועט אַרויס פון אים!

פילאָמענע האָט מיר אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אין קאַבינעט.

וואָס איך האָב פון איר געמאַכט, זאָגט זי, איז שוין פאַרפאַלן, זי וויל, איך זאָל, ווייניקסטנס, אויפן קינד רחמנות האָבן!

געפעלט אייך דער פּלאַן?!

— האָסט חרטה? — פרעג איך זי.

— וואָס העלפט חרטה? — ענטפערט זי טרויעריק און פאַרחלשט,

— האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז דער עפּל מוז שטאַרבן, מוז אָפּגעריסן ווערן פון בוים...

— דאָך וואָלסטו געוואָלט אַנדערע הענט. —

זי האָט נישט געענטפערט, איז אַרויסגעשוואָומען פון שטוב און איבערגעלאָזט עפּעס אַ מאַטן זיס־זויערן ריח...

נאָר וואָס וועט זיין פון אים? פון טראַנספּאָרטער? פון יונגן בריק־באָג עט קאָמפּ.?

ס׳הערצל צאַפּלט

פּריילן מאריע איז געווען האלב ראָמאַנטיש, האלב פּראַקטיש און איינגאַנצן אַ גאַנץ שיין מיידל; אַביסל פּיאַנע, אַביסל פראַנ־צויזיש; געשמאַקפול געקליידט, אַן אויפגעריסן נעזל, און אויגן, וואָס זענען אַמאָל העל און אַמאָל טונקל־בלוי געווען.

איינמאָל האָט זיך איר געחלומט אַ זעלטענער חלום.

זי האָט געזען פון הימל אַראָפּהענגען אַ וואָגשאָל. זי האָט זיך גע־וואַקלט אַהין און אהער, נישט געפינענדיק קיין גלייכגעוויכט —

און וואָס איז געלעגן אין די שאָלן?

צוויי מלאָכים האָבן אויף זיי געשיט און געשיט...

אין איין זייט — אַ שווארצער מלאָך (אין צילינדער אין פראַק) האָט געשיט פּערל, בריליאַנטן און גאָלד.

אין דער צווייטער זייט — אַ ווייסער פארקלערטער מלאָך — טרערן, זיפצן און לידער...

אויפן צינגל אינדערהייך איז געווען אויפגעשטאַכן איר אייגן הערצל... זי האָט עס באַלד דערקאָנט...

און עס האָט געצאַפּלט און געוואָרפן זיך איר הערצל און אַלע מאָל זיך צוגעבויגן צו אַן אַנדער וואָגשאָל...

„וואָס ווילסטו הערן?
געלטער קלינגען,
לידער זינגען, —
ווילסטו פּערל אָדער טרערן?"

אַזוי זינגען די מלאָכים, און דאָס הערצל צאַפּלט און ווייס נישט, וואָס צו קלייבן. —

ראַפּטום איז זי געפאַלן אויף א שכל (אונדזערע דאמען האָבן אין חלום אויך שכל!) זי איז ארויפגעשפּרונגען רייטנדיק אויף דער וואָגשאָל מיט די פּערל, בריליאַנטן און גאָלד, און נישט אַראָפּגעפאַלן האָט זי זיך, תוך־כדי־דיבור, מיטן קאָפּ געוואָרפן אויף דער צווייטער וואָגשאָל...

דאָס ג ע ז ע ס איז געווען אויף גאָלד, זילבער און בריליאַנטן, דער ק אָ פּ — אויף טרערן, זיפצן און לידער; נאָר דאָס הארץ האָט א י י ב י ק, א י י ב י ק געצאַפּלט א י נ ד ע ר מ י ט...

אויך אַ קרבן

אַ מעשה

(ווי אַזוי אַ פרוש, אַן אַלטער מיט אָפּגענומענע פיס,
איז געפאַלן אין קלויז בשעת מילחמה.)

אַ קלויז־זיצער איז ער שטענדיק געווען, אַ תם אַ קלויז־זיצער... נאָר אַ דירה געהאַט, און אַ רווישנדיקע דירה מיט זין און שניר, טעכטער און איידעמס. פאַרן גערויש פלעגט ער טאַקע אַנטלויפן פון דער היים און אָפּזיצן גאַנצע טעג אין קלויז איבער אַ ספר. דאָס הויזגעזינט האָט געשפּייזט זיין אישה חנהלע פון שפּייז־געוועלב...

פיר ווענט האָט דאָס שטעטל אין דער וועלט אַריין: אין צפון־זייט אַ בריק איבערן וואַסער. מזרח און מערב — אַ שאָסיי, וואָס לויפט איבער דער שטאָט, דורכשניידנדיק דעם מאַרק. אין דרום־זייט — אַ פּוילישן שליאַך. און אויף די אַלע פיר ווענט זענען אים איינציקווייז די קינדער אין דער וועלט אַריין... דערנאָך חנהלע אָן אַ וועג צום בית־עלמין... אַ קרובה האָט זיך אין שפּייז־געוועלב געשטעלט און אים געשפּייזט... דערנאָך האָט אים עפּעס די פיס אָפּגענומען, הילצערנע פיס באַקומען. דאָס ביסל סחורה אין שפּייז־געוועלבל האָט זיך אויסגעלאָזט, און דער באַלעבאָס פון הויז, אַ ייד מיט אייזערנע הענט, האָט אים גענומען מיטן געלעגער און געטראָגן אין קלויז אַריין און געלייגט אויף אַ באַנק הינטערן אויוון; מילא, ער האָט די דירה באַדאַרפט... און קיין רעה האָט ער אים נישט געטאָן... די קלויז האָט אים געהאַלטן בכבוד. זעלטן אַ טאָג, למשל, אַ יריד, אַ טאָרג — אַז מען האָט אָן אים פאַרגעסן. די ייִנגלעך פון קלויז — ווײַלע בחורים האָבן איבער אים מישמורות געמאַכט. יעדן טאָג האָט אַ מישמור פון צוויי ייִנגלעך אינדערפרי, אַראָפּגענומען אים פון געלעגער הינטערן אויוון צום כיור און אָפּגעגאָסן די נעגל און פון כיור צו דער דרום־וואַנט ביים פענצטער און דערלאַנגט אַ ספר אין דער האַנט אַריין... „טעג" האָט מען

אים פון שטעטל געשיקט, אויך א מישמר געמאכט... אזוי פלעגט ער זיצן גאנצע טעג, קוקן אין ספר אריין און רעדן מיט די, וואָס זענען נעגטער צוגעקומען... מען פלעגט אמאָל פון שטאָט זיך אַן עצה האלטן... א זקן און בן־תורה און „אויסגעטוטענער"...

לעצטנס האָט מען אים אָנגעהויבן צו פארגעסן...

רעדלעך האָבן געראַשט: מילחמה, מילחמה.

זייער דאגה: מילחמה...

דערנאָך: היי און האָבער, ווארעמע זאכן, רובלס, מאַרקן, קראָנען...

זייער באַבעס דאגה...

אצינד זעט ער, זיצנדיק ביים פענצטער, ווי דאָס גאנצע שטעטל לויפט... אַנשים, נשים וטף... אַלע לויפן און אויף איין וועג...

אַז עס איז פארטאָג אויפגעשפרונגען די בריק איבערן וואסער פון צפון־זייט, זענען די יינגלעך, וואָס האָבן אים אויפגעהויבן און נאָר־וואָס געזעצט, אנטלאָפן און אים אפילו קיין ספר אין האנט אריין נישט געגעבן — האָט ער געמאכט: „שכוחו וגבורתו" איבער א דונער, א שטאַר־קער דונער געווען...

צו שחרית איז קיינער נישט געקומען... אצינד לויפן זיי... וואוהין? ער מוז אָבער צוריק אויסדרייען דעם קאָפּ צו דער קלויז. רירן קאָן ער זיך נישט, און דער אויסגעדרייטער האלדז טוט שוין שרעקלעך ווי... און קיין ספר אין דער האנט אריינצוקוקן האָט ער נישט, און עפּעס קלערן קאָן ער אויך נישט. ביים קלערן איז ער געוווינט די באָרד צו צופּן. און אָן א ספר האָט ער נישט ווו די האָר פון דער באָרד אהינצוטון. כאַפּט ער איין האנט אין דער צווייטער, פארפלעכט די פינגער פעסט, וואָס עס וועט זיין — וועט זיין... און אין אַלטן מוח קריכן דאָך אַרום געדאנקען. אַליין... פון זיך.

פארגעסן האָט מען אים אצינד אינגאנצן...

וועט אים אויסקומען, הייסט עס, אויסצוגיין... איז נאָר א קלער: פאַר הונגער צי פאַר דורשט?

אין כיור מוז נאָך זיין אביסל וואסער... קעגנאיבער אויף דער וואנט הענגט דער ערוב־תבשילין... נאָר ווו נעמט מען פיס?

סיי־ווי־סיי, פאַר הונגער צי פאַר דורשט — מיתה, און מיתה־משונה. צי קומט עס אים? אַז עס וועט קומען, קומט אים, ער געדענקט נישט פארוואָס, א בשר־ודם האָט שיכחה...

אָבער נישט אַזוי געשווינד; שמייכלט ער.

ער וועט זיך לאַנג ראַנגלען מיט אים, דעם מלאך־המוות. שני וחמישי פאַסט ער מנעוריו... לעצטנס פלעגט צוקומען נאָך אַ תענית איבער אַ וואָך, אַמאָל צוויי... ביי חנהלען פלעגט זיך עס נישט טרעפן. די שטאָט פאַר־געסט!

דער האלדז האָט זיך אָפּגערוט, ער וויל אויסדרייען דעם קאָפּ צום פענצטער, צי מען לויפט נאָך,דערהערט ער אָבער געוויש פון רעכטס און לינקס... טריט ,מענטשן־טריט, פערד־טריט... רעדער פון וועגן שווערע. עס מוז זיין חייל... פון רעכטס חייל און פון לינקס חייל... ווייט נאָך ווייט, נאָר עס ציטערט שוין די ערד... צוויי חיילות קומען זיך אַקעגן... פון איין זייט אונדזערער, פון דער צווייטער — דער שונא. פון וועלכער זייט עס קומט דער און פון וועלכער זייט יענער, ווייסט ער נישט... אָבער אינ־דערמיט צווישן צוויי חיילות איז ער... און עס קאָן זיין, אַז ער וועט אומ־קומען נישט פאַר הונגער און נישט פאַר דורשט...

ער הייבט אָן שטיל צו זאָגן ווידוי און פלוצלינג:

טראַך, טראַך!

עס האָט זיך אָנגעהויבן טרוקענע קלעפּ פון ביידע זייטן. דאָס, הפּנים, שיסט מען פון ביקסן... קוילן מוזן פליען פון איין חייל צום צווייטן. אַז מען כאַפּט נישט אוועק דעם קאָפּ... טראַך, טראַך, טראַך...

אַ ציטער פאַר שרעק איז אים דורכגעלאָפן דורך די אָפּגעשטאָרבענע קניען און אַ ציטער פון פריידיקער האָפענונג דורכן אַלטן בלוט אין די ענגע אָדערן. די פיס כאַפּן זיך. ער האָט געהערט, עס טרעפט זיך פאַר־שרעק; נאָר ביידע ציטערן זענען פאַרביי. צוריק אָפּגעשטאָרבן די פיס. און צו וואָס פחד־ ממה־נפשך — איז ער חייב־מיתה, מילא! אויב נישט...

טראַך, טראַך, טראַך... געדיכטער, פעסטער. און: בום, בום, בום! שוין האַרמאַטן. ער געדענקט, ווי האַרמאַטן זעען אויס. ווי דאָס הילכט! און עס קומט אַלץ נענטער און נענטער, אָט רירט זיך די קלויז, עס צי־טערן די ווענט, די גאַנצע קלויז פון גרונט ביזן דאַך ציטערט, וויגט זיך, וואַקלט זיך, שטיקער ציגל פאַלן אַרויס פון ווענט. אַביסל אַרויס, אַביסל אַריין, און אַלץ מער... ווען אַ ציגל טרעפט, איינער, אַ צווייטער און מער, וואָלט געווען: —

סקילה!

קומט אים סקילה? — ווער ווייסט? —

אפנים נישט. די קלויז וואקלט זיך, וויגט זיך, ציטערט אין אוויר און האלט זיך. א פארצייטיק בנין... א זעצעריי פון הרויסן. אנדערע הייזער פאלן. א מערכה — ליידיקע. די קלויז האלט! אפשר אין זכות פון ארון־קודש, פון די ספרים הקדושים, אין ארון־קודש... סיי־ווי־סיי — נישט סקילה...

טררר!

א שטיק פייער פון איבער דער קלויז האט דורכגעריסן דעם דאך און געפאלן פארן ארון־קודש. אנגעצונדן די פאדלאגעס, אלט האלץ, אנגעבאפט זיך. פייערדיקע צונגען לאזן זיך אראפ צו די טרעפלעך. אנדערע הייבן זיך און כאפן ארום די טירלעך... זיי פלאצן, פראלן אויף. די פייערדיקע צונגען כאפן ארום די מענטעלעך... כתרים פאלן אראפ אין פייער אריין. פארמעט הייבט אן ברענען. מען דארף מציל זיין די ספרים־הקדושים. נישטא קיין פיס. און זיי — אנטלאפן. אים פארגעסן, די ספרים־הקדושים פארגעסן... און די פייערדיקע צונגען שפרייטן זיך רעכטס און לינקס און אראפ אין קלויז אריין. די ספרים־שענק רעכטס און לינקס צום ארון־קודש ברענען... דאס פייער קריכט צו אים נענטער. האט ארומגעכאפט די שטענדערס... אויסגעהלבטע, זיי פלאקערן... עס גייט צום שולחן... אויך דאס זעלבע... און עס גייט נענטער...

שריפה וועט זיין! שריפה!

— בום־בום!

א נייער קלאפ אין דאך אריין!

— נישט שריפה!

עס קומט אים באשיימפערלעך נישט קיין שריפה דער דאך פון ארון־קודש ביז איבערן שולחן איז אראפגעפאלן און דאס פייער באגראבן... אבער אינעם הויפן ברענט ווייטער. פון צווישן די שטיקער סופיט גייט א רויך, א געדיכטער, און פארפולט פאמעלעך, פאמעלעך די קלויז. א סך גייט ארויס דורכן דאך: א סך בלייבט און שפרייט זיך... עס בייסט אים די אלטע אויגן אויס, א פול מויל מיט ביטערקייט, אט אטעם פארפעלט, נישט אפצוהוסטן...

— חנק וועט זיין, חנק!

נישט באשערט געווען קיין חנק.

די טיר פּראַלט אויף. א ווילדע בריאה, א קורצע נאָז, צעקאָכט־בלוטיקע אויגן אין געשויבערטן קאָפּ — אונדזוערער צי א שונא... ער ווייסט נישט...

פאַלט אַריין, חרב שלופה אין דער האַנט, א ווילד געשריי:

שפּיאָן! שפּיאָן! און —

א זעץ אין אלטן האַרץ אַריין.

וואָס „שפּיאָן" איז טייטש, ווייסט ער נישט, נאָר איינס ווייסט ער אויף זיכער, די אויגן זאָגן!

הרג — און בסייף.

באַנייט אַ תליה

אין אַ געוויסער מדינה זענען געווען, ווי געוויינלעך, געוויינלעכע מענטשן, נישט אינגאַנצן גוט און פֿרום, נישט גאָר אינגאַנצן שלעכט, נאָר אַזוי — מיטלמעסיק; איינער אַביסל ערגער, איינער אַביסל בעסער, ווי אַ מענטש און ווי אַמאָל.

און דער מלך פֿון דער מדינה איז געווען זייער אַ קלוגער שופֿט, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען, ווי אַזוי שלום צו מאַכן צווישן גאָט און לייט, צווישן לייט און לייט, און עס איז קיינמאָל נישט געקומען צו קיין שאַרפֿע שטראָפֿן. ער האָט שוין אין זיך אַ כּוח געהאַט צו שטילן דעם כּעס פֿון מענטשן: איינצוהאַלטן דעם בייזן, איבערצוורעדן דעם איינגעשפּאַרטן, און נישט נאָר וואָס אין זיין צייט האָט מען קיינעם נישט געקעפּט, נישט געהאָנגען, נאָר פֿון תּפֿיסה אַפֿילו האָט זיך די מלכּה געמאַכט אַ הינער־שטייג — קיינער איז נישט געזעסן. אַ זינדיקן מענטש פֿלעגט ער הייסן אַריינוואַרפֿן אין פּושקע פֿאַר אָרעמע לייט, שענקען אויפֿן שפּיטאָל און — גענוג.

— עס וועט קומען אַ צייט, — האָט דער מלך געזאָגט, — ווען מענטשן, קוקנדיק אויף דער תּליה, וואָס שטייט אינמיטן מאַרק, וועלן בשום אופֿן נישט פֿאַרשטיין, נאָכוואָס מען האָט אַריינגעשטעקט אין דער ערד אַזאַ קלאָץ!

נאָר דאָס זאָגנדיק, האָט דער מלך אָפּגעקרעכצט, און קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס דער קרעכץ באַדייט.

דאָס האָט אָבער באַמערקט די בת־מלכּה, דעם מלכס איין איינציקע טאָכטער, און האָט זיך איינגעשפּאַרט, דער פֿאָטער זאָל איר אויסזאָגן, וואָס ער מיינט מיטן קרעכץ.

און דער מלך האָט איר נישט געקאָנט אָפּזאָגן און האָט איר אויסגע־זאָגט בסוד סודות, אַז ער קרעכצט, ווייל ער האָט מורא פֿאַר צוויי מענטשן! די גאַנצע מדינה, זאָגט ער, קאָן מען פֿירן, ווייל דאָס זענען מענטשן, וואָס אין זיי איז דאָס גוטע מיט דעם שלעכטן אויסגעמישט, און ווען זיי קומען

צו אים, פאַלט דאָס שלעכטע אַראָפּ און דאָס גוטע קומט אַרויף... צוויי מענטשן אָבער האָט ער אין דער מדינה, וואָס איינער האָט אין זיך סאַמע גוטס אַליין און דער צווייטער רשעות אַליין. אַז די ביידע — האָט דער מלך מורא — וועלן זיך אַמאָל צוזאַמענטרעפן, וועט זיין גאַנצע חכמה נישט העלפן, וועט מען ווייטער הענגען און קעפּן.

די בת־מלכה האָט זיך פאַרטראַכט, געקלערט און געקלערט און נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער מלך מיינט.

— עט, — מאַכט זי, אַוועקוואַרפנדיק מיט דער האַנט, — פּאָרט אַן אַלטער!

איינמאָל איז אין דער עיר־המלוכה, אין דער רעזידענץ, געווען אַ גרויסער יריד און עס זענען זיך צוזאַמענגעפאָרן און צוזאַמענגעקומען אַלע מענטשן פון דער מדינה. צווישן זיי זענען אויך געווען די צוויי מענטשן פאַר וועלכע דער מלך האָט מורא געהאַט: דער גאָר גוטער, און דער גאָר שלעכטער.

און עס איז געשען אַזאַ מעשה:

אַז דער גאָר שלעכטער האָט דערזען די לערע תליה אינמיטן מאַרק, האָט ער געזאָגט הויך פאַר אַלע:

— עולם, עס איז אַ רחמנות אויף אייך! איר האָט שוין לאַנגע יאָרן נישט געזען דעם נחת, ווי פּושעים הענגען און דריגען זיך אין דער לופטן...

— אמת, אמת! — האָט אָנגעהויבן דער עולם צו מורמלען.

דאָס האָט געהערט דער גאָר גוטער און האָט זיך אָנגערופן:

— עולם, מזל מיט ברכה איז מיט אייך! גאָט און שיינע מלאכים זענען מיט אייך! איר לעבט אַזוי גוט און פרום, אַז קיינער פון אייך האָט נישט פאַרדינט מען זאָל אים הענגען.

— אמת, אמת! — האָט דער עולם ווייטער געמורמלט.

— ניין, — האָט זיך אָנגערופן דער גאָר שלעכטער, — די וועלט איז קיין הימל נישט. דאָ וווינען קיין מלאכים נישט! עס איז בלויז זינד; נאָר דאָ זענען אַזוינע פּושעים, אַזוינע רשעים, אַזוינע זינדיקע פאַר גאָט, אַז איינער האָט מורא דעם צווייטן צו פאַרקלאָגן, עס זאָלן זיינע אייגענע זינד נישט אַרויס אויף דער זון און דעריבער שטייט די תליה ליידיק!

דער עולם שווייגט, און איז אפילו אביסל אין כעס.

דער גוטער וויל אָנהייבן צו רעדן, נאָר דער שלעכטער לאָזט אים נישט קומען צום וואָרט...

— רבותים! — האָט ער ווייטער אויסגעשריען, — אויב איך זאָג נישט אמת, באַווייזט! לאָמיך זען, עמעץ פון אייך זאָל זיך פילן אזוי גוט, אזוי פרום, אזוי ריין פאר גאָט און פאר לייט, ער זאָל קיין מורא נישט האָבן און אָנווייזן מיטן פינגער, וועמען מען דאַרף הענגען! מען זאָל קיינעם נישט דאַרפן הענגען איז אומעגלעך!

דער עולם רוקט זיך צוריק, ווי דערשראָקן.

— איר זעט, פושעים! — שרייט דער שלעכטער, — איר זעט, ווי אמת מיינע ווערטער זענען! הא! נו, וועל איך אייך באַווייזן, אז איך בין ריין! אז איך האָב קיין מורא נישט!

— אָט דעם דאַרף מען הענגען! — און ער האָט אָנגעוויזן אויף גאָר דעם גוטן.

דער עולם האָט זיך נאָך מער דערשראָקן.

דער גוטער וויל ווייטער רעדן, נאָר דער שלעכטער לאָזט אים ווייטער נישט קומען צום וואָרט.

— נישט אומזיסט האָט ער אייך געלויבט! נישט אומזיסט! די תליה וויל ער אונטערברענגען! די תליה, אָן וועלכער איר וואָלט אראָפּ פון גוטן וועג און אייערע קינדער וואָלטן אָן גאָט פאַרגעסן. ווערגט אים! ווער וויל באַווייזן, אז ער איז נישט זיין קרוב, נישט זיין גואל — נישט זיין שותף, נישט זיין גלייכן, — ווער עס וויל נישט פאַרדעקן פרעמדע זינד, כדי מען זאָל זיינע אויך פאַרדעקן, דער זאָל העלפן הענגען!

און אז דער שלעכטער האָט ארויסגענומען א שטריק פון בוזעם, האָבן זיך אויסגעשטרעקט הונדערטער הענט צו הילף און אין א רגע ארום איז דער גאָר גוטער געהאָנגען...

נישט אומזיסט האָט זיך דער מלך געשראָקן — מען האָט די תליה באַנייט...

וועגן אַ שווימער, אַ דאַך־באַשלעגער און אַ פּאָרצעלייען מיידעלע

(דריי טרויעריקע געשיכטן)

פאַר אונדזערע היימיש־געבאַקענע פילאָזאָפן מאַמריסטן, דאָס הייסט פאַר די אַלע, וואָס רעדן פיל, און הערן אַזוי ווייניק, האָב איך דריי טרויעריקע געשיכטן צו דערציילן: וועגן אַן אויסטערלישן שווימער אויפן היימישן טייכל, וועגן אַ בלעכער, בעסער געזאָגט, אַ דאַך־באַשלעגער, וואָס האָט נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן קיין אויג פון דאַך, און וועגן אַ שטיקל פּאָרצעליי, וואָס מען האָט אַרויסגעוואָרפן פון אַ הויכן פענצטער...

און ראשית, דער שווימער איז אַן אויסטערלישער שווימער געווען. אַ פרייד געווען צו קוקן, ווי ער מאַכט מיט די הענט אויפן וואַסער־שפּיגל, טיילמאָל נאָר מיט די פ י נ ג ע ר פון די הענט, למשל, ביים שווימען אויפן רוקן, און טיילמאָל נאָר מיט די פינגער פון די פיס אַליין, מאַנכע פּאָליטישע מענטשן שאָקלען מיט זיי, על פּי סוד, אין די שטיוול, און דער — פראַנק און פריי איבערן היימישן טייך, וואָס פליסט שטיל און געלאַסן הינטער דער קהל־שטוב, מיט דער מיקווה, שיל און בית־המדרש צוזאַמען, און לאָזט זיך העט, העט ווייטער, פון וואַנען דאָס אַליץ זעט זיך אַרויס, ווי שוואַרצע, ציטערדיקע פינטעלעך. נאָר נישט וועגן די פינטעלעך גייט עס; וועגן שווימען, וועגן דעם גרויסן, אויסטערלישן שווימען פון אויבן, איבערן שפּיגל פון היימישן טייכל, אונטערן שפּיגל פון הויכן הימל! אַ פּעט מענטשל איז עס געווען, און ווי באַקאַנט איז פּעטס לייכטער ווי וואַסער, און דעריבער שווימען פעטע אַזוי לייכט פון אויבן, און אַז ער פלעגט נאָך אָנעמען פולע לונגען מיט לופט, פלעגט ער בלייבן שטיל אויסגעצויגן אויפן שפּיגל פון טייך; אַפילו מיט די פינגער פון די פיס נישט

געריררט! און אזוי שטיל, אזוי בשלום־ושלוהדיק: אז פון ווייטנס האט זיך געדאכט: א טויטער וויגט זיך שטיל איבערן וואסער... א דערטרונקענער שווימט צום ברעג... נאָענט ערשט האָט מען געזען, אז ער לעבט און האָט אָפענע אויגן; אָפענע בלויע, כאָטש נישט טיפן אויגן, וואָס קוקן ארויף, ארויף גלייך אין הימל אריין... און נישט נאָר אויפן רוקן שווימט ער! באַרימט איז אויך געווען זיין „קלאַפּטער": א האַנט נאָך א האַנט, אָן גערויש, אָן א שפּריץ — קוים, קוים פון אויבן דאָס וואסער געגלעט! אָדער „פּראַש־פּראָש", געשווינד, איילנדיק... נאָר דאָס פלעגט ער באַנוצן ביים אוועקשווימען ווייט, ווייט פון קהל־שטוב, פון מיקווה, שיל און בית המדרש, צו וועלכע ער פלעגט דערנאָך צוריקקומען „קלאַפּטער", אויפצו־זוכן זיינע מלבושים, צוריקצוקומען צו קהל...

מיט איין וואָרט: ש יי ן פלעגט ער שווימען. אמאָל אויך ווייט; אָבער קיינמאָל נישט טיף! אונטערטוקן זיך, אָדער ווי מען רופט עס: „נורקיווען" איז נישט געלעגן אין זיין נאַטור! ער האָט זיך איבערן טייכל ווי געגליטשט... פון אויבן, פון אויבן...

וואָס אונטן טוט זיך, ווי עס לעבט זיך אונטן, צווישן זאַמד און שליים און אָן א ליכטיקן שטראַל, — דאָס האָט אים קיינמאָל נישט אינ־טערעסירט... אונטן איז נישט שיין, אפשר גאָר — צו טיף...

אָבער בשעת ער פלעגט ארומשווימען פון אויבן, האָט אונטן נישט גערוט! גאָט ווייסט, פון וואַנען עס איז אויפן זאַמד א זאָמען געפאַלן, א לעבעדיקער זאָמען, און דערפון איז א וואסער־פלאַנץ ארויס... קיין ציטרין, קיין פּאָמעראַנץ, קיין אתרוג — דאָס מוז שטעקן אין פעטער ערד און באָדן זיך אין לופט, נאָר א קבצנישע וואסער־פלאַנץ, וואָס איז יוצא מיטן גרינעם ציטריקן וואסער־שיין און צעוואַקסט זיך אין דער נאַסער פינצטערקייט פון שעה צו שעה... און וואַקסנדיק צעשפּרייט זי זיך, פאַר־וויקלט זיך און ציטערט ביי יעדער באַוועגונג פון שטילן וואסער, און דאָך ארבעט זיך עס פּאַמעלעך, פּאַמעלעך ארויף א געמיינע, נאָר א פרוכט־באַרע וואסער־פלאַנץ... אין דער לענג און אין דער ברייט וואַקסט זי... דערפון אָבער האָט דער אויסטערלישער שווימער נישט געוווסט. און פון וואַנען? ער פלעגט זיך נישט אונטערטוקן, נישט טיפער אראָפּלאָזן, האָט די וואסער־פלאַנץ אָן זיין וויסן זיך צעוואַקסן און אָן זיין וויסן זיך גע־מערט, און אז דער אויסטערלישער שווימער האָט פּלוצלינג אָנגערירט זי מיט א פוס, איז עס נישט צו זיין גוטן געווען!

עס איז אים פּלוצלינג איינגעפאַלן: „טריט וואסער!" ער פּרוווט

און גייט טריט וואסער, און טרעפט צו דער וואסער־פלאנץ און פּאַרטשעפּעט א פּום אין עפּעס קאַלטס, ווייכס און לענגלעכעס. ער דערשרעקט זיך: פון וואנען? וואָס? קען ער דען נישט דעם טייך? און שרעק איז דער ערגסטער יועץ!... ער האָט זיך אָנגעהויבן, ארויסצוארבעטן, ארויסצעּווּקלען זיך פון די לאנגע, קאַלטע, ווייכע שלאַנגען, און האָט זיך אליין אין זיי וואָס אמאָל מער פּאַרפּלאָנטעט... וואָס מער ער האָט זיך געוואָרפן פאַר שרעק, מער פאַרוויקלט האָט ער זיך אין דער אָרעמער קבצנישער וואסער־פלאַנץ, וואָס וואַקסט פון אונטן ארויף, און אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער האָט עס אים אראָפּ און אראָפּ געצויגן... אָט זעט שוין דער הימל נישט מער פון גרויסן, ווייטן שווימער, ווי א קאָפּ; דער שיינער לייב איז שוין פאַרשוואונדן... אָט נישט מער, ווי שרעקלעכע, אָפּן־געריסענע שווימער אויגן... אָט שוין נישט מער, ווי עטלעכע לענגערע האָר, וואָס קריכן איבערן וואסער, ווי שווארצע ווערעמלעך, ענדלעך ווערט דאָס אויך פאַרשוואונדן...

אוים שווימער!

נישט בעסער האָט אויסגעפירט א געוויסער דאך־באַשלעגער, וואָס האָט זיך, נאָך יאָרן פון מי און מאַטערניש, צו א הויכער הייזל דערשלאָגן. ביליק האָט ער עס געקויפט און באַלד זיך גענומען דעם דאך צו באנייען. פאַרוואָס גראָד דעם דאך? ווייל דאָס ק אָ ן ער, דאָס איז זיין מלאכה, צו דעם ברויך ער קיינעמס האנט, קיינעמס עצה נישט!

פרעמדס האָט ער פיינט!

און אז ער האָט באנייט דעם דאך, האָט ער שוין פון אים קיין פוס און קיין אויג נישט אראָפּגעלאָזט, ער איז און מוז בלייבן דער רייכסטער, דער שענסטער און דער שטאַרקסטער דאך אין שטאָט. וואָס אין קעלער טוט זיך, איז נישט זיין זאָרג; דערויף איז ער קיין מבין נישט. וואָס עס הערט זיך נאָך טיפער, ביים פונדאמענט, איז נישט זיין זאך. אויפן דאך, אין דער העכסטער הויך, איז פאַר א דאך באַשלעגער, אזוי פריי, אזוי גוט... און א דאך פאַרלאַנגט אן אויג! ווינטער מוז ער אָפּקערן דעם שניי... קוים עס פאַלט אביסל שניי, ער שטייט שוין אויבן מיטן בעזעם! זומער צייט האָט ער נאָכמער צו טון מיטן דאך! אָט באַווייזט זיך א גרעזל (גאָט ווייסט, פון וואנען דער זאָמען דערצו האָט זיך גענומען) און א שפּעלטל צווישן צוויי בלעכן — רייסט מען עס אויס... אנישט צעוואַקסט זיך דער קבצן און צעשפּאַרט די בלעכן פון אויבן! אָט באַווייזט זיך ערגעץ אויף א בלעך

א שטיקל שפּרענקעלע, אַ פּלעקל אַ געלס, דאָס איז געפּערלעך! עס הייבט אָן ראָסטן; און ער האָט מיט זיך אַ קליין טעפּעלע סמאָלע מיט אַ פּענזל און פאַרכאַפּט, און פאַרשמירט... אַמאָל בייגט זיך אויס אַן עק פון אַ בלעך, פון ווינט, צי פון דער זון, עס וועט זיך באַלד איבערלייגן, ווי אַ „פּאָפּלע־ניק" — געשווינד לויפט ער נאָך בליי און לייט־אייזן — די בלעך וועט זיך שוין נישט רירן!...

און אַזוי טאָג אויף טאָג, טאָג אויף טאָג! זאָל דער הימל זען, ווי ער היט אָפּ זיין אייגענעם דאַך און נחת האָבן פון זיין גלאַנץ...

אונטן האָט זיך דערווייל אויך עפּעס געטון...

אין קעלער אריין אין וואסער געראָנען. רעגן־וואסער, שניי־וואסער און אַזוי פון גאס — רינשטאָק־וואסער... פון דעם ווייסט קיין דאַך־באַש־לעגער נישט. פונדאמענט און קעלער זענען נישט זיין פאַך... און ווען ער איז פלוצלינג געוווּר געוואָרן... נישט צו זיין גוטן איז עס געווען!

פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, כאָטש אָן זיין וויסן, איז דאָס וואסער צו די פונדאמענטן צו, און האָט זיי אונטערגעוואשן, דורכגענעצט, צווישן ציגל און ציגל זיך אריינגעדריקט און דעם גאנצן פונדאמענט צערודערט...

אויבן שטייט דער דאַך־באַשלעגער און קלערט: ווי גלאַנצט דער דאַך! ווען ער האָט לבנה און שטערן, וואָלט ער אַ הימל געווען! און אין דער זעלבער רגע: טראַך! נאָך אַמאָל: טראַך!

צי דונערט פון ריינעם, בלויען הימל?

ניין, דער ריינער, בלויער הימל איז רואיק; נאָר דאָס הייזל פּלאַצט און פאַלט און באַגראָבט דעם דאַך־באַשלעגער אין זיך!

מיר בלייבט נאָך די דריטע, די לעצטע מעשה.

אַמאָל איז געווען אַ קאַרטאָפל־קינד... אין אַ הייל אין דער ערד איז עס געבוירן געוואָרן (גאָט ווייסט, פון וואַנען דער זאָמען האָט זיך דאָרט גענומען!) און דאָרט האָט עס געלעבט און געקווענקט, געלעבט און געקווענקט.

דער זאָמען, וואָס גאָט ווייסט, פון וואַנען ער האָט זיך גענומען, האָט נאָר אַ מוטער געהאַט. און די מוטער האָט אים קוים מיט קאַרטאָפל און נישט צו דער זאַט געשפּייזט, מער האָט זי אים נישט געקאָנט געבן, אפילו קיין נאָמען נישט! קאַרטאָפל — דאָס ווייסט יעדער דאָקטאָר — פאַרמאָגט אין זיך ווייניק פאָספאָר, און אָן פאָספאָר קאָנען זיך די ביינער רעכט נישט אַנטוויקלען. ביינער דאַרפן: פיש, פלייש און דער עיקר — מילך. די האָבן

א סך פּאַספּאַר אין זיך און דערפון ווערן די ביינער געבויט. דאָס קינד, וואָס האָט זעלטן אַמאָל אַביסל וואַסערדיקע מילך געזען, — און פליש און פיש אין דער שענסטער שימחת־תורה נאַכט אפילו אין חלום נישט געזען, האָט דעריבער שמאָלע שוואַכע ביינדלעך געהאַט... און ווי מאָגער און ווי דאַר עס איז נישט געווען, ווי ווייניק פליש עס האָט אויף זיך נישט געהאַט, האָבן עס די שוואַכע פיסלעך נישט געקאָנט דערטראָגן, זיי האָבן זיך געבויגן אונטער דער לאַסט; ווי צוויי פיילנבויגן האָבן זיי זיך אויס־געדרייט... און דאָס קאַרטאָפל־קינד האָט זיך אין דער נאַסער, פינצטערער הייל אויף אַלע פיר גערוטשט...

טיילמאָל האָט זיך עס אויך פון דער הייל אַרויסגערוטשט. ביפרט אין א שיינעם זומער־טאָג... עס האָט געבענקט אַרויס און אַרויס... און געבענקט האָט עס: נישט צו דער זון, נישט צו ליכט און וואַרעמקייט אָדער צו פרייער ליכט... נאָכוואָס? עס האָט געבענקט צום קאַלך, וואָס מען האָט אַלס מיסט אויפן פרייען פעלד פאַר דער הייל צעשפּרייט... דעם קינדס אינסטינקט האָט אים אונטערגעזאָגט: עס קאַלך! עס האָט אים געיאָגט צום פאַספאַר אינעם קאַלך!...

און עס האָט זיך גערוטשט אויף אַלע פיר דאָס קאַרטאָפל־קינד אין דער נאַסער, פינצטערער הייל, און טיילמאָל האָט זיך עס אויף אַלע פיר אַרויסגערוטשט פון דער הייל, און אָן דער מוטערס וויסן — קאַלך גע־לעקט... זי וואָלט עס נישט דערלאָזט!

מיט אַמאָל אָבער האָט זיך דעם קינדס לעבן פאַרבעסערט. די מוטער איז נישט רייכער געוואָרן, האָט אויך קיין בעסערע אַרבעט נישט באַקומען. געשען איז עפּעס אין דרויסן: א שטאָט־עושר האָט זיך, נישט ווייט פון דער הייל, א זומער־וווינונג, א קליין פּאַלאַצל געבויט; — די קיך פון פּאַלאַץ איז אויסגעקומען פונקט קעגן דער הייל; און פ א ר דער קיך איז זיך א בערגל מיסט געוואַקסן, פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה, און אין דעם בערגל איז פאַרן קאַרטאָפל־קינד א גן־עדן, אַן אוצר געווען, אַן אוצר פון אַלערליי שיריים פון רייכן טיש...

דעמאָלט האָט עס דעם קאַלך פאַרגעסן, און האָט זיך, ווי א וואָרעם, אין מיסט געגראַבלט, איבערן בערגל מיסט געצויגן און געשפּייזט זיך...

אויף יענער זייט פּאַלאַץ האָט זיך א גאָרטן צעוואַקסן, א גאָרטן מיט בלומען... נאָר אַזוי ווייט האָבן דעם קאַרטאָפל־קינדס פיסלעך נישט גע־טראָגן... און: נאָך וואָס בלומען? איבערן קאָפּ האָט זיך א ליכטיקער, בלויער הימל געצויגן; וואָס האָט עס צום הימל? אַזוי הויך הייבט דאָס

קאַרטאָפל־קינד דאָס אָנגעלאָפענע קעפּל מיט די וואַסעריקע אויגן נישט אויף!... אין בערגל פאַר דער קיך האָט עס געגראַבלט, גאַנץ אָפּט אפילו די הענט נישט באַנוצט, און גלייך מיטן הונגעריקן מויל געשלונגען...

אויפגעהויבן דעם קאָפּ האָט עס שפּעטער, שפּעטער, ערשט אינמיטן זומער, ווען עס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעגעסן כמעט צו דער זאַט, ווען די פיסלעך האָבן זיך אַביסל געשטאַרקט און אויסגעגלייכט... און אויך דעמאָלט, נישט צום הימל, נאָר צו די פענצטער פון פּאַלאַץ, פון איבער דער קיך... און דערזען האָט עס — ווייסע פאָרהאַנגען...

איינמאָל דאָך האָבן זיך די פאָרהאַנגען צערוקט און צווישן זיי האָט זיך עפּעס באַוויזן — אַ קליין, ראָזיק קינד, מיט גרויסע, גרויסע אויגן, אין אַ ווייס, מיט שטערנדלעך באַשאָטן, קליידעלע... פאַרציטערט איז דאָס קאַרטאָפל־קינד אָדער דאָס מיסט־קינד געבליבן... און האָט לאַנג, לאַנג פון פענצטער קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. נישט געקאָנט אַראָפּלאָזן! דער פאָרהאַנג האָט זיך צוריק פאַרמאַכט, און ער האָט אַלץ געקוקט און געקוקט. אין די וואַסערדיקע אויגן האָט אָנגעהויבן אַ ליכטיקער שטראַל צו בלאָנדזשען... ביינאַכט האָט ער וואונדערלעכע, נישט פאַרשטאַנענע, חלומות געהאַט; דאָס קליינע מיידעלע (עס איז אַ קליין מיידעלע געווען) איז פאַר־שוווּנדן געוואָרן, נאָר דאָס קאַרטאָפל־קינד האָט שוין אויפגענומען אין אָרעמען הערצל איר זיס געשטאַלט. ער האָט זי שוין נישט פאַרגעסן! ער האָט זי פאַרשלאָסן אין זיך, ער זעט זי בייטאָג, ער חלומט פון איר ביי־נאַכט... אַ הייליקן סוד האָט ער אין זיך איינגעשלאָסן, און ער פלעגט זיך שוין אַרויסרוטשען פון דער הייל נישט צוליב דעם קאַלך, אפילו נישט צוליב שיריים אין מיסט, נאָר צוליב דעם פענצטער מיט די ווייסע פאָר־האַנגען, צווישן וועלכע ער האָט אַמאָל דאָס בעסטע און דאָס שענסטע געזען און ער האָפט, און הערט נישט אויף צו האָפן, נאָכאַמאָל עס צו זען...

און ער האָט זי דערזען נאָכאַמאָל.

נאָר דאָס איז שוין גאָר, גאָר סוף זומער געווען. און אויך נישט צו זיין גוטן...

מען האָט זיך פון פּאַלאַץ אַרויסגעצויגן... צוריק אין שטאָט אַריין... מען האָט די פאָרהאַנגען אַראָפּגענומען, מען האָט די פענצטער געעפנט און פלוצלינג האָט אַ האַנט אָנגענומען דאָס קליינע געהאָפטע, געחלומטע מיידעלע און פאַרן קאַרטאָפל־קינד אין מיסט אַריינגעשליידערט...

און דאָס קליינע געהאָפטע, געחלומטע האָט אויף אַ ביין געטראָפן,

און עס האָט געפּלאַצט דאָס געהאָפטע, געחלומטע פּאַרצעלייענע מיידעלע, און עס איז אַרויס — אַביסל זעגעכץ!...

און דער מוסר דערפון?

1) נעמט טיפער!

2) קוקט אויף די פונדאַמענטן און זייט וויסן, אַז —

3) פּאַרצעלייענע אידעאַלן, וואָס מען וואַרפט פון דער הייך פאַר קאַרטאָפל־קינדער זענען פול מיט זעגעכץ...

דער באָרד

אין די ערגסטע צייטן זענען פאַראַן גוטהאַרציקע מענטשן, וואָס האָבן ליב, וויניקסטנס, גוטע בשורות אָנצוזאָגן, און אַז דעם דיכטער איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער לעזער, האָבן זיך געפונען גוטע לייט, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן אויפן העכסטן שטאָק און זענען געקומען אין דיכטערס דאַך־שטיבל אַריין, אָנזאָגן אים אַ מזל־טוב:

— מזל־טוב דיר, דיכטער, מען הייבט דיך אָן לעזן און פאַרשטיין.

און אַז דער דיכטער האָט זיך נישט דערפרייט, האָבן זיי צוגעגעבן:

אמת, איין שוואַלב מאַכט קיין זומער נישט, דאָך איז ער נישט ווייט; עס וועט קומען דער טאָג, ווען דיינע לידער וועלן אַרויסקלינגען פון אַלע פענצטער, דיינע מעלאָדיעס וועלן געזונגען ווערן, און די הויף־מוטער וועט מיט דיין ליב־זיס געזאַנג איינשלעפן איר ליב קינד. דיינע געפליגלטע ווערטער וועלן זיין אין חתן־כלהס מויל און דער אָרעמער בלינדער בעטלער אין גאַס וועט פאַרהאַלטן די פאַרבייגייער מיט דיינע זיס־קלינגענדיקע ריימען.

אַזוי האָבן די גוטע מענטשן געזאָגט, און דער דיכטער איז דאָך נישט פריילעך געוואָרן און האָט זיי מיט אַ טרויעריקער שטימע געענטפערט:

— איך האָב אייך פאַר דער גוטער בשורה נישט מיט וואָס אויפצונעמען. נעכטן האָב איך מיך מיט מיין קאַנאַריק מיטן לעצטן שטיקל צוקער צעטיילט. פאַר דאָס, אויב איר ווילט, וועל איך אייך אַ מעשהלע דערציילן...

זיי האָבן אַ זיס־זויערלעכע מינע געמאַכט און זענען באַשטאַנען.

— אין אַלטע צייטן איז אין אַן אַלטער שטאַרקער בורג אַ יום טוב געווען — אַ דרייפאַכיקער יום־טוב. דער הער פון דער בורג האָט זיין נאָמען טאָג געהאַט, ער איז צוריקגעקומען פון שלאַכט־פעלד אַלס זיגער און — ער האָט זיך מיטגעבראַכט אַ יפת־תואר — אַ געפאַנגענע.

אילומינאַציע.

אויף די גרינע, קאלטע בריסט פון וואסער, וואָס רינגלט ארום די בורג, זענען ברענענדיקע פעסער סמאָלע געשוווממען. די אלטע מויערן זענען באהאָנגען געווען מיט גירלאַנדן און פארשידנפארביקע לעמפלעך ביז די העכסטע שפיצן. די איינוווינער פון טאָל האָבן די גאנצע נאכט אויף די קליינע דעכלעך וואך געהאלטן, און די פונקען, וואָס זענען אויף זיי פון דער בורג געפלויגן — אָפגעשאַרט. ווי מיט בלוט אָנגעגאָסענע רוחות אויגן, האָבן די גאָטישע פענצטער געפלאַמט...

און אין סאלאָן, וווּ די גרויסע סעודה איז געווען, בליצט! עס פלאַמען די שמעקעדיקע וואקס־ליכט. עס פינקלען דיאדעמען אויף די דאמען־קעפּ, די גארטל ביי די העלדן. עס בלאנקט זילבער, גאָלד און קריסטאָלן־געשיר אויפן טיש און פלאקערן די פּנימער פון וויין, די דאמען־אויגן שלאָגן פונקען — — —

און דאָך איז נישט היימלעך ביים טיש.

— וויין, ווייב איז דאָ — זאָגט מיט א געראָנצלטן שטערן דער באַראָן — ווו איז געזאַנג?

— גרויסער, מעכטיקער זיגער — האָט מען געענטפערט — עס זענען אין דיין לאַנד בארדן געווען... האָבן זיי פאר דיר פרעכע לידער געזונגען און מיר האָבן אויף דיין באַפעל זיי געהאָנגען!

— איז קיין איינציקער געבליבן, ער זאָל זינגען ביים טיש?

די הויף־לייט שווייגן, נאָר אן אלטער קאמערדינער געגעגט זיך בוקנדיק און זאָגט:

— איינער, וואָס האָט נאָך נישט די ערע געהאַט פאר דיינע אויגן צו זינגען, איז געבליבן; ער איז אין טאָל... זיין מוטער שטארבט, און ער זיצט ביי איר בעט און פאַריאָגט מיט זיין געזאַנג די שרעק פאַרן טויט פון אירע אויגן.

— ברענגט'ן! — קלינגט דעם באַראָנס קורצער באַפעל —

און מען האָט'ן געבראכט אין קייטן געשמידט.

— ווילסט מיך טויטן, — זאָגט דער בארד — טו עס באַלד, זאָל זיך מיין נשמה מיט מיין מוטערס נשמה טרעפן אויפן וועג...

— זינג! — באַפעלט דער באַראָן.

— נעמט אים די קייטן אראָפּ! — ווענדט ער זיך צו די האַלאבאַרדן, וואָס האָבן אים געבראכט.

— וואָס זאָל איך דיר זינגען? — פרעגט דער בארד.

— זינג פון מיין זיג — פון די שטעט, וואָס איך האָב פאַרברענט, פון די שלעסער, וואָס איך האָב צעשמעטערט, פון העלדן־העלדזער, אויף וועלכע איך האָב מיין פוס געשטעלט, פון די בלוטיקע קעפּ אויף די שפּיצן פון אונדזערע שפּיזן — פון גלאַנץ פון די טייערע אוצרות, וואָס מיר האָבן גערויבט!

— דאָס קאָן איך נישט, באַראָן! פאַרכישופט איז מיין ציטער, און ריר איך אָן אירע סטרונעס, וועלן די טייכן בלוט, וואָס דו האָסט פאַרגאָסן, אָנהייבן זידן... און דאָס געקרעכצעריי און געשעלטעריי פון די געטויטעטע וועט זיך וועקן, און דאָס געפייפעריי פון די פייערדיקע שלאַנגען, און דאָס פאַרשטיקטע כאָרכלעריי פון געשענדעטע פרויען און די שרעק־רופן פון געשפּאָלטענע קינדער — דאָס אַלץ וועט זיך וועקן — און נישט פרייד וועל איך אייך געבן, נאָר שרעק — שרעקלעכע אַנגסט. אייערע אויגן וועלן אייך פון די קעפּ אַרויסקריכן, אייערע האָר וועלן זיך, ווי די שלאַנגען צעוואַרפן —

— שווייג! — באַפעלט דער באַראָן און זיך איינהאַלטנדיק זאָגט ער ווייטער:

— נו, זינג די שיינהייט פון מיין געפאַנגענער ליבשאַפט. זינג אירע אויגן, און פאַרגלייך זיי צו די שטערן, איר בלאַס געזיכט — און פאַרגלייך עס צום ריינסטן מאַרמאָר, איר שלאַנקען קערפּער — און פאַרגלייך עס — נו, געפין דו דעם פאַרגלייך.

— הייליק איז מיין ציטער און ריין — ענטפערט דער באַרד, — קיין שאַנד און זינד שפּילט זי נישט... עס וועט איין סטרונע פּלאַצן נאָך דער צווייטער... איר אומגליק נאָר קאָן איך זינגען — די וווּנדן, וואָס וועלן איר אַרויסשפּראָצן אונטער דיינע זינדיקע קושן, דאָס פאַרלעשן פון אירע אויגן, וואָס דו וועסט אויסזויגן מיט דיינע שאַנד־דורשטיקע ליפּן.

— שווייג! — נאָר ער האַלט זיך ווייטער איין, ער וויל דעם דרייפאַכיקן יום־טוב זיך נישט צו שאַנדן מאַכן — זינג פון פרייד — פון וויין, וואָס פּערלט זיך אין גאָלדענע — —

— בלוט פּערלט זיך אין דיין בעכער — האַקט איבער דער באַרד — שוויים און בלוט זיפּן דיינע ליפּן — —

און דער באַראָן גיט א ווונק, ער זאָל שווייגן, און ווענדט זיך צו זיינע הערן:

— דריי מאָל האָט מיר געענטפערט דער באַרד, צי האָט איר פאַרשטאַנען זיינע רייד?

— קיין וואָרט, — ענטפערן אַלע, ווי איין מאַן.

— איר האָט אים דאָס לעבן געראַטעוועט — זאָגט דער באַראָן — און אים פאַרשליסט!

און אין פינצטערן קעלער זיצט דער באַרד. דריי מאָל אין טאָג דער־לאַנגט מען אים דורך א לאָך אין דער וואַנט ברויט מיט וואַסער. אין דער פינצטערקייט זעט ער אפילו נישט די האַנט, וואָס דערלאַנגט עס אים...

— נעבעך! — זיפצן אָפּ די גוטע לייט, וואָס האָבן די בשורה געבראַכט.

— און דאָך — דערציילט דער דיכטער — איז ער גליקלעך געווען. ווייל גליק שטעקט אין דער מאַכט. ווער, האָט ער גערעכנט, איז שטאַרקער פאַר אים?

נישט קיין העלד געבוירן, קיין וואָפן נישט געטראָגן, קיין הערשער־רעכט פון קיינעם נישט געירשנט, און דאָך ציטערט פאַר אים די בורג, ציטערט איר הערשער! מען ציטערט פאַר זיין וואָרט, פאַרן שטילסטן קלאַנג פון זיין צימער!1)

ער זיצט אין דער פינצטער, און זיין נשמה באָדט זיך אין ליכטיקן נחת: איך בין דער שטאַרקער, מיך איינעם מוזן זיי אַלע היטן, זיי, די שטאַרקע, די באַוואָפנטע, די הערשער!

און עס פליסן אוועק שטונדן, טעג, וואָכן, מאָנאַטן און יאָרן — ער ציילט זיי נישט; ער פילט נישט דעם גאַנג פון דער צייט! אירע שטילע פליגל באַרירן נישט זיין געזיכט, און זייער גערויש קומט נישט אין זיינע אויערן אַריין. ער פילט נאָר זיין אייגענע קראַפט און נאָגט פון איר שטילן און זיכערן תענוג! האַרמאַטן און טראָמפּייטן קאָנען זיין שוואַכע שטימע נישט פאַרשטילן! מען ציטערט פאַר אים, פאַר שרעק האָט מען אים איינגעמויערט —

ער שלאָפט נישט, דער באַראָן! לענדער האָט ער איינגענומען, בורגן צעשטערט — וועלדער ציטערן פאַר אים און זיינע הערשער, און ער ציטערט פאַר מיר; כל־זמן איך לעב שרעקן אים וויסטע חלומות, וואַקלט זיין טראָן, איז פאַרגיפטעט זיין זינדיק לעבן...

— איך בין די קראַפט!

קענן וואָס דערציילט ער עס? — וווּנדערן זיך די גוטע לייט, וואָס

---

1) ציטער? — רעד.

האבן די גוטע בשורה געבראכט. און דער דיכטער רוט זיך אפ א ווײלע און ענדיקט זײן דערצײלונג:

אויף אלץ קומט דאך זײן צײט! און, נאך לאנגע לאנגע טעג און נעכט, וועקט אים טריט אין קארידאר און א געקלאנג פון אײזן.

— זײ קומען מיך טויטן! — מײנט דער בארד און וויל אנטקעגנגײן דעם טויט מיט פרײד. דער טויט פון שטארקן איז שטארקער פון זײן לעבן. פאר זײן באפרײטן גײסט, וועלן זײ מער ציטערן — איך וועל זײ צו חלום קומען!

נאר ער האט א טעות געהאט.

— מיר זענען געקומען דיך באפרײען! — רופט מען צו אים מיט פרײד און מיט אײזן ברעכט מען די טויער — א שטראם ליכט יאגט ארײן.

— ווי אלט ער איז געווארן — באמערקן די באפרײער.

— ווי ווײס זײנע האר!

— דאך די אויגן ברענען!

נאר די אויגן לעשן זיך און מיט א געבראכענער שטימע פרעגט דער בארד:

— באפרײען ווילט איר מיך? מען האט שוין פאר מיר קײן פחד נישט? אזוי אלט בין איך?

און די באפרײער ענטפערן:

— נישט מורא האט מען פאר דיר; מען האט זיך צו דיר פארבענקט! איצט פארשטײט מען דיך, און מען וויל עס הערן פון דײן מויל אלײן! דער בארא‏ן אלײן האט זיך אן דיר דערמאנט... ער אלײן שיקט נאך דיר. זײן נאמענס־טאג איז הײנט און בײם טיש איז אנגעגרײט, בײ זײן רעכטער האנט, אן ערן־שטול פאר דיר און גאלדענע בעכער אויפן טיש. און די הויף־דאמען זענען זיך אין די גערטנער צעלאפן זוכן בלומען אויף א קראנץ פאר דיר... און די הערן זאמלען אויף א געשאנק פאר דיר — אן אײביק געדעכעניש... אזוי הויך שעצט מען דיך. מען האט דיך ליב באקומען — דײנע לידער פון טאל ווערן אין הויף געזונגען — —

— קום מיט אונדז, דו האסט דײן גליק דערלעבט...

— איך ווײס נישט, — ענטפערט דער דיכטער — ווי לאנג איך האב אויף דעם גליק, פון וועלכן איר רעדט, געווארט — איך האב די יארן נישט געצײלט; נאר איבער די צײט בין איך ווילד באוואקסן געווארן...

— מען וועט דיך שערן און קרײזלען און מיט שמעקנדיק וואסער באגיסן — —

— און צעפוילטע זענען מיינע קליידער —

— נייע, זילבער און גאָלד־געשטיקטע קליידער ווארטן אויף דיר — סום, געליבטער דיכטער, מיט אונדז! —

— ווי קאָן איך אָנטון — קלאָגט זיך ווייטער דער באַרד — די קעניגלעכע קליידער, אז מיין לייב איז פארנאַכלעסיקט געוואָרן און אומריין!

— גוטע לייט, פירט מיך פריער צום וואסער, וואָס פליסט ארום שלאָס, און לאָזט מיך פריער זיך באָדן און וואשן!

דערויף זענען די גוטע מענטשן באשטאנען.

דער באַרד איז אין וואסער אריין, אָבער מער ארויפגעקומען איז ער נישט.

— ער האָט זיך דערטרונקען? — פרעגן די לייט דערשראָקן.

— געוויס!

— פארוואָס?

— נאָכוואָס האָט ער נאָך געזאָלט לעבן?

יענקל פעסימיסט

איינמאָל גיט יענקל א רוק מיט כעס דעם „חובת הלבבות“, ווארפט ארונטער דעם קאָפּ אויף דער אָנלען פון באנק און פארגלאָצט די אויגן צום סופית.

דערביי האָט ער געמאַכט אזא זויער־לאנגווייליקע מינע און האָט זיך אזוי פארקרימט, אז עס האָט זיך געדאַכט, אז דאָס לעבן קריכט אים אויפן האלדז ארויס.

— דאָס גאנצע אומגליק איז, — זאָגט ער — וואָס ב ע ל כ ר ח ך א ת ה ח י! —

— יענקל, וואָס איז מיט דיר? וואָס פעלט דיר? א מאָנטיק צי א דאָנערשטיק?

— ער וויל מיך איינרעדן — ענטפערט יענקל בייז, אָנווייזנדיק אויפן אוועקגערוקטן „חובת הלבבות“ — אז א י ך בין די קרוין פון דער גאנצער טבע, אַז מען מיינט נאָר מיך. איך ווין מיר אין דער שענסטער דירה, די ערד איז מיין פאָדלאָגע, זון און לבנה — מיינע הענגל־לייכטער, די שטערן — מיינע העסעס; די חיות, עופות און בהימות און אַפילו ווערעם זענען מיינע משרתים! נו, פעלט מיר עפּעס?

— וועלכער טאָג פעלט דיר פאָרט?

— ע! עס גייט נישט אין די טעג — האָט יענקל געענטפערט, — איך האָב א שבת ביי בערל קצב, איז ער מער ווערט, ווי ערגעץ אנדערש א גאנצע וואָך...

זיין ווייב, די גראָבע שפּרינצע, שרייט נאָר: עס! עס!
זי וואָלט מיך איינגאנצן אָנגעפּילט ווי א קישקע;

— עס, עס, יונגערמאן, — זאָגט זי, — וועסטו כוח האָבן צו לערנען; וועט דער זכות פון דיין תורה אונדז ביישטיין!

איך מוז שטודירן ווייטער קישקע, ווייטער קוגל! אבי יוצא זיין, אבי דער זכות פון מיין תורה זאָל זיי מציל זיין מדינו של גיהנום פאר א ביין

א צולאָג, פאַר אַ פאַלשער וואָג, און אפשר נאָך פאַר אַ גוט־אויג... ווייל איך זע, אַז זי וואַרפט אַמאָל אַן אויג...

— וואָס פעלט דיר פאָרט, יענקל? גאָט איז מיט דיר!

— עס פעלט מיר גאָרנישט, נאָר דאָס לעבן איז מיר נימאָס ומאוס, דאָס לעבן!

— נו, ווער לאָזט דיך נישט, יענקל? מאַך אַן עק!

— ב ע ל כ ר ח ך א ת ה ח י! — דאָס זאָג איך דאָך! און ער לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון סופּיט.

— ווי הייסט ב ע ל כ ר ח ך? און ווו איז אַ מעסער, אַ חלף, אַ טייך, אַ שטריק? ווילסט אַ זיסן טויט? — קויף דיר אַ צוקער־שטריקל! אַ פרומען טויט? — הענג דיך אויף אַ הענגל־לייכטער קעגן אָרון־קודש!

יענקל האָט זיך ביטער צעלאַכט.

— הערט, — זאָגט ער, — איך האָב שוין דאָס געקלערט, נאָך אין דערהיים... איך האָב מיך געוואָלט, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אָפּגטן מיט דער וועלט! פאַרוואָס — וועל איך אייך אַן אַנדערש מאָל דערציילן. די שאלה איז נאָר געווען ווי אַזוי?

אמבעסטן — האָט זיך מיר געדאַכט — איז שיסן זיך!

איך האָב מיך געקענט מיט אַ יידישן זעלנער. נאָר אַז ער האָט גע־האַלטן די ביקס אין דער האַנט, פלעגן מיר די פיס אַזוי ציטערן, אַז איך האָב באַין אויפן נישט געקאָנט צוגיין.

גלייך עמעץ האָט מיך צוריקגעשלעפּט ביי די האָר.

אַ טיר אַנטקעגן אַ טיר האָט מיט אונדז געוווינט אַ שוחט; איך האָב אַמאָל געפּרווט ביי אים אָוועקניפן דעם חלף... איך האָב מיך תוך כדי דיבור סקאַלעטשעט אַ פינגער און שיר־נישט געבליבן חלשות.

פאַר קאַלט וואַסער, ווייסט איר, האָב איך עד־היום מורא.

איז ביי מיר געבליבן, איך זאָל מיך הענגען.

איך בין אַרויפגעגאַנגען אויפן שול־בוידעם, דערלאַנגט אַ שטריק און האָב שוין אַפילו געהאַט די פּעטליע אויפן האַלדז, בין איך אָבער פּלוצלינג אַזוי דורשטיק געוואָרן, אַז איך האָב געמוזט לויפן טון אַ טרונק קוואַס.

דערווייל האָט מיך די מאַמע געשיקט קוילען אַן עוף און איך האָב מיך עד־היום נאָך נישט געהאַנגען.

מיר האָבן זיך אַלע צעלאַכט: „ווער איז דיר שולדיק, אַז דו ביסט אַ בעל־פּחדן?"

— ווער? אפשר ב י ן א י ך שולדיק? איך וו י ל עפּעס מורא האָבן? וואָס איז, איך ווייס דען נישט, אז וואָס פריער איז געזונטער? איך גליב באמונה שלימה, אז דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס א מענטש קאָן טון אויף דער וועלט.

איך נעם צוזאמען אלע מיינע כוחות, איך זאָל קיין מורא נישט האָבן; דער „ב ע ל כ ר ח ך א ת ה ח י" ליגט אָבער ערגעץ טיף פארבאָרגן אין הארצן, און אז עס קומט צו עפּעס — שווימט ער ארויס, איז ער דאָ!

מאַכט ער, עס זאָלן מיר ציטערן די פיס.

שלעפּט ער מיך ביי די האָר.

רוימט ער מיר איין א סוד, אז איך בין דורשטיק...

נ י ש ט א י ך ב י ן שולדיק! —

— און אמאָל — זאָגט ווייטער יענקל — האָב איך אן אנדער מין מורא: איך טראַכט מיר: ווער ווייסט? אפשר דארף איך ווייטער לעבן אויפן עולם הדמיון? זיין דאָרט א ישיבה־בחור; עסן דאָרט איינמאָל אין דער וואָך אויף זעקס טעג קישקע, אבי מזכה זיין בערל קצבס ווייב! א קשיא אויף א מעשה? און אפשר נאָך, נאָך די יסורי מות, נאָכן ביטערן טראָפּן און נאָך חבוט הקבר, וועל איך ערשט מגולגל ווערן אין אן אָקס, אין א קאַלב, און מען וועט מ י ך פירן, הונגעריקערהייט, אויף א שטריק אין שחיטה־הויז אריין?...

א י ך וועל ארויסשטעקן די צונג צו יעדן גרעזל, צו יעדן טראָפּן וואסער אין דער בלאָטע, און עמעץ א בערל קצב וועט נאָכגיין מיט א פאלקע און וועט טרייבן, טרייבן...

ערשט שפּעטער וועט קומען א פרומער ייד... וועט פארגלאָצן די אויגן, מאַכן א ברכה, און — כיק!

יענקל איז געוואָרן בלייך, ווי די וואנט; א קאַלטער שווייס האָט אים באַדעקט דעם שטערן.

— איר לאַכט, — זאָגט ער מיט א הייזעריקן קול, — איר לאַכט? באשר דער רמב"ם זאָגט נ יי ן ? דער אר"י זאָגט דאָך אָבער יאָ! און שלומה המלך, דער אמתער חכם, זאָגט פאָרט נישט מער ווי „מי יודע?!"... ווער ווייסט? ווער קאָן עס ווימן?...

כיבוד־אָב

(אַ מעשהלע פון יותנן המלמד)

כידוע, איז, בעונותינו הרבים, דער עולם בזמן הזה נישט זייער מדקדק און איז גאָרנישט געוואָרנט אין עינין פון כיבוד אָב. איך דאַרף אייך נישט זאָגן, ווי ווייט נישט קלוג עס איז, צו נעמען אויף זיך אַן אחריות פון זלזול הורים ומורים. מער נישט, וואָס דער בורא עולם איז אַן אל ארך אפים און שטראָפט נישט תוך כדי דיבור, ווייל ער וואַרט אָפּ, טאָמער וועט דער בשר ודם, חרטה באַקומען, תשובה טון און האָבן כפרת עוון... זעט נישט דעריבער דאָס אויג פון אַ בשר־ודם, ווי דער עונש גייט נאָך דעם חטא און מיינט, אַז, חס־ושלום, לית דין ולית דיין און די וועלט איז הפקר! טרעפט אָבער פאַר דאָס, אַז דער חטא איז אַ טראָפן, וואָס מאַכט פול די מאָס, — דעמאָלט זעט מען שוין בחוש דעם עונש, זאָגט מען: אָט די זינד און אָט — מדה כנגד מדה — די האַרבע שטראָף, ווי עס איז טאַקע געשען אין דער מעשה, וואָס איך וועל אייך דאָ פאַרציילן.

א מעשה א פשוטע:

געווען ביי אונדז אַן אָדם־גס: בוינעם־בער האָט ער געהייסן. אַ מגושמער נאָמען און אַ מגושמער ייד. אָן אַ ריח תורה, אָן אַ ברעקל יראת־שמים. וווינט כמעט מחוץ למחנה — אין אַ באַזונדער הייזל, גאָר אין עק שטאָט. האָט עסקים נאָר מיט פּויערים, קיין ייד שמעקט נישט אַריין. ביי די פּויערישע פורן, — און איזן איז ער — גביר, אַ בעל גוף אַ שווערער רירט ער זיך פון אָרט, קרעכצט די פּאָדלאָגע אונטער זיינע טריט. הענט און פיס — קלעצער. לייגט ער אַרויף אַ יד אויף אַ פּויערישן אַקסל, פאַר אַ גוט־חברשאַפט, בייגט זיך דער פּויער אין דרייען, און ביי אַ „ירגזון", אַז ער דערלאַנגט מיטן פוס, פליט מען פון טיר אַרויס ווי אַ פויגל:

די פּויערים ציטערן פאַר אים, און וואָלטן פאַר אים קיין זאַך מיט באַרשטש ניט אָוועקגעשטעלט. דאָס ערשטע מאָל זעען זיי אַזאַ ייד. פון

וואַנען קומט ער? פון ערגעץ געקומען און רודערט! איז א גאַנצער טאָג — פלאַקס און פלאַקס! געדונגען זיך, געשריען, הייזעריק געוואָרן און מושווה געוואָרן און עס ווערט א געפּאַטשעריי אין די הענט, אז עס דונערט, קערט מען איבער אין האלדז אריין א בלעכל נאָך א בלעכל מאַהאַריטש, האלט מען אין איין קייען הארטן קעז צום פארבייסן, ארבעטן די ציינער, ווי די ריב־אייזן... פון קיין לעפל געקעכטס ווייסט מען נישט. א מענטש איינער אליין...

א ווייב האָט ער געהאַט, האָט ער זי פארפייניקט. נישט, חלילה, געשלאָגן, ווען ער רירט זיך צון איר צו, צעפּאַלט זי, — שוויינגדיק. אהערגעקומען, האָט ער זי ערגעץ, ווו זי האָט געדינט, דערזען, איז זי אים געפעלן, פאר איר שטילקייט און איר חנעוודיקער איידלקייט. האָט ער אליין א שדכן געשיקט. זי, א יתומה, עלנט ווי א שטיין, האָט זיך אָנגעכאַפּט, ווי אָן א ברעט אין מיטן וואסער... אָבער באַלד נאָך די ימי המשתה האָט ער אויף איר אָן אום־חן געוואָרפן. „קיי און שפּיי” — זאָגט ער. פאַלט נעבעך פון יונגן ווייבל דאָס פלייש; ווערט איר, פאר וואקסנדיקער שרעק פארן מגושמן מאַן, וואָס שווייגט, און שניידט, אז ער הייבט אויף א ברעם, ווי מיט א קאַלט מעסער, — דער מוטערס מילך אנטרינען. דרייט זי זיך, נעבעך, ארום אים, ווי א שטילער שאָטן, א בלאַסע, א צעשראָקענע, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן פון אונטערן שטערן, — טאָמער וויל ער עפּעס, מיט אויפגעשפּיצטע אויערן, טאָמער הייסט ער עפּעס. און די פּאָר ווייסע ליפּן ציטערן, און פּאָרעט זיך אזוי לאַנג ארום א באָרוועסע אין שטוב, ביז זי פאַלט פון די „שטעקעלעך”, — אזוי רופט ער אירע הענט און פיס — און הייבט זיך נישט אויף... דריי יינגלעך האָט זי אים געלאָזט. קוקט ער נישט אויף די „דינע ממזרימלעך”... ער האָט פיינט קינדער שטרויעלעך... ער דאַרף געזונטע קינדער, ער וועט צוליב דעם חתונה האָבן. חתונה האָבן האָט ער אָבער קיין צייט נישט, און וואַרפט צו יעדן פרימאָרגן די יינגלעך צו שטיקלעך ברויט און עפּנט זיי די טיר, סיי ווינטער, סיי זומער, דרייען זיי זיך ארום, די יינגלעך, אָן א חדר, אָן א מאַמען און אָן השגחה פון טאַטן. שלענדערט מען זיך ארום אין די גאַסן און געסלעך... אז מען ווערט הונגעריק, כאַפּט מען פון די שטעלן, קומט זומער — קלייבט מען שוואָמען אין נאָענטן וואלד, דערנאָך לויפט מען צום טייך. נישט לאַנג האָט עס געדויערט. איינער האָט, ווינטער־צייט, ביים ערשטן פראָסט, וואָס האָט געכאַפּט, איבערגעכאַפּט די מאָס ביים שלינגען אייזצאַפּן פון א דאך, פארקילט זיך, באַקומען היץ, אהיימגעשלעפּט זיך אין היץ, ווי א פייער ברעט־

נענדיק, געוואָרפן זיך אויפן שעניק אין ווינקל, און מער נישט אויפגע־שטאנען... זומער געוואָרן, נאָך אינמיטן ספירה, לויפט דער צווייטער איינער אליין זיך באָדן, פארשווימט אין א קעסל־גרוב אריין, פארוויקלט די פיס אין וואסער גראָז... אז דאָס וואסער האָט אים אין דריי טעג ארום אויפן ברעג ארויסגעוואָרפן, האָט אים א ייד געפונען און אָפּגעטראָגן גלייך אויפן בית־עלמין, דעם פאָטער נישט אָנזאָגנדיק... דרייט זיך דער דריטער, א יינגל פון א יאָר 6—7, איבערן זומער איינער אליין ארום אין וואלד, חברט זיך מיט די ציגיינער, וואָס האָבן זיך איבערן זומער דאָרט אויפגעהאלטן, און ווערט, קוים עס כאַפּט דער ערשטער פראָסט, פאר־שווונדן מיט זיי צוזאמען...

זאָגט בוינעם בער: א גאָט־זאך! שאַפט אָפּ די דינסט, פארקויפט דאָס איבעריקע כלי בית, לאָזט זיך נאָר איין בעט מיט בעטגעוואנט... ליב האָט ער צו שלאָפן הויך, צוליב דעם אָטעם. אזא בעל־בשר און נאָך אזוי פיל מאַהאַריטש, מיט וועלכן ער הייצט איין דעם אויוון איבערן טאָג — לאָזט ער זיך איבער דריי קישנס! און זעט נישט פאר די אויגן קיין לעפל געקעכץ, קייט שווארץ ברויט, קערט איבער א בלעכל נאָך א בלעכל און פארבייסט מיט הארטן קעז. מאכט זיך אזא מעשה. פון פאָטער, עטלעכע מייל פון דאנען, איז ער אנטלאָפן, ווייל ער האָט אים געהייסן גיין דאַ־ווענען מינחה ומעריב, איז אציגד דער פאָטער, איינמאָל אין אן אָוונט צו אים געקומען. נישט פאר נחת, א ייד א נהגה מיגיע כפּו געוועזן, א טרעגער, איז דער ייד אן אלמן געוואָרן. האָט אים נישט געהאַט ווער אויפצופּאַסן. דערווייל, פאר צער און פארלאָזנקייט, איז די עלטער צוגעשפרונגען, ער קאָן שוין קיין קאסטן נישט טראָגן. די ביינער קנאקן, די הענט ציטערן, בעט ער הילף, לאכט מען אויס אים. האָט אין סמיכות א רייכן זון, וויל ער משיג גבול זיין אנדערע אָרעמע־לייט... ווענדט מען זיך פון אים אָפּ. באין ברירה — כאַפּט ער אויף זיך די בורקע און גייט, און קומט צום זון... א קבלת פנים — נישט קיין פיינער.

— וואָס ביסטו געקומען?

ער פארציילט אים.

— ווילסטו, הייסט עס, ביי מיר בלייבן... נו... און קוקט אויף אים שארף און קאַלט, ווי נאָר אן אכזר קאָן. דעם אלטן ווערגן די טרערן אין האלדז, וואָס קאָן ער זיך העלפן?

פון וועטשערע איז קיין רייד נישט. מען דארף שלאָפן, שלאָפן איז שלאָפן.

— האָסט אַ בורקע, זייער גוט, וועסט דיר אונטערבעטן אויף דער פּאָדלאָגע. איך מוז שלאָפן אין אַ בעט... אַ קישן איינס וועל איך דיר געבן. על פּי דין, אַז אַ ייד האָט דריי קישנס און נעמט צו איין עבד עברי, טאָר ער אויף מער קישנס ווי דער עבד עברי נישט ליגן, מוז ער דעם עבד עברי — דעם משרת אָפּגעבן צוויי און אַליין ליגן אויף איין קישן. און ער וואַרפט צו דעם פּאָטער איין קישן... און זאָגט קיין גוטע נאַכט נישט, וואַרפט פון זיך די בגדים אַראָפּ, לעשט אויס דאָס ליכט, וואַרפט זיך אין בעט אַריין און דעקט זיך צו איבערן קאָפּ מיטן איבערבעט...

שטייט דער פּאָטער און פּינטלט מיט צעשראָקענע אויגן אין דער פינצטער. הייבן אים אָן די פיס ווי צו טון, זעצט ער זיך, ברעכט די פלייצע, ציט ער זיך אָוים אויף דער פּאָדלאָגע, — נישט ער זוכט, נישט ער טרעפט אויפן צוגעוואָרפענעם קישן. שלאָפן קאָן ער נישט, פאַר האַרצ־ווייטיק, פאַר צער און בושה. ליגט ער אַזוי, ביז דורכן שפּאַלט פון לאָדן רייסט זיך אַריין דער ערשטער בלאַסער שטראַל פון פרימאָרגן, מורמלט ער „מודי אני", שטייט־אויף, גיסט אָפּ די נעגל, ענדיקט די ברכה, עפנט שטיל די טיר און שלייכט זיך אַרויס און לאָזט זיך איבער דער וועלט אויף קיצבה...

און דאָס איז געווען דער לעצטער טראָפּן, וואָס האָט איבערגעפולט די מאָס.

קוים האָט דער אַלטער פּאָטער די מזוזה געקושט, פון שטוב אַרויס און הינטער זיך שטיל די טיר פאַרמאַכט און בוינעם בערס בעט ווערט אומרואיק. צו אַלעם ערשטן הייבן זיך אָן צו רירן די קישנס, רירן זיך, בלאָזן זיך, ווי מיט ווינט, פאַלן צוריק אַריין און אַזוי אויף און אָפּ. בוינעם בער וועקט זיך נישט. אַ טאָג מיט גרוים מאַהאַריטש געווען. ווערן, קענטיק, די קישנס בייז, געבן זיך אַ שטרענג אָן און רייסן זיך, אָנגעבלאָזענע, פון אונטער בוינעם־בערס קאָפּ אַפּער, און פליען, גלייך פליגל באַקומען, אַוועק, טרעפן אויף אַ שויב און האַקן אויס, און פאַלן אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע. בוינעם־בער הערט נישט. דער קאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן אויפן בלויזן שעניס און בלייבט ליגן, אַ רויטער ווי אַ בוראַק, מיט אָן אָפן מויל און שווערן אָטעם. הייבט זיך אָן צו בלאָזן דאָס איבערבעט. בלאָזט זיך, בלאָזט, און פליט אויך, גלייך פליגל באַקומען, פון לייב פון בעט אַראָפּ, ער שנאָרכט ווייטער, שוואַכער, גאָר שוואַך, קיין אויג עפנט ער נישט. דער לאָדן האָט אַ ברייטן שפּאַלט, דער פרימאָרגן איז אַ פּראָסטיקער דאָס פּנים מיטן האַלדז, מיט דער ברוסט פון אונטערן אָפענעם העמד ווערן ברוין און בלוי פאַר

קעלט — דאָס לייב ציטערט צוביסלעך. — קיין אויג עפנט ער נישט, גוט איינגעהייצט איבערן טאָג.

ווערט שוין בייז דאָס בעט, רודערט זיך, בייזערט זיך אויף א קול, טרייסלט זיך... בוינעם בער ווארפט זיך אין צערודערטן בעט און — נישט אויפגעכאַפּט, גיט זיך דאָס בעט א הייב אויף קווער אויף צוויי פיס אין דער ברייט און גיט אים א טראָג אראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע, אז עס הילכט, און גלייך גאָרנישט, שטעלט זיך צוריק. ערשט דעמאָלט וועקט זיך בוינעם בער, עפנט די אויגן אויף, די ביינער ברעכן, קוקט זיך אום און צעשמייכלט זיך. א שיינע חורבה, טראכט ער, האָט ער אָנגעמאכט אין שיכורן שלאָף. וועגן פּאָטער טראכט ער נישט, אוודאי גאָר פארגעסן, אז ער האָט דעם פּאָטער צו־גאסט געהאט. הייבט ער זיך אויף, גייט צו צום פענצטער, שטופּט אוועק און עפנט דעם לאָדן — נאָך א שטיק פארטאָג. ביינגט ארויס דעם קאָפּ, מען הערט נאָך קיין ראָד פון וועג; ער וועט זיך אביסל איבער־שלאָפן. מאכט א כוסה צו דערוואַרעמען זיך, נעמט צוזאמען דאָס צעפלוי־גענע בעטגעוואנט, מאכט אָרדענונג אין בעט, לייגט זיך און דרימלט איין.

קוים ער דרימלט איין, — דאָס זעלבע שפּיל.

די קישנס הייבן זיך, פאלן, רייסן זיך פון אונטערן קאָפּ, פליען אוועק, דאָס איבערבעט נאָך, דאָס בעט רייסט זיך פון די גלידער, שטעלט זיך אויף צוויי פיס, ווארפט אים אינגאנצן ארויס. בוינעם בער ליגט נאָך אמאָל אויף דער פּאָדלאָגע און טאַפּט זיך, צי ער האָט נישט קיין ביין געבראָכן...

ניין, קיין ביין נישט געבראָכן. אָבער אזא כישוף:

ער הייבט זיך שווער אויף, זעצט זיך אויף א בענקל, ער וועט ווארטן ביז טאָג, שיקן דעם ערשטן פּויער, וואָס וועט זיך באווייזן, צוריק אין דאָרף אריין נאָך אַן אָפּשפּרעכער — גויים קענען אַלץ! דערווייל דרימלט ער נאָך אמאָל איין, און, ווי ער דרימלט איין, פלאצט אונטער אים דאָס בענקל...

קלערט ער: א שוואַך בענקל און ער איז נאָך דיקער, נאָך שווערער געוואָרן; ער וועט זיך צולייגן אויפן אייזערנעם קאסטן. טוט ער אזוי. זיצט ער און קלערט...

— און אויב עס איז קיין כישוף נישט... אויב דער זנאכאָר וועט נישט העלפן — וואָס וועט זיין? ער דערמאָנט זיך אָן פּאָטער. קוקט זיך אום — אוועקגעגאנגען. ער דאַוונט ותיקין... נאָר עס קאָן זיין גאָטס שטראָף פארן פּאָטער... קאָן זיין. אז דער פּאָטער וועט צוריקומען פון

דאווענען, וועט ער ביי אים בעטן, אז ער זאָל אים מוחל זיין... ניין, בעטן, איבערבעטן, — פריער רופן דעם זנאַכאַר... אפשר פאַרט נישט מער, ווי א כישוף. וויניק פאַרציילן די פויערים פון אַזוינע זאַכן? און ער דערמאָנט זיך אָן מעשות און דרימלט דערביי איין פאַר מידקייט — טראַכטן איז ביי אַזאַ בחור אַן ארבעט! — און ווי ער דרימלט איין — דער שלאָס פון קאַסטן פּלאַצט, די דעק גיט זיך א הייב אויף אין דער קווער — בוינעם בער איז שוין ווידער אויף דער פּאַדלאָגע...

ער וועט שוין אַזוי בלייבן ליגן א ווײַלע, ביז דער פּאָטער וועט קומען אָדער א פויער וועט אָנקלאַפּן. ער שטרעקט נאָר אויס א האַנט און ציט זיך צו א קישן און לייגט זיך עם אונטערן שווערן קאָפּ, אַנישט קאָן ער גאָרנישט אָטעמען... ליגט ער אַזוי לאַנג, ביז ער דרימלט נישט איין. קוים דרימלט ער איין, דאָס קישן פליט אַפּעט, דער קאָפּ — א זעץ אָן דער פּאַדלאָגע און טרעפט גראָד אויף א נאָגל...

ער זעט שוין, ער ווייסט שוין...

ביז דער פּאָטער וועט נישט קומען און אים מוחל זיין, וועט ער שוין, נאַכט אויף נאַכט, שלאָפן אויף דער גאָלער ערד...

אַז עס גייט אָבער אוועק א טאָג נאָך א טאָג און דער פּאָטער קומט נישט, נעלם געוואָרן, האָט ער אים קיין צייט נישט צו זוכן. ער וועט דאָך נישט פאַרלאָזן די פויערים מיטן פלאַקס, — געוויינט ער זיך און ווערט געוויינט, און שלאָפט אויף דער גאָלער ערד...

עס פאַלט אים שוין נישט איין, אַז דאָ קאָן העלפן א זנאַכאַר. ער וועט נאָר קיינעם, פאַר בושה, נישט אַרויסרעדן פון דער שטראָף א וואָרט, ביז דער פּאָטער וועט נישט קומען, ער וועט דאָך מוזן אַמאָל קומען...

איז אָבער דער פּאָטער נישט געקומען און ער שלאָפט אַזוי א נאַכט נאָך א נאַכט, א חודש נאָך א חודש. איינמאָל, אין א פרימאָרגן, פויערים קומען —טיר און לאָדן פאַרמאַכט. זיי קלאַפּן אָן, מען ענטפערט נישט. רייסט מען אויף די טיר — מיין בוינעם־בער ליגט א פאַרגליווערטער אויף דער פּאַדלאָגע. טוען זיי צו וויסן אין שטעטל, חברה־נושאים קומט, וויל אים אויפהויבן, לייגן אין בעט אַריין על־פּי מינהג „אַפּהייבן". מיין בר־מינן לאָזט זיך נישט רירן פון אָרט — אַזוי שווער געוואָרן? דערשרעקט מען זיך, איז מען דאָך אָבער נושאים, מאַכט מען א כוסה, קריגט מען קו־ראַזש און מען גייט־צו צו דער ארבעט, זאָל זיין אויף דער פּאַדלאָגע. אויף דער ערד לאָזט דער בר־מינן מיט זיך טון, וואָס מען וויל! מען רירט, מען

קייקלט, מען טוט זיין רעכטס... ברענגט מען די מיטה, מען לייגט אים ארויף, שווערלעך, נאָר עס גייט און מען טראָגט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

איז ביי אונדז דאָס בית־עלמין א שטיק וועגס און בארג־ארויף הינטער דער שטאָט. געווען איז עס אָנהייב ווינטער, נאָס געוואָרן נאָך א געפאלענעם שניי. מען קאָן קוים איין און אויס מיט א פוס. קיין גרויסע לוויה וואָלט בוינעם־בער סיי־ווי־סיי נישט געהאט, — די נושאים טראָגן פון שטאָט ארויס, מען הייבט זיך בארג־אויף, קוים מען שטעלט אריין, קוים מען שלעפט ארויס א פוס. פּלוצלינג מאכט זיך א שארפער קאלטער ווינט, גיט א פייף, א בלאָז, עפּעס ווי אויף להכעיס, און גיט אפער דאָס שווארצע קישעלע פון אונטערן בר־מיננס קאָפּ און פארטראָגט עס ערגעץ אין פעלד אריין...

בלייבט מען שטיין: זאָל עמעץ אָפּלאָזן די מיטה און גיין נאָכן קישעלע! גיט דערווייל דער ווינט א שטארקערן בלאָז מיט א פייף און גיט א שטארקערן ריס, און רייסט אָפּ פון דער מיטה דאָס שווארצע טוך, און גיט עס א טראָג אוועק, א יאָג אָן א זייט, אין הויך ארויף, הויך! אָט פליט עס אין דער הייך, גלייך א שווארצע קראָ, און ווערט נעלם... גאַפט מען אין איין שרעק, לאָזט מען שיר־נישט די מיטה פון די הענט ארויס. זענען דאָך דאָס אָבער נושאים, נעמט איינער און א צווייטער ארויס א פלעשל פון בוזעם, גיט מען איין זופּ, א צווייטן און מען טראָגט ווייטער... איז אָן א קישעלע, אָן א שווארצער דעק; צו קבר־ישראל וועט ער קומען! רירט מען. איז אָבער ביני־לביני די בלאָטע צוגעפרוירן געוואָרן, דער וועג — גליטשיק! גליטשן זיך די פיס בארג־ארויף און עס גליטשט, גליטשט זיך אויס מיטאמאָל די ערשטע פּאָר און צעפאלן זיך, דער — רעכטס, דער — לינקס. די מיטה קומט פּלוצלינג אין דער קווער, דער בר־מינן גיט זיך א קוילער אראָפּ. גליטשט זיך אויס פאר שרעק די צווייטע פּאָר, די מיטה פאלט אויפן אייז און פּלאצט, און צעפּלאצט אויף שטיקער,

וויל מען אויפהייבן דעם בר־מינן און טראָגן, געשיט דאָס זעלבע, וואָס אין שטוב פאר דער טהרה — ער לאָזט זיך נישט אויפהייבן. האָט מען מורא צו שיקן נאָך מענטשן און א נייער מיטה. דער בר־מינן זאָל דערווייל נישט צוגעפרוירן ווערן צום אייז...

מאכט מען זיך הארץ, מאכט מען צוליב הארץ א כוסה און מען שלעפּט דעם בר־מינן איבער דער געפרוירענער ערד...

— — — — — — — — — — — — — — — —

און אז דער בר־מינן איז צוגעקומען צום טויער פון בית־עלמין, האָט ער שוין אויפן לייב קיין גאנץ שטיקל תכריכים נישט געהאט.

אַ פּראַגע

הינטער דער שטאָט אויף אַ בערגל, אַ ליימיקס, שטייען גלייך צונויפגעוואַקסענע צוויי קליינע הייזלעך. אויף הינערשע פיסלעך שטייען זיי, די הייזלעך, און עס קאָן זייער זיין, אַז ווען נישט דאָס, וואָס זיי זענען אַזוי צוזאַמענגערוקט און שפּאַרן אונטער איינס דאָס צווייטע, וואָלטן זיי שוין לאַנג אויף די הינערשע פיסלעך נישט געשטאַנען; דער ערשטער בעסטער ווינט וואָלט זיי פונעם בערגל אַראָפּגעטראָגן. און צוזאַמענגערוקט האָבן זיי טאַקע די ווינטן אַליין. איינמאָל האָט אָנגעיאָגט אַ ווינט פון דער זייט, וווּ די זון גייט אויף, און האָט אַ רוקאָפּ געטאָן דעם דאַך פון הייזל פון דער רעכטער זייט צום לינקן הייזל־צו. אין דעם זעלבן אָוונט האָט זיך אויפגעוועקט אַ ווינט פון דער קעגנאיבערדיקער זייט, וווּ די זון גייט אונטער, און אַ שטויס געטאָן דאָס דעכל פון לינקן הייזל צום רעכטן הייזל צו, זענען זיך אַזויערנאָך ביידע דעכלעך צוזאַמענגעקומען. און ווייל ביידע זענען געווען פון שטרוי, — אַפילו פון אַלט שטרוי, — אָפּגעברווינט פון דער זון, פיל מאָל שוין איבערגעוואַשן פון רעגן און אויסגעקלאַפּט פון האָגל, — האָבן זיך די שטרויענע זוימען פון די דעכלעך איינס אינעם אַנדערן אַרייַנגעשלאָגן, צונויפגעפלאָכטן. נאָך די דעכלעך זענען געגאַנגען די ווענטלעך, אויס־ און צוגעבויגן זיך...

די ווינטן, וואָס קרייזלען פראַנק און פריי הינטער דער שטאָט און אויף ליימיקע בערגלעך, האָבן געזען, וואָס זייערע צוויי קאַמעראַדן האָבן אָפּגעטאָן און פריילעך געפיפן:

— גוט אַזוי! גלייך אַזוי! אין צווייען איז ש ט אַ ר ק ע ר...

געפרייט האָבן זיי זיך דערמיט, וואָס זיי וועלן קענען שטיפן און אַרומיאָגן זיך, וויפל דאָס האַרץ גלוסט, נישט מורא האָבנדיק, זיי זאָלן נישט צעשטערן די צוויי וואַקלמיטיקע נעסטן פון צוויי אָרעמע פאַמיליעס, וואָס אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג אין שטאָט, איבערלאָזנדיק אין דער היים צוויי

קינדער, צו א קינד אין יעדן הויז, נישט האָבנדיק קיין צייט עפּעס אין די הייזלעך צו פאַריכטן.

עס איז אַן אַלטע געשיכטע, און דעמאָלט זענען נאָך באָרעמהאַרציקע ווינטן געווען, וואָס האָבן זיך געהיט אַן אָרעמע פאַמיליע עפּעס שלעכטס צו טון. אָבער נישט וועגן די דעמאָלטדיקע ווינטן וויל איך אייך פאַרציילן און נישט וועגן די הייזלעך, וואָס האַלטן זיך אַזוי שיין צוזאַמען, און אפילו נישט פון די עלטערע איינוווינער פון די הייזלעך. פאַרבייגייענדיק וויל איך אייך נאָר זאָגן, כדי איר זאָלט וויסן פון וואָס זיי דערנערן זיך, אַז אין איין הייזל האָט געוווינט א האָלצהעקער, וואָס פלעגט א גאַנצן זומער־טאָג — און די מעשה איז געווען זומער — שפּאַלטן האָלץ אין די הויפן, מיט א ווייב א לעקעך־בעקערן, וואָס פלעגט אַרויסגיין אין די רייכע הייזער און באַקן לעקעך. נישט קיין גרויסע שטאָט געווען, אָבער א גענוג רייכע, דאָס הייסט — געווען אָרעמע לייט און פיל, אָבער רייכע אויך, און די רייכע לייט האָבן ליב לעקעך צו עסן, אָבער נישט לעקעך צו באַקן... זיי ווילן זיך נישט אָפּברענען דאָס פּנים ביים פייער פון אויוון און אַריינשטעלן די הענט אין מעל און אין טייג, — זיי צערטלען די הענט און האַלטן זיי שטענדיק אין הענטשקעס...

דאָס צווייטע פּאָרפאָלק איז אויך געווען פאַרנומען אין שטאָט: ער איז געווען א טרעגער, וואָס איז געשטאַנען א גאַנצן טאָג אין מאַרק, אַרומגעבונדן מיט א שטריק, און די פּאָלעס הינטערן שטריק פאַרשאַרצט און אָפּגעוואָרט, מען זאָל אים צורופן פון א געוועלב און הייסן ערגעץ אָפּטראָגן סחורה. און זי — זי איז, נישט פּאַר אייך, קינדערלעך, געדאַכט, א קראַנקע געווען און דעמאָלט געלעגן אין שפּיטאָל...

אָבער דאָס, ווי געזאָגט, פאַרצייל איך אייך נאָר פאַרבייגייענדיק. דער עיקר אין דעם מעשהלע, וואָס איך וויל אייך פאַרציילן, זענען די צוויי קינדער, וואָס בלייבן גאַנצע טעג אליין אין די הייזלעך, און א דריטע פּערזאָן, וואָס וועט צוקומען אויף א ווײַלע, מער נישט.

און די צוויי קינדער זענען געווען: דעם האָלץ־העקערס א ייִנגל פון א יאָר 7—8 און דעם טרעגערס א מיידל פון א יאָר 6—7; ווי איר זעט, כמעט אין איין עלטער.

יאָ, געהייסן האָבן זיי: ער — איציקל, זי — שיינדעלע.

איינמאָל אינדערפרי, א שיינער זומער־טאָג געווען. די עלטערן פון די הייזלעך זענען שוין אין שטאָט, זינט שטונדן. קומט אַרויס פון איין הייזל איציקל, קוקט זיך אום אין אַלע זייטן, צי איז שוין שיינדעלע נישט

אַרויסגעקומען, און זעענדיק, אַז נישט, גייט ער צו איר פענצטערל צו און קוקט אַריין; זעט ער, אַז שיינדעלע, נאָך נישט איינגאַנצן אָנגעטאָן, שטייט ביי׳ן שיסל וואַסער, זי דאַרף זיך וואַשן, האָט זי שוין איינגעבויגן דאָס קעפּל און האַלט זיך אָפּ, מן־הסתם קיל וואַסער געווען. —

פּויקט ער, איציקל, אין שייבל פון פענצטער אַריין —

— שיינדעלע!

— וואָס, איציקל?...

— וואַש דיך אָפּ געשווינד, טו זיך אָן און קום אַרויס, מיר וועלן עפּעס טון...

— וואָס?

— וועסט שוין זען. עס איז מיר עפּעס איינגעפאַלן... נאָר געשווינד, שיינדעלע...

— ווי דו הייסט. — ענטפערט שיינדעלע און הייבט זיך אָן פּלעסקען אין וואַסער.

אַז שיינדעלע איז אַרויסגעקומען פאַר דער טיר, איז שוין אַ גרויסע זון געווען, פאַרלייגט זי דאָס פלאַכע הענטל איבער די אויגן און הייבט דאָס קעפּל אויף און דערזעט: איציקל אויפן שפּיץ פון ליימיקן בערגל. פייל פון בויגן איז זי צו אים צוגעלאָפן:

— אוי, איציקל, זאָלסט זען, ווי דיינע שוואַרצע האָר שעמערירן אויף דער זון; גלאַנצן שלאָגן פון זיי.

הייבט צו׳ן איר איציקל, וואָס איז אויפן ליים געלעגן, די אויגן אויף:

— און פון דיינע, זאָגט ער, פליען פונקען...

— ווייל מיינע, זאָגט שיינדעלע, זענען רויט...

— פלאַמענדיקע...

— אָבער וואָס טוסטו, איציקל?

זי באַמערקט ערשט, אַז איציקל גראָבט אינעם ליים.

— דאָס — ענטפערט איציקל, דאָס גראָבן נישט איבערייסנדיק — איז דאָך די אַרבעט, פון וועלכער איך האָב דיר געזאָגט...

— וואָס האָסטו געזאָגט, וואָס איז דיר איינגעפאַלן?

— יאָ, שיינדעלע, פאַר ליים צאָלט מען אין שטאָט געלט, פאַר אַ מולטערל ליים צאָלט מען אַ צווייער, אַ דרייער, איז מיר איינגעפאַלן, אַז מיר זאָלן גראָבן ליים — —

— איך אויך?

— דו אויך, שיינדעלע... דאָס ליים וועלמיר פארקויפן אין שטאָט, און פארן געלט עפּעס קויפן פאר דיין מאמעס וועגן, אין שפּיטאָל אריין.

— אוי, א גוטער דו ביסט, איציקל — שרייט אוים שיינדעלע און וואַרפט זיך צו איציקלען קושן — אוי, ווי ליב האָב איך דיך!

— שפּעטער, שפּעטער — ווערט זיך איציקל — פריער ארבעטן, געלט פארדינען, עפּעס קויפן, דער מאמען דיינער אריינטראָגן און פריער זי קושן...

— אמת, אמת! — איז מודה שיינדעלע און לאָזט די פינגערלעך אין ליים אריין...

צעלאכט זיך איציקל: —

— ע, שיינדעלע, נישט פאר דיינע פינגערלעך. דראפּעסט מיט די נענגעלעך, ווי א קעצל... לאָז געמאך!

— ניין, ניין... אז דו ארבעטסט, וויל איך אויך...

— כ'מיין נישט, זאָגט איציקל, זאָלסט לידיק גיין, גאָט־באהיט. נאָר, ווייסטו וואָס, דו ברענג ארוים א מולטערל. איך וועל גראָבן, און דו וועסט צוזאמענעמען און שיטן אין מולטערל אריין... דערנאָך וועל איך אוועקטראָגן אין שטאָט אריין...

— ניין, איציקל, איך וועל אויך טראָגן, איך וויל...

— וועסט מיר העלפן, שיינדעלע...

— גוט!

לאכט שיינדעלע און ברענגט ארוים א מולטערל. איציקל, קיין בייז אויג, גראָבט ווי א דערוואקסענער; שיינדעלע קוועלט פון זיין שטארקייט און זאמלט דאָס ליים... קוקט אויף איציקלס הענט און זאמלט, און שרייט, נאָך א צייט, אוים:

— איציקל, פול...

כאפּט איציקל דאָס מולטערל אויף די אקסל.

— האלט אונטער, שיינדעלע.

שיינדעלע האלט אונטער, און זיי לאָזן זיך ביידע פון ליימיקן בערגל אראָפּ. באלד הינטערן בערגל, זעען זיי, זיצט עמעץ. שטעלן זיי זיך אָפּ, באטראכטן. עפּעס א יונגער מענטש אין א פּאַלערינע, אין א גרויסן קאַפּעלוש מיט ברייטע, ברייטע ראנדן, וואָס פארשטעלן אים דאָס פּנים. די קינדער זעען דאָ אזא פיגור צום ערשטן מאָל.

— כ'האָב מורא, — שטעלט זיך שיינדעלע אָפּ.

— ע, וואָס איז דאָ מורא צו האָבן? וואַרט, איך וועל צו אים צוגיין.

— אז דו וועסט צוגיין, גיי איך אויך... כ,וועל דיך אַליין נישט לאָזן...
ליינט איציקל אָפּ די לאַסט פון די אַקסל און גייט צום יונגן מאַן, און דערלאַנגט אים א ברייטן: —
— שלום-עליכם...
דער יונגערמאַן וועקט זיך ווי פון א דרימל...
— א, עליכם-שלום... איי, צוויי קינדערלעך...
— זייט מוחל, כ'האָב אייך געוועקט?
— עט! אַביסל געדרימלט, מיד פון וועג...
— פון ווייט? — פרעגט איציקל.
ווערט שוין שיינדעלע האָפעריק:
— און דאַרפט אין שטאָט אַריין, וועלמיר אייך ווייזן...
— מיר טראָגן — זאָגט איציקל שטאָלץ — ליים אין שטאָט אַריין — —
— נאָך וואָס?
— געלט צו פאַרדינען, — זאָגט איציקל.
— פאַר מיין מאַמען, אין שפּיטאָל אַריין עפּעס צו קויפן. — פירט אויס שיינדעלע.
און גיט צו, אַרויפלייגנדיק א האַנט אויף איציקלס אַקסל:
— ער איז א שטאַרקער!... גראָבט מיט די הענט ליים! און באַלד וועט איר זען, ווי איר גיט א הייב אויף די מולטער און טראָגט דאָס ליים...
זאָגט דער פרעמדער: נאַרישקייטן.
— איך גיי נישט — זאָגט ער — דעריבער אין אייער שטאָט אַריין, ווייל מען אַרבעט דאָרט...
איציקל מאַכט א נישט-גלויביקע גרימאַסע; שיינדעלעס אייגעלעך אָבער פלאַמען נייגעריק אויף:
— וווּ אַהין דען? וווּ מען אַרבעט נישט? אַפילו עלטערע? וווּ קיינער אַרבעט נישט?
— קיינער! — שניידט אָפּ דער פרעמדער.
איציקל שמייכלט נישט גלויביק.
— איר ווילט זען? קומט מיט מיר, — זאָגט דער פרעמדער.
— וווּ אַהין?
— קיין „ערגעץ"...
— אַזאַ שטאָט?
— אַזאַ לאַנד! —

—דאָס גאַנצע לאַנד — פאַרציילט דער פרעמדער — דאָס גאַנצע לאַנד, ווו אהין איך גיי און קען אייך מיטנעמען, איז איין גאָרטן. א גאָרטן אָן א גרענעץ, אָן א ברעג... און דאָרט וואַקסן אַלערליי פרוכטן...

— רייסט מען?

— ניין... רייסן איז אויך אַן אַרבעט, מען גייט נאָר צו: „בוים, בוים, גיב א פרוכט!" — בייגט דער בוים א צווייג צום מויל, מיט אן עפּל, מיט א באַרנע, מיט אַן אַפּעלסין, מיט וואָס איר ווילט...

— בייסט מען אָפּ?

— ניין, בייסן איז אויך אַן אַרבעט, מען גיט א שלונג, און די פרוכטן זענען דאָרט אַזוינע, אַז זיי צעגייען זיך אַליין אין מויל...

— נאָר פרוכטן? — פרעגט איציקל, אין דער זאַך שוין אביסל אַריינגעצויגן.

— ברויט אויך, זעמל אויך — אויף נידעריקע ביימלעך וואַקסן זיי, שוין געבאַקענע און זיסע, סאַמע קאָמיש-ברויט... און בלומען אויך...

— שטענדיק? — פרעגט שיינדעלע, — סיי זומער, סיי ווינטער?

דער פרעמדער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— סיידן אין ספּעקטן? — מיינט איציקל.

— ניין! — זאָגט דער פרעמדער. — דאָרט איז קיין ווינטער גאָר-נישט פאַראַן... קיין שניי און קיין רעגן נישט. שטענדיק א לויטערער הימל איבערן קאָפּ און שטענדיק פרישע בלומען... און ס'איז ביי זיי קיין גערטנער נישטאָ, מען דאַרף זיי נישט באַגיסן, מען דאַרף זיי נישט האָדעווען. זיי וואַקסן אויף און צעגיסן זייער ריח איבערן גאַנצן לאַנד...

— און מענטשן וואָס טוען? — פרעגט איציקל.

— גאָרנישט. ליגן אין שאָטן פון ביימער, פון כלערליי ביימער, אויף געלעגערס פון אַלערליי פאַרביקע און שמעקנדיקע בלומען, און האָבן תענוג, און ווערט מען הונגעריק, זאָגט מען: בוים, בוים... ווי איך האָב אייך דערציילט...

איציקל פאַרטראַכט זיך עפּעס, מען זעט אָנעם שטערן, אַז דאָס מוחל אינעווייניק אַרבעט, און שיינדעלע פרעגט:

— און דאָרשטיק אַז מען איז?

— אין גאָרטן פליען אַרום, קלערן זיך וואַסער-קוואַלן. מען גיט א רוף, קומט צו א קוואַל מיט פריש-קרישטאָלן וואַסער... נעמט מען א בע־כער פון א בוים. מען שעפּט אָן און מען טרינקט... וויל מען, גיט מען א זאָג: „ליליען-בעכער" אָדער „רויזן-בעכער", — וואָס נענטער איז, —

זיי מוחל און ברענג א טרונק! שפּרינגט דער בעכער פון דער בלום אַראָפּ, שעפּט אָן; עפנט מען די ליפּן, גיסט ער אין מויל אריין...

— עפּעס א כישוף... — מאכט שיינדעלע — א צויבער־לאנד...

— ערגעץ־לאַנד — זאָגט דער פרעמדער — קומט, קינדערלעך, אין ערגעץ־לאַנד...

און ער הייבט זיך אויף צום גיין.

— ס'איז ווייט? — פרעגט שיינדעלע.

— איך גיי נישט! — שרייט פּלוצים אוים איציקל, און מורה האָבנדיק, טאָמער טראָגן אים די פים אַליין אוועק, גיט ער זיך האַסטיק א זעץ אנידער און כאַפּט אָן מיט א האנט א צווייג פון פארטריקנטןביימל, הינטער וועלכן דער פרעמדער איז געזעסן...

— פאַרוואָס? — פרעגט דער פרעמדער.

— וואָס וועל איך דאָרטן טון? — פרעגט איציקל צוריק...

— פאַרגעניגן האָבן! — זאָגט דער פרעמדער. — ליגן זיך אויף בלומען... עסן... טרינקען...

— און שפּעטער?

— ווייטער ליגן...

— נאַריש!

— אָבער נישט ארבעטן...

— ניין! — ענטפערט איציקל, כ'וואָלט משוגע געוואָרן פונעם לייידיק גיין... ווי קאָן מען עס ליגן...

— גייט מען שפּאַצירן...

— אויך מיר א גאַנג... ניין! — און דעם קליינעם איציקלס שטים ווערט עפּעס ווי שטאָלערן־שטאַרק — איך גיי נישט!

און די שטים ברעכט זיך באַלד איבער און ווערט אומרואיק־ציטעריק:

— און דו, שיינדעלע?

שיינדעלע טראַכט נישט לאַנג, זעצט זיך צו צו איציקלען, ציט זיך אוים און לייגט איר גאָלן קאָפּ אויף זיינע קניען, און קוקט אים מיט אירע געטרייע אייגעלעך אין פּנים אריין:

— אז דו — נישט, איך — אויך נישט...

און פאַרשעמט זיך עפּעס און לאָזט די ברעמען אראָפּ.

דער פרעמדער ציט מיט די אַקסל און גייט זיין וועג. לאַנג, לאַנג האָט איציקל נאָכגעקוקט, ביז ער איז פארשוווּנדן געוואָרן, און דעמאָלט האָט ער זיך איבערגעבויגן איבער שיינדעלען:

— ווייסט, שיינדעלע, — פרעגט ער, — ווער דאָס איז געווען?
און ענטפערט אליין:
דער יצר־הרע פון לײדיק־גיין...
שיינדעלע, וואָס האָט שוין געהאט געדרימלט, האָט דערהערט און די אויגן געעפנט. איר פנימל, וואָס האָט געשטראַלט און געשאָטנט זיך אין דרימל, ווייל אינעם יונגן הערצל האָבן זיך געטווישט איינס אויפס אַנ־דערע צערטלעכע צופרידנקייט פון איציקלס פריינטשאפט צו איר און זיין העלדישקייט מיט דער בענקשאפט צום צויבערדיקן ערגעץ־לאַנד, — איר פנימל האָט זיך מיטאמאָל אויפגעשטראַלט אינגאַנצן:
— אמת! און מיך, איציקל, אָן דיר, וואָלט עס פארפירט, און איך דאנק דיר דערפאר...
— און קום — שפרינגט זי אויף — לאָמיר גיין מיטן מולטערל ליים...
און זיי האָבן אזוי געטאָן...
ווי מיינט איר, קינדערלעך, זיי האָבן גלייך געטאָן?

חזיאל און אוריאל

(פראגמענט)

חזיאל

(קומט אריין, באַמערקט נישט קיינעם, אויף און אָפּ גייענדיק)

אלע רערן פארמאכט,
אלע, וואָס דעם הימל פארבינדן
מיט דער ערד, וואָס וואַלגערט זיך אונטן
אין רויך, וואלקן און פלאמען געוויקלט...
אלע רערן,
מען זאָגט אויף זיין געבאָט פארשטאָפּט,
נישט מיר טון אראָפּ צו וויסן
וואָס מיר פילן, וואָס מיר טראכטן,
וואָס מיר דענקען וועגן לעבן,
וואָס זיי פירן דאָרט די ווערעם —
די מענטשלעכע.
נישט פון אונדז אראָפּ גייט באפעל,
און קיין זעעניש, קיין טרוים
ווערט זיי פון דער הייך באשערט.
און פון זיי צו אונדז קיין געבעט,
קיין קלאנג, קיין לויב-געזאנג,
קיין זיפץ הערט זיך פון אונטן,
קיין ווידערשפעניק אויסגעשריי.
(באַמערקט אוריאלן פארטראכט)
וועגן וואָס?
וועגן מיינע רייד?

אוריאל

נישט געהערט...

חזיאל

דיין שטערן — גערונצלט,
דיינע אויגן —
ווי פון פינצטערניש אין ליכט אריין...
אין וועלכער פינצטערניש געשוועבט,
ווו האָט דיין געדאַנק געוואַנדערט,
דיינע ליפּן ציטערן...

אוריאל

שווערע געדאַנקען געהאַט...
אין מיין שטענדיק ליכטיקער זעל
האָט זיך אַ באַוועגלעך שוואַרצער פּונקט באַוויזן...
ווי פון ווייט, פון זייער ווייט געשוואומען.
ווי די שיפסלייט אין עק פון הימל
אַ צייכן, דאָס עס גייט אַ שטורעם
און דערווייל — אַ קליינער שוואַרצער פּונקט.
אומרואיק צוגעקוקט האָב איך זיך צו אים
און ער וואַקסט און צעוואַקסט זיך
און ס'איז פון אים אַ געדאַנק אַ שוואַרצער,
אַ שרעקלעך שוואַרצער אויסגעוואַקסן,
און האָט ארומגעהילט מיין זעל
און איר ליכטיקייט פאַרשלונגען,
ווי אַ שווערער וואָלקן די זון...

חזיאל

(אומרואיק)

מערקווירדיק — דיינע בילדער
אַלץ פון יענער הימל־זייט...
דער ווייטער שטורעם, דער וואָלקן
וואָס שלונגט די זון...

אוריאל

דאָס איז עס.

חזיאל

וואָס?

אוריאל

וואָס מיך פּלאָגט,
מיין ניי־געבוירענער שווארצער געדאנק
איז עבן דאָס:
נישט זעלבסט און נישט פון זיך
און נישט פאר זיך זענען מיר דאָ...
אלע, דער הימל, אלע זיינע באוווינער
און ער אליין נישט אויסגעשלאָסן.

חזיאל

וואָס הייסט?

אוריאל

זיי זענען אָפּגלאַנץ פון דאָרט.
פון אונטן.
זייער — געדאנק!
מיר זענען קיין עקזיסטענץ...
אָט דרייט זיך די באַרעמהערציקייט ארום,
געבויגן, אין טרערן צעגאָסן...
אָט די שטייפע ערלעכקייט,
די גערעכטיקייט
מיט דער שווערד פון האַלץ געגורט
און מיט בלעך און האמער...
אן אומרעכט — און זי פּויקט
און אונטן אירע באַשעפער מיינען
עס דונערט...
ווי קומט דאָס אַלץ צום אייביקן?
צום אומפארענדערטן?
און ווי קומען צו אונדז געדאנקען
און ניי געבוירענע?

חזיאל

וווּנדערבאַר?
און דער באַנער?

אוריאל

אַ קאַריקאַטור
פון שפּיאָן און פּראָקוראָר צוזאַמען...
אויך מיין אָפּשיין...

חזיאל

און ער אַליין?

אוריאל

ער — קעניג אָדער פּרעזידענט?
אַליין הערשער אָדער באַפעלט
זיינע קנעכטישע הערן אָדער הערישע קנעכט,
און פרעגט: באַשאַפן אַ מענטש?
באַשאַפן אונדזער באַשאַפער?
איבערקערן סדום?
און דעסגלייכן...
פּרעזידענט אָדער קעניג,
און ווען איבער קעניגן קעניג...

חזיאל

זענען מיר? —

אוריאל

דער הימל פון דער ערד...
פונעם קלענסטן צווישן וועלטן...
אַנדערע הימלען מוזן אַנדערע האָבן
און אַנדערע הימלס באַוווינען...
און נייט עס שלעכט אויף אונדזער ערד
הערט מען געשריי און לעסטערונג פון דאָרט,
שפּריצן בלוטיקע שטראָמען קעגן הימל,

פארלאנגט מען הילף...
ווערן די רעדער געשטאָפּט...
און ער — פארשווינדט ערגעץ...
פארשווינדט פון מענטשלעכן טרוים,
און מיר וועלן נאָך אים פארשווינדן
און נישט דערוויסן
ווי עס צוגייט אין אנדערע הימלען...

אַ פּרימאָרגן

(איינאַקטער)

פערזאָנען:

מנשה — איבער זיבעציק, ליידט אויף די פיס; איין פוס שלעפּט ער נאָך. רעדט מיט זיך אַליין, ווי אַ שוין לאַנג איינזאַמער מענטש.

חיים — זיין זון, אַ הענדלער מיט אַלטוואַרג; אַ יאָר עטלעכע און פערציק.

שרה — חיימס ווייב, אין זעלבן עלטער, האַנדלט מיט אויבס.

ריבקה — זייער טאָכטער. אַ גערעטן מיידל. אַ יאָר אַכצן־ניינצן.

לאה — איר יינגערע שוועסטער, פופצן־זעכצן יאָר; בלוט־אָרעם. גייסטיק נישט אַנטוויקלט. אַ בלאַסע שיינהייט מיט שטאַרע אויגן.

יענקעלע — אַ קינד אין וויג.

אַ שאַכער — אַן פענצטער.

אַן אָרעמע שטוב, — אין הינטערגרונט: צוויי בעטן, פאַר איינעם פון די בעטן צוקאָפּנס — אַ קינדער־וויג, צווישן די בעטן, אונטער אַן אַלטן, ערטערווייז צעפּלאַצטן שפּיגעלע — אַ שטול מיט אַ בעקן וואַסער; אַ האַנטעך אויף דעם אָנלען און אַ קובל אונטערן שטול. — ר ע כ ט ס, פון פאָדערגרונט געריכנט: אַ טיר, קוימען־אויוון, אַ קעסטל מיט קוילן; אַ געלעגער אויף אַ קאַסטן מיט צוגעשטעלטע שטולן. ל י נ ק ס: אַ פענצטער, העכער — אַ בעט צוקאָפּנס, און פון דער שטובזייט מיט אַן אַלט שפּאַניש ווענטל פאַרשטעלט. ביים בעט — אַ קליין טישל; דערויף אַ קליין נאַפט־לעמפּל. העכער — אַ שענקל. אין מיט שטוב, אונטער אַ פאַרגרינטן, מעשענעם הענגל־לייכטער — אַ טיש. דערויף: אַ טלית־ותפילין־זאַק, אַ גייער־טאָרבע א. ד. גל. אין ווינקל — זעק, קערב לערע, אין מיט אַ בוים און גרינס, אין צווייטן — אַלטוואַרג.

שרה און לאה

(שלאָפן אין בעט, פאר וועלכן עס שטייט די וויג. שרה האָט אַן אַראָפּגעלאָזטע האנט, וואָס האָט ערשט נישט לאנג געשאָקלט די וויג; די וויג באוועגט זיך נאָך זייער לאנגזאם).

חיים

(ליגט אין צווייטן בעט; שלאָפט אומרואיק, קרעכצנדיק).

ריבקה

(ליגט אויפן קאסטן־געלעגער; די האָר אַראָפּגעלאָזט, צעפלאָכטן)

מ נ ש ה

(שוין אָנגעטאָן: זיצט אויפן בעט פאַרן טישל; זאָגט עפּעס זייער שטיל און מיט אַ טרויעריקן ניגון פון אַ סידור אַרויס).
(עס הויבט אָן גרויען דער פרימאָרגן).

מנשה

(דערפילנדיק דאָס גרויען פון טאָג, קושט דאָס סידורל, פארמאכט עס, שטייט זייער לאַנגזאם אויף, אויסגלייכנדיק זיך די פאַרזעסענע אקסל, און קוקט, אָנהאלטנדיק זיך אָן אָנלען פון בעט, מיט מידע אויגן אין פענצטער אריין): האָסט מיר נאָכאמאָל אָפּגעגעבן דאָס פּיקדון... איך דאנק דיר און דיין ליבן נאָמען! (מיט א בלאסן שמייכל): דארפסט מיך דאָ נייטיק האָבן, וואָס? — נאָך א שטיקל חצות פון אלטן מנשה, נאָך א קאפּיטל תהילים (קורצע פּויזע), — יידעלעך פעלט דיר, וואָס? (מיט א נישט־פארשטייענדיקן נאָר אונטערטעניקן בליק צום הימל צו). האַ! אז דו הייסט! (שלעפט זייער זאכט און מיט גרויס מי דאָס ווענטל אין דער ריכטונג צום קוימען צו, בלייבט דערמיט אין מיט שטוב, קוקנדיק אויף שרהן) אראָפּגעלאָזט די האנט... הויט און ביין... און אָדערן... און ס'וויגל רירט זיך נאָך... נישט זי שלאָפט זיך אויס, נישט זי דערעסט...

(מיט א בליק צום פענצטער). און דו הייסט, כ'זאָל איר דעם לעצטן ביסן פון מויל ארויסנעמען... מילא... מן־הסתם ווייסטו בעסער... (נעמט זיך צום ווענטל, לאָזט עס ראָש אָפּ). אָט רירט ער זיך, דער גזלן! (איילט זיך צו דער וויג, שאָקלט זי) א... א... (גייט שמייכלענדיק צוריק צום ווענטל) בעקלעך, ווי די עפּעלעך! און עס מאכט מיט די ליפּעלעך, ס'פּרעסערל! די ברוסט חלומט זיך אים... קיין בייז אויג... קיין בייז אויג... (מיט א בליק צום פענצטער) ווילסט אפשר, כ'זאָל נאָך אָן אים נחת דערלעבן? עיברי לערנען?... מהיכא־תיתי — (טרויעריק) נאָר אָפּפירן אין חדר אריין וועל איך אים שוין נישט... (זיפצט) נישטאָ קיין פּיס... (רוקט עטוואָס האסטי־קער דאָס ווענטל צום קוימען צו).

רבקה

(באַוועגט זיך אומרואיק אין שלאָף)

מנשה

(באַמערקט עס, לאָזט פלוצלינג אָפּ סיוועטל)

ווי ס'וואַרפט זיך! מיינע, עליה־השלום, אויסן אויג... (זיפצנדיק) היים בלוט, קאָכנדיק בלוט... און חלומות... גאָט ווייסט, וואָס פאַר א חלומות... (פויזע) א גאַנצן טאָג גייט עס ארום גאָרנישט... ביינאַכט — חלומות (פון זיכרון ארויס) שיינדל, וואָס וואַרפסטו זיך אזוי? (מיט א נאָכגעמאַכטער פרויען־שטימע פון שלאָף ארויס) „איך? — איך — וואָס פאַלט דיר איין?" (נאָך א קורצער פויזע, מיט אייגענער שטימע) און כלומרשט צוריק איינגעשלאָפן...... און וואַרפט פון זיך האַלב אראָפּ די קאָלדרע... אין שטוב א קעלט... איר איז היים... היים בלוט... (פויזע... רופט) רבקה! (די שטימע האָט אים אָבער נישט נאָכגעגעבן). ביז צו דער פאָדלאָגע די פלאַמענדיקע האָר... א רויטער טייך, און אזוי מוז זיין די נשמה אויך... מיינע, עליה־השלום, אויסן אויג, אויסן אויג! (רופט עטוואָס העכער) ריבקה! (גייט צו, רירנדיק ריבקהן ביי דער האַנט): ריבקהלע!

ריבקה

(וועקט זיך, עטוואָס אומרואיק)

דו, זיידע, וואָס?

מנשה

שפרינג איבער אין מיין בעט אריין...

ריבקה

(געגעצנדיק)

וואָס ביסטו אזוי פרי אויפגעשטאַנען, זיידע?

מנשה

האָסט שוין פארגעסן! זיי גייען פרי אוועק... דער טאטע האָט דאָך געכאפט עפעס א מציאה, און האָט נישט צו באצאָלן, מוז ער זיך שאפן געלט... און די מאמע האָט איינצוקויפן פאר דער מאדאם פימסענהאָלץ... אויף תנאים.

ריבקה

(געגעצט)

אהא — מאניע ווערט א כלה —

(כאפט ארום זיך די קאָלדרע, שפרינגט איבער אין מנשהס בעט אריין).

מנשה

א ברען! מיינע, עליה־השלום, אויסן אויג, אויסן אויג!

(גייט צו, פאריכט איר די קישן אונטערן קאָפּ).

ריבקה

(קוים עטוואָס אומרואיק)

זיידע, דער חתן הייסט גאָלדשטיין?

מנשה

גאָלדשטיין — דעם תבואה־סוחרס זון — (פויזע). שלאָף, ריבקה־לע, כ'וועל מאכן טיי — (רוקט איבער דאָס וועגטל צום קוימען־צו אזוי, אז ער טיילט אים אָפּ פון הינטערגרונט, נעמט ארויס פון א קאסטן עט־לעכע קינעלעך, צעשניצט זיי זייער דין, לייגט זיי קונציק אויס אויפן קוי־מען, שיט דערויף דראָבנע קוילן, צינדט אונטער, שטעלט צו א טשייניק מיט וואַסער, פאַרבריט טיי).

ריבקה

(שטיל)

זיידע, ווי הייסט דער חתן? — אויפן נאָמען מיין איך.

(פארשווייגט, אז מנשה הערט נישט).

שרה

(הייבט אויף דעם קאָפּ, באַמיט זיך אריבערצוקריכן צום צווייטן בעט). ער שלאָפט נאָך, ברוך־השם... (ביטערלעך) אז א מענטש האָט א רואיקן קאָפּ... מהיכא־תיתי...

חיים

(עפנט די אויגן, זאָגט שטיל „מודה־אַני")

שרה

(אָפּוואַרטנדיק ביז ער ענדיקט ברכה) און וואו ווּעסטו נעמען געלט, חכם מיינער?!

חיים

כ'וועל גיין צום סקלאַדניק...

שרה

ער זאָל דיר די נשמה ארויסציען?

חיים

וועל איך אפשר ערגעץ כאַפּן...

שרה

מיד ליד... אויף וויפל פּראָצענט? (פויזע) שווער, זייט מוחל, רוקט מיר צו ס'ווענטל...

מנשה

(טוט עס)

שרה

שווער, דעם פּינסענהאָלצס מחותן קענט איר?

מנשה

גאָלדשטיינען? (זיפצנדיק). אז כ׳האָב פּיס געהאַט, פלעג איך פאַר־דינען ביי אים א קערבל (גייט צוריק צום קוימען).

שרה

(זיך וואשנדיק, פון הינטערן ווענטל): צוויי טויזנט גיט ער נדן... פּימסענהאָליץ גיט אוודאי.

מנשה

אוודאי... פון כלהס צד קומט מער...

שרה

(ארויפקומענדיק)

און וואָס איז גאָלדשטיין? ווי לאַנג איז, אז ר׳איז א באַהעלפער געוועזן?... און פּימסענהאָליץ?... פון דעם לוינט שוין גאָרנישט צו רעדן... אָבער אז מען טוט די האַנט אין קאַלט וואַסער אריין, העלפט גאָט! (מיט א בליק צו חיימס בעט). און דאָס... כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד...

מנשה

אַלץ ווענדט זיך אָן זיין ליבן נאָמען...

ריבקה

מאַמע, ווי הייסט דער יונגער גאָלדשטיין?

שרה

(קערט זיך צו איר אום, פאַרבליפּט אויף דער פראַגע)

יענקל

(רירט זיך אין וויג)

שרה

(פאַרגעסן אָן רבקהן, לויפט צו צו דער וויג, געבנדיק צו זייגן, האסטיק)

ציו, ציו, גזלן מיינער — תכשיט מיינער. כ׳זאָל שוין זוכה זיין צו הערן דיין ברכה איבער דער מילך! (דערמאָנענדיק זיך, צו ריבקהן): וואָס האָסט עס געפרעגט, ריבקה? — זי שלאָפט שוין.

חיים

(קומט אַרויף פון הינטערן ווענטל, אָנגעטאָן, צו שׂרהן):

און דו האָסט נישט עפּעס געלט?

מנשה

(גיסט אָן צוויי גלעזער טיי)

שׂרה

(אויפשטייענדיק פון וויג, אויסגלייכנדיק זיך די אַקסל און נעמענדיק פון אלטנס האנט א גלאָז טיי):

פון וואַנען?

חיים

(מיט עטוואָס תרעומות)

נישט געקאָנט נעמען פאַרויס ביי דער פּימסנהאָליץ?

שׂרה

(האסטיק, זופנדיק דעם טיי)

הלוואי זאָל זי באַלד דערנאָך באַצאָלן... ז'וועט שלעפּן א האַלב יאָר. (פויזע). און וואָס פאַר א מציאה האָסטו עס געקויפט, לאָמיך נאָר הערן?

חיים

א שלום־ראָק — כמעט נאָך ניי — דריי פּאָר פלידערן, א סאַמעטן רעקל — אַש־גרוי, גאָר פריש, א פידל, — דאָס קעסטל אַליין איז ווערט א הון... מאַכאָן! עטלעכע טאַליעס קאָרטן — מיט קרייד, א קאָרטן־בערשטל — א ניי זילבערן הענטל, א ווייס פּעלצל. — (מיטליידיק) געמוזט עמעץ אוועקומען ביי דער פּריצה... טרערן אין די אויגן האָט זי געהאַט...

(קומט, גייענדיק איבער דער שטוב, נאָענט צו ריבקהן)

ריבקה

(אומרואיק)

טאַטע, ווי זעט אויס דער יונגער גאָלדשטיין?

חיים

(עמפּערט)

וואָס א מויד האָט אין זין... טו דיך בעסער אָן... זאָג ברכה און גיי צו דער נייטאָרן...

שרה

(פאָרענדיק זיך ביי די קערב, וואָס זי בינדט צוזאמען)

זי וועט היינט נישט גיין... כ'וועל זי שפּעטער דארפן צו דער שטעל... לאָז זי נאָך ליגן. — און וויפל האָסטו דיך באַדונגען?

חיים

(נעמענדיק די טאָרבע און ארייַנלייגנדיק א שטיק ברויט און א ציבעלע, וואָס ער נעמט פון שענקל ארויס)

כ'האָב דאָך דיר געזאָגט זעקס רובל אָן דרייַאונצוואַנציק נראָשן...

שרה

אפשר טאקע א מציאה — —

חיים

אין לאהלעם זכות...

שרה און מנשה

(קוקן איס אָן פארוואונדערט)

חיים

(מאָטיווירנדיק)

איך דינג זיך אזוי מיט דער אלטער פּריצה... זי לאָזט נישט אָפּ... פּלוצלינג גיב איך א טראכט: ריבונו של עולם, לאָמיך עפּעס פארדינען פאר לאהלעם וועגן...

שרה

(פאטשט מיט די הענט)

ריבונו־של־עולם, כ'האָב דאָך גאָר פארגעסן צו פרעגן... שוועֶר, דער דאָקטאָר פון דער חברה איז געווען?

מנשה

געוועוֶן... (זיפצט) געהייסן שלאָפן א סך, עסן א סך, אביסל ווייַן...

(פויזע)

חיים

(וואָס האָט עטוואָס אומרואיק אָפּגעוואַרט)

ווי איך גיב דאָס א טראכט, ווערט זי, די אלטע פּריצה, ווייך, ווי פּוטער — לאָזט זי אָפּ צענערלעך, דערנאָך גולדנווייַז... און גיט זיך פּלוצ־

לינג א דריי אוים צו דער וואנט, און שטעלט מיר הינטן ארום ארויס די האנט: גיב שוין, ייד, גיב!...

די האנט האָט איר געציטערט, האָב איך איר געגעבן אַדרויף... (הענגט זיך די טאָרבע איבער די אקסל, מיט אומרואיקער חניפה) מיין איך טאקע, אז לאהלע איז א שותף צו דער קניה.

שרה

(קוקט אים אָן מיט חשד)

חיים

און זי זאָל טאקע זיין אן אמתער שותף... זי האָט דאָך אירע פּאָר גראָשן...

שרה

(שפּרינגט אויף, ווי געביסן,

א! צו דעם האָסטו געצילט? דעם אָרעמען קינדס פּאָר גראָשן, וואָס זי קלויבט זיך אָן פון שליחות? אזוי? מיטן אָרעמען קינדס געזונט, מיטן אָרעמען קינדס נשמה ווילסטו האנדלען . . .

חיים

(מאכט אוועק מיט דער האנט, נעמט זיך צום ארויסגיין)

ריבקה

(וואָס איז איינגעשלאָפן, וועקט זיך אומרואיק, צו מנשהן, וואָס קומט איר אויס אמנאָענטסטן)

זיידע, וואָס שרייט אזוי די מאמע?

מנשה

(אָפּרופנדיק חיימען)

גיי שוין, גיי . . . זוך דיר א שותף אין גאס... א גרעסער קריי־שאָלע נעמען צוויי פייגעלעך.. שלינג נישט איין די וועלט...

ריבקה

מאמע, דער יונגער גאָלדשטיין טראָגט גאָלדענע ברילן?

שרה

וואָס זי האָט אינזינען! שלאָף! שפּעטער וועל איך שיקן נאָך דיר.

(אָפּ מיט די קערבלעך)

(פּויזע)

ריבקה

ווו וווינט גאָלדשטיין?

מנשה

(מעכאַניש)

אויף אונדזער גאַס, אין גרויסן הויז.

ריבקה

ער טראָגט גאָלדענע ברילן?

מנשה

מן־הסתם... אַז איך פלעג אַריינקומען צום פאָטער, איז ער אַ קורץ־זיכטיק יינגל געווען... היינט טראָגט ער אוודאי ברילן, און מן־הסתם, גאָלדענע...

ריבקה

אין גרויסן הויז וווינט ער? אין רויטן?

מנשה

זייער הויז... קענן וואָס פרעגסטו?

ריבקה

זיידע, זע נאָר (נעמט אַרויס מיט ציטערדיקע הענט אַ פאָטאָגראַפיע פון בוזעם). דאָס האָב איך געפונען נעכטן אין גאַס...

מנשה

(נעמט, באַטראַכט)

דאָס איז ער דאָך, דער יונגער גאָלדשטיין... (אומרואיק) געפונען אין גאַס?

ריבקה

(ענטפערט נישט, דרייט זיך אויס צו דער וואנט, נאָך א ווײַלע הערט זיך איר פארשטיקט געוויין)

מנשה

ריבונו־של־עולם — וואָס איז דאָס? וואָס איז מיט דיר? ריבקה, ריבקהלע? — ז'ענטפערט נישט... ווי זי ציטערט... ס'איז דיר נישט גוט? ס'שפּארט דיך ביים הארץ... ריבקהלע, ריבקהלע... געבן דיר טיי? ריבונו־של־עולם, ווי זי ציטערט, ווי בלאס זי איז... כ'גיי עמעצן אריינרופן... א רופא... וועמען ס'איז... (רופט) לאה, לאה —

לאה

(וועקט זיך)

וואָס, זיידע?

מנשה

ריבקה איז אוועקגעפאלן... גיי צו איר, כ'גיי עמעצן רופן.

(גייט אַרויס)

לאה

(כאַפּט אויף זיך די קאָלדרע און גייט איבער צו ריבקהן. איבערן וועג פארגעסט זי זיך, הייבט אָן עפּעס שטיל צו זינגען; פארגעסט דעם ניגון, שטעלט זיך אָפּ, וויל זיך עפּעס דערמאָנען. פארלייגט די הענט אויפן האַרץ. דערפילט עפּעס הארט ביי זיך אין בוזעם, וונדערט זיך, טאַפּט מיט דער האַנט, זוכט, נעמט ענדלעך ארויס א זילבערנעם רובל, שמייכלט דאַצו — אַ שפּיגעלע! דערמאָנט זיך עטוואָס — גייט נענטער צום בעט צו)

ריבקה, זעסט? (ווייזט איר סיקערבל). ריבקה, — ריבקה ביסט געשטאָרבן? עפן די אויגן, ריבקה, א נישט וועט מען דיך הייסן באַגראָבן, ריבקה...

ריבקה

מען האָט מיך שוין... באַגראָבן...

לאה

(אָפּווערנדיק זיך פון שרעק)

שקר! אין דער היים ביסטו... אין בעט!... באַגראָבן באַגראָבט מען

אין דר׳ערד... און ווייט, ווייט פון דאנען (בארואיקט און פאַרטראַכט זיך דערמאָנט זיך אינעם רובל). זעסט? און ווייסט ווער ס׳האָט מיר געגעבן? א יונגערמאַן... עפּעס א פרעמדער יונגערמאַן... אין א גלאַנצנדיקן צילינ־דער... אין גאַסט־הויז שטייט ער... הערסט, ריבקה, כ׳גיי פאַרביי, דערזעט ער מיך פון פענצטער... ווינקט צו מיר, גיי איך אריין... גיט ער מיר א רובל און א קוש... קום מאָרגן, זאָגט ער, וועל איך דיר געבן צוויי... ר׳וועט, זאָגט ער, מיט מיר פאָרן אויף א שיף, און אַלע טאָג, זאָגט ער, געבן א קערבל... ווייט, ווייט... וועט מען פאָרן... ר׳האָט געפרעגט, צי כ׳האָב נישט א שוועסטער... זאָג איך: יאָ... צי איז זי א שיינע... (פויזע. האַלט ביים פאַר־געסן זיך. פלוצלינג). — וואָס מיינט ער דערמיט, ריבקה! וואָס וויל ער, ריבקה? (רייסט זי) — ריבקה! —

א שאַכער

(אין גאַס, אריינקוקנדיק דורכן פענצטער, פאַרשנדיק און פרעך, רופט הילכעדיק)

האנדל, האנדל, האנדל...

פ אָ ר ה א נ ג

שאַמפּאַניער

אײנאַקטער

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

גרונע — אַן אלמנה נאָך א סופר. א קליינע, מאָגערע נערוועזע יידענע.

מרים — אַ פּאַרזעסענע, פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק.

סערל — אַן עגונה פון אַ יאָר צוואַנציק.

הדס — א נייטאָרן־מיידל, א יאָר זעכצן־זיבעצן.

(גרונעס דריי טעכטער)

דבורה — א הויכע, שווערע יידענע, אָן ברעמען.

אַן אָרעמע קעלער־שטוב. די אויסגאַנגס־טיר אין הינטער גרונט. דער רעכטער ווינקל איז הינטער א שפּאַנישן ווענטל. אז עס ווערט אוועקגערוקט, זעט מען א צעדרודערט בעט. אין לינקן ווינקל — א בערגל קאַרטאָפל און א הויפן ציבעלעס. ביי דער וואַנט רעכטס — צוויי בעטן. לינקס — א שראַנק צווישן צוויי הויכע קליינע פענצטערלעך אין גאַס ארויף. אין מיט שטוב — א טיש, בענקלעך.

מרים

(זיצט ביים טיש, מיטן פנים צום צושויער, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט, גענעצט פּאַרוויסט).

גרונע

קומט אַריין, שנעל אַרבעטנדיק אַ זאָק). ביי זיי חובות צו מאָנען! ווי סמאָלע! (דערזעט מרימען. מיט רחמנות) עס טוט דיר דער קאָפּ וויי? (זיפצט אָפּ, נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, גייט די אַרום טיש, קומט אויס מרימען פון א זייט, שאָקלט מיטן קאָפּ פאַר צער)

מרים

(האַרט)

ניין. (הויבט זיך אויף, גייט הינטער דעם פאָרהאַנג אַרונטער)

גרונע

(קוקט איר א ווײַלע נאָך, הערט זיך איין צו דער טיר)

אַ, סערל מיטן נאַפט. (גייט צו צו דער לאָמפּ, מאַכט זי צורעכט)

דבורה

(קומט אַריין מיט א קוישל)

גוטן אָוונט!

גרונע

(אַנטוישט)

דו גאָר... ס'קאָצל קומט!

דבורה

(שטעלט דאָס קיישל אויף דער ערד. רעכטס ביי דער טיר. איראָניש) א שיינער „ס'קאָצל קומט״... זאָלן דיר בעסערע בשורות אָנגעזאָגט ווערן! (קומט א פּאָר טריט נענטער, שטעלט זיך אָפּ, קוקנדיק אויף גרונען, מיט פאַרוואורף און מיטלייד) גרונע!

(פויזע)

גרונע

(איבערוועלטיקט די אומרו) פון דאָרף קומסטו? (א בליק צום קיישל)

דבורה

איינגעקויפט...

גרונע

אָפּגעטראָטן זיך אָפּרוען... מהיכא תיתי, זעץ זיך!

דבורה

כ׳קאָן באשטיין! (גייט צו צום טיש, שפּארט אָן די הענט, קיין אויג פון גרונען נישט אראָפּלאָזנדיק, מיט טיפן שטראָפנדיקן ערנסט) ווייסט, ווער, עליו השלום, דיין מאן איז געווען, גרונע?

גרונע

(פארבליפט, עפנט דאָס מויל, געפינט נישט וואָס צו זאָגן, לאָזט אָפּ מיט דער רעכטער האנט דעם זאָק, פארלירט דאָס שפּיזל)

דבורה

(נישט אָפּוואַרטנדיק אויף ענטפער)

א ייד א למדן, גרונע, אַן ערלעכער ייד, א סופר! (פויזע) פלעגט פאר יעדער שורה פון דער הייליקער תורה טבילה גיין.

גרונע

(פארביסן)

שקר... א פּאָר מאָל אין וואָך — אמת!

דבורה

(שטרענג)

זיין זכות זאָל אונדז ביישטיין, גרונע!

גרונע

(הויל)

ער איז נ י ש ט בייגעשטאנען!

דבורה

ווייל דו ביסט זינדיק, גרונע!

גרונע

(שפּרינגט אונטער, ווי פון א שלאנג געביסן)

איך?

דבורה

דו, א סופרס אן אלמנה און אזא כשרן סופרס. פירסט אנדערש — די קינדער!

גרונע

(מיט אַ האַנט באַוועגונג צו דער פאָרהאנג)

שווייג!

דבורה

זי איז דאָרט נישטאָ!

גרונע

מרימל ליגט — דער קאָפּ טוט איר וויי — רעד — שטילער!

דבורה

(גייט נעענטער צום פאָדערגרונט צו)

א מיידל היט מען... כ'וואָלט מיינע, ווי א שלייען צעריסן!

גרונע

צי נישט די אָדערן! רעד צו דער זאך...

דבורה

(ביטער)

וואָס איילסט'ך אזוי צום נחת?

גרונע

צי נישט די נשמה ארויס, זאָג איך!

דבורה

(זעצט זיך שווער אויף א בענקל)

אין דאָרף בין איך געגאנגען. פארבייגייענדיק דאָס גערטל מיט דער רעסטאָראציע, ווו די מוזיק שפּילט... הער איך זי? מוזיק פעלט מיר! כ'קוק מיך אפילו נישט אום... ווער מיר גערטל... ס'וואקסט מיר א מויד אין

גרויען צאָפּ אריין. פון מיינע עסקים וועט קיין נדן נישט זיין... גיי איך... נישט די אויגן זעען, נישט די אויערן הערן... פלוצלינג — א געלעכטער! כ׳קוק מיך אום, דערזע׳ך...

סערל

(אריינקומענדיק)

אַט, מאמעשי, נאפט! (וויל צוגיין צום טישל, באמערקט דבורהן, שטעלט אוועק אויף דער ערד ביי דער טיר; צו דער מוטער). וועסט אליין אָנגיסן! (וויל גיין הינטער דעם פאָרהאנג).

גרונע

(זייער נישט דרייסט)

מרים האָט זיך געלייגט, דער קאָפּ טוט איר וויי.

סערל

(פארהאלט זיך)

וועסט קאָכן, מאמעשי, קארטאָפל?

דבורה

און מיר קומט נישט קיין גוטן אָוונט?

גרונע

(גלייכצייטיק)

קארטאָפל!

סערל

(נעמט א טאָפּ קארטאָפל מיט א מעסער צום שיילן, און גייט צו דער טיר)

גרונע

ס׳איז קיל, סערל!

סערל

(נישט ענטפערנדיק, אָפּ)

(שווערע פויזע)

גרונע

און וואָס האָסטו דערזען, דבורה?

דבורה

הלוואי וואָלטן עס מיינע אויגן נישט געזען! יאָגט נאָך א קאפעלוש א צנועה... פון רעסטאָראַציע... איבער דער לענג פון צוים... זי קנאקט צוקערקעס און לאַכט, ס'קליידל שוועבט, ער — נאָך... יאָגט ער זי, כאפט זי א הויפן בלעטער און שמייסט אים אין פנים אריין... און לאַכט... און לאַכט!

גרונע

(איראָניש)

האָסט דיך צוגעקוקט?

דבורה

כ'האָב דאָס לאַכן דערקענט!

(פּויזע)

גרונע

הדסל?!

דבורה

דו האָסט געוווּסט?! וואָס? א חתן איז עס?

גרונע

ניין...

דבורה

נישט? און דו... האָסט געשוויגן?

גרונע

יאָ!

דבורה

גרונע!

גרונע

(שטעלט אַוועק דאָס לעמפּל אויפן טיש, שניידנדיק רואיק)

שווייג אצינד דו און הער, וואָס איך וועל דיר דערציילן. (אָנכאפּנדיק דבורהן ביים ארבל, נייט זי זאָל זיך זעצן). אלץ וועל איך דיר דערציילן, איין גאָט אין הימל וועט אונדז הערן!

דבורה
(זעצט זיך צוריק)

גרונע
אז מיין מאַן איז עגשטאָרבן...

דבורה
ווי אזוי רעדסטו עפּעס, גרונע?

גרונע
ווי אזוי זאָל איך רעדן?

דבורה
אָן „זכרונו לברכה"? און ניפטר געוואָרן זאָגט מען!

גרונע
אַלץ איינס, ניפטר געוואָרן, צי געשטאָרבן, באַגראָבן האָט מען אים...

דבורה
צו קבר אבות געקומען...

גרונע
זאָל זיין: צו קבר אבות... נאָר מיך האָט ער איבערגעלאָזט מיט דריי יתומים־טעכטער . . .

דבורה
נעבעך. אוועקגעגאַנגען אָן א קדיש פון דער וועלט...

גרונע
דריי טעכטער. די עלטסטע...

דבורה
(מיט א בליק צו דעם פאָרהאַנג)

מרים . . .

גרונע
אַלט געוועזן נײַנצן יאָר . . .

דבורה
ביי לייטן איז אזוינס א כלה...

גרונע

ביי אונדז איז קיין ברויט נישט געווען; פון לעקעך עסן נישט צו רעדן...

דבורה

ווי אזוי רעדסטו עפּעס היינט, גרונע?

גרונע

נישט איך רעד, די צרות רעדן... דאָס שענסטע מיידל אין שטאָט געווען...

דבורה

היינט אויך... קיין עין־הרע!

גרונע

היינט איז זי א זויערע לימענע — א גרויער צאָפּ! נאָר דעמאָלט האָט זי געלויכט, ווי די זון... איך בין דעמאָלט דעם פרומען סופרס אלמנה געווען. איך האָב זי, ווי אן אויג אין קאָפּ געהיט... איך האָב געוווסט, אז היינטיקע צייטן... עס דרייען זיך ארום קלעזמער, שניידערלעך, אזוי דייטשלעך און אלטע בחורים... בית־המדרשניקעס אפילו פלעגן זיך דרייען ביים פענצטער... נאָר אויף וואָס איז א מאמע? א כלה־מיידל, האָב איך געוווסט, דאַרף זיין, ווי א שפּיגל... און איך האָב מיינס באוויזן, אז עס איז אויף איר קיין הויך נישט געפאַלן! געהיט האָב איך זי. געהיט, קיין אויג נישט אראָפּגעלאָזט, קיין טריט פון שטוב אָן מיר נישט געמאַכט, און אלץ מוסר געזאָגט... קוק נישט אהער, קוק נישט אהין, דאָ שטעל דיך נישט... דאָ מעק דיך נישט... קוק נישט, ווי פייגעלעך פליען...

דבורה

זייער וווויל...

(פּויזע)

(מרים און סערל באַווייזן זיך, פון גרונע און דבורה נישט באַמערקט, אין טיר. זעען, אז די לעצטע איז נאָך דאָ און ציען זיך שטיל צוריק)

גרונע

(ביטערלעך)

ווויל ווי די וועלט! אָבער ווי זעט זי אויס! אן אמת ערלעך מיידל, נאָר זעקס און דרייסיק באשריבענע יאָר! דאר — די ביינער צו ציילן, א

גערינצלטע הויט, ווי פארמעט צו תפילין, אויגן פארלאָשענע, דאָס פּנים זויער, אָן א שמייכל — אייביק פארביסענע ליפּן... גאנץ אָפּט ברענען דאָך אויף פארלאָשענע אויגן; דאָס ברענט דעמאָלט אין זיי א שינאה, א האס, ווי א גיהנום... און ווייסטו צו וועמען? ווייסטו וועמען זי האָט פיינט? וועמען, מאכנדיק מיט די ליפּן, זי פארשילט די ביינער?

דבורה

וועמען?

גרונע

מיר! מיר — איר אייגענער מאמען!

סערל

(קומט אַפּיר פון הינטער דעם פאָרהאנג, קוקט מיט האס צו דער פאַרצייטערטער מוטער, גייט ארויס)

גרונע

האָסט געזען?

דבורה

אָבער — פארוואָס?

גרונע

זי אליין ווייסט אפשר נישט פאַרוואָס, נאָר איך ווייס! איך האָב מיך געשטעלט צווישן איר און דער וועלט, צווישן איר און דער זון! איך האָב איר, ווי זאָל איך דיר עס זאָגן? קיין ווארעמקייט און קיין ליכט צום לייב נישט צוגעלאָזט... גאנצע נעכט האָב איך דעריבער געקלערט, ביז איך בין עס דערגאנגען, אויף קלאָר דערגאנגען! זי מוז מיך פיינט האָבן... יעדעס קעמערל פון איר לייב האָט מיך פיינט!

דבורה

וואָס רעדסטו?

גרונע

וואָס דו הערסט! די שוועסטער האָט זי אוודאי פיינט, שענער זענען זיי און יינגער. (כאַפּט שווער דעם אָטעם).

דבורה

ריבונו של עולם!

גרונע

(הייזעריק)

די יינגערע, סערלען, האָב איך שוין אין דער היים נישט געהאַלטן... איך האָב זי אָפּגעגעבן פאר א דינסט...

דבורה

איך האָב טאַקע געשריען געוואַלט, מעשים געטון... א סופרס א טאָכטער פאר א דינסט...

גרונע

איך האָב געוואָלט כאָטש איר חתונה מאַכן. זאָל זי כאָטש אביסל נדן האָבן... פון מיינע קאַרטאָפל און ציבעלעס, מיט וועלכע איך האנדל, קאָן מען קיין נדן נישט אויפקלייבן... און זי האָב איך אויך געהיט... נישט איין באַלעבאָס האָט אויף איר אַן אויג געוואָרפן... נישט איין באַלעבאַטיש קינד האָט זיך געוואָלט פון איר א שפּילעכל מאַכן...

דבורה

ימח שמם וזכרם!

גרונע

בין איך דאָך אָבער א מאַמע! א געטרייע מאַמע געווען! די פיס האָב איך מיר אָפּגעהאַקט; צען מאָל אין טאָג ביי איר אין קיך געווען, געוויינט, געחלשט, מוסר געזאָגט...

דבורה

שטראָפן מוז מען, איך שטראָף מיינע אויך...

גרונע

גאַנצע נעכט בין איך נישט געשלאָפן; דעם קו־הישר געלייענט און אַנדערע הייליקע ספרים אויף עיברי־טייטש, און צוזאַמגעגנם איר אַלץ איי־בערדערציילט... און נאָך איינגנס צוגעלייגט, גאָט זאָל עס מיר מוחל זיין...

דבורה

מוחל זיין?

גרונע

פאַר דעם ליגן! פון דריי שדים האָב איך געמאַכט צען... פון א שמיץ — קאַסטרוי! מיט פייער האָב איך געשיט! און א שוואך קינד איז עס געווען: א שוואך כשר קינד, עס האָט זיך געלאָזט פירן!... דער טאַטע אויסן אויג — בלאָס אָן אביסל בלוט, און אזוינע גוטע, פייכטע אויגן — נאָר שענער איז זי געווען...

דבורה

דו רעדסט, רחמנא ליצלן, פון איר, ווי פון א טויטן!

גרונע

און דו מיינסט, זי לעבט? איך זאָג דיר: זי לעבט נישט! זי האָט אָנגעזאַמלט נדן, און איך האָב איר א מאַן געגעבן! זי האָט נעבעך געוויינט, אַז זי וויל אים נישט, אַז ער איז צו גראָב, צו פּראָסט פאַר איר. נאָר א לערן־קינד נעמט נישט קיין דינסט־מיידל, ביפרט מיט דרייסיק רובל נדן! איך האָב געדאַנקט גאָט, וועד עס איז! — א שניידער־יונג איז א שניידער יונג! נו, האָט ער מיט איר א יאָר געלעבט, צוגענומען דאָס געלט מיטן רעשט ביסל כוח און איז אוועק... נאַקעט און בלויז האָט ער זי מיר אָפּגעשטעלט, נאָר מיט א לונג־פּעלער! זי שפּייט מיט בלוט!... א שאָטן איז עס שוין, נישט קיין מענטש... עס טוליעט זיך צו מיר, ווי א קליין קינד, עס לעקט זיך, ווי א לעמעלע! און גאַנצע נעכט וויינט עס... און ווייסטו, אויף וועמען זי וויינט?

דבורה

אויפן מאַן, ימח שמו?

גרונע

ניין, דבורה. אויף מיר וויינט זי! (גייט צו צום קוימען, מאַכט איבער דער גאַנצער צייט פייער און קאָן עס נישט מאַכן.) איך האָב זי אומגליקלעך געמאַכט. (בלאָזט) אירע טרערן פאַלן מיר אויפן האַרץ, ווי קאָכנדיק בליי, זיי סמען מיך די טרערן... (בלייבט שטיל, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם).

דבורה

הכלל?

גרונע

הכלל (בלאָזט האסטיק) הכלל, האָב איך מיר געזאָגט: גענוג! זאָל מיין דריטע טאָכטער שוין לעבן! לעבן זאָל זי, ווי זי וויל! זי פארדינט מיט דער נאָדל, זעכצן שעה אין טאָג ארבעט זי, קוים טרוקן ברויט פארדינט זי... זי וויל צוקערקעס אויך, זאָל זי עסן! זי וויל לאכן, שטיפן, קושן זיך — זאָל זי! הערסט דבורה — זאָל זי! איך קאָן איר קיין זיסע זאכן נישט געבן; קיין מאן אוודאי נישט! א ציטרין פון איר מאכן, וויל איך נישט! א לונגען־פעלער געבן — נישט. נישט! זאָל שוין איין טאָכטער מיך נישט האסן. אויף מיר נישט וויינען! (בלאָזט)

דבורה

(שרייט דערשראָקן)

אָבער גרונע, וואָס וועלן זאָגן לייט?

גרונע

זאָלן לייט פריער אויף אָרעמע יתומים רחמנות האָבן. נישט ארבעטן מיט זיי, ווי מיט אייזלען אומזיסט. זאָלן מענטשן האָבן הערצער פון מענטשן און נישט האלטן אָרעמע לייט צו אויסדריקן ווי לימאָנען...

דבורה

און גאָט? גאָט ברוך הוא!

גרונע

(הויבט זיך אויף, שרייט, גלייך די וואָלט וועלן, גאָט זאָל אין הימל הערן)

האָט גאָט געזאָלט פריער יענע פארזאָרגן!...

(א שווערע שטילקייט,ביידע ווייבער אָטעמען שווער, ביידע שטייען זיך אנטקעגן מיט בליצן אין די אויגן)

דבורה

(שרייט)

גרונע! גאָט — גאָט וועט שטראָפן!

גרונע

נישט מיך, נישט מיינע טעכטער! גאָט איז ערלעך. ער וועט עמעצן אנדערן שטראָפן! עמעץ אנדערן!

(א שטימע הינטער דער טיר: טריי־לאַ־לאַ טריי לאַ לאַ)

גרונע

מיין פויגל, מיין זיסער פויגל! מיין זינגענדיקער!

הדס

(פאלט אריין לוסטיק, עטוואָס פארדרייט)

טרא־לא־לא! אַ! דבורה גבאיטע... דבורה די זאָגערן, דבורה די טוקערן — כא־כא־כא!

דבורה

(צוגייענדיק צו הדסן)

שטיל, דו חצופה, (פאלט צוריק) מען פילט דאָך פון דיר — בראָנפן פילט מען דאָך.

גרונע

(רוקט זיך פארציטערט צו צום טיש. כאַפּט זיך אָן ביים טיש נישט צו פאלן)

הדס

שקר! בראָנפן האָט דיין טאָכטער מיט איר קבצנישן יאָלד געטרונקען! דאָס האָלט זי ביי בראָנפן...

דבורה

שווייגסט, חצופה...

הדס

ניין, זי טרינקט בראָנפן!... א פּאָניע איז ער. א רובאשקע טראָגט ער... א האלדז, ווי א קעלער! (לאטב שטיל).

דבורה

דערהרגענען גיי איך זי. (בייגט זיך צום קיישל, כאַפּט עס, פארשיט די „סחורה" קלייבט צוזאמען נערוועז)

גרונע

נישט דאָס האָב איך געמיינט... נישט אזוי ווייט (מיט פאָרוואורף־ארויף), נישט קיין רחמנות געהאט... געשטראָפט און אזוי הארט, אזוי הארט...

הדס

(וואָס האָט איבער דער צייט געלאכט אָן א קול, גלייכגילטיק)

שאָמ—פּא—ני—ער!

פאָרהאנג

אַביסל נאַטור־געשיכטע

(א סצענע)

פערזאָנען:

לערער און שילער

לערער

(אינמיטן פאָרטראַג)

אלזאָ, לעבט דער מוילוואָרף אונטער דער ערד. זיינע נאָענטע קרובים ווי מיר האָבן געזען, לעבן אויף דער ערד, אָטעמען פראַנק און פריי אין דער לופט. ער לעבט זיין געוויינלעך לעבן אין דער ערד, טיילמאָל, — טרעפן טרעפט זיך עס אמאָל זומערצייט ביינאַכט, — פארבענקט ער זיך צום פרייען לעבן אויף דער ערד, און ער קומט ארויס שפּאַצירן. ביי טאָג ווען די זון שיינט, טוט ער עס נישט. עס זעט אָבער אויס, אז אפילו דאָס שוואכע ליכט פון לבנה און שטערן ביינאַכט שמעקט אים שוין אויך נישט גוט, וואָרום זיין שפּאַציר אויף דער ערד דויערט נישט לאַנג, און אפשר האָט ער אויף דער ערד שונאים א סך און ער אנטלויפט פאר זיי און באַהאַלט זיך צוריק אין דער פינצטערניש.

שילער

ווו, אייגנטלעך, געפינט ער זיך?

לערער

ביי אונדז — אומעטום. ער באַוווינט לאָנקעס, פעלדער, וועלדער, נאַטירלעך נישט פון אויבן, אויבן לעבן אנדערע, ער לעבט אונטער די לאָנקעס, אונטער די פעלדער און וועלדער... פאר א נויט, אז ער

באגענגט אונטער דער ערד א וואסער, און אפילו אויף דער ערד, אז ער לאָזט זיך ארויס אין אזומער־נאַכט שפּאַצירן — שווימט ער. אז מען ד א ר ף , קאָן ער שווימען אויך... פון אויסזען איז ער גאָר „קיין מעשה נישט" — אָן א האלדז, קיילעכדיק־לענגלעך; גרויסע, ברייטע פיס צום גראָבן אין דער ערד. טראָגן טראָגט ער זיך פיין: א קורץ־העריק זיידן פעלצל, א נאָז האָט ער אויך א פיינע: דערפילט אלץ פון דערווייטנס, אויך א גוט אויער: הערט, וואָס ארום טוט זיך. און א ק י נ ס ט ל ע ר איז ער: גראָבט אויסטערליש פיינע קאנאלן אונטער דער ערד; א וווינונג און א פעסטונג צוזאמען! דערפאר האָט ער זייער שיינע אויגן. שווארצע, ברע־נענדיקע, נאָר קליינע, ווי מאָן־קערנדלעך, און ער קאָן זיי שטענדיק אריינציען צוריק אזוי, אז זיי ווערן אינגאנצן פארשוואונדן אין דעם פיין באַלעבאַטישן פעלצל. א צייט לאַנג האָט מען דעריבער געמיינט, אז ער האָט גאָר קיין אויגן נישט! אז ער זעט נישט; עס האָט זיך אָבער אויסגעוויזן, אז דאָס איז פאלש... אז ער באַהאלט נאָר די אויגן, ווייל כל־זמן ער לעבט אונטער דער ערד, קאָן ער זיי נישט באַנוצן... אונטער דער ערד איז נאַ־טירלעך פינצטער... און אפשר לאָזט ער זיך דעריבער אָפּטמאָל ארויס אויף א שפּאַציר איבער דער ערד, ער זאָל קאָנען כאָטש אויף א ווײַלע די אויגן באַנוצן! א נישט וואָלט ער זיי אינגאנצן פארלוירן!

שילער

ווי אזוי!

לערער

עס איז שוין אזא געזעץ פון דער נאטור! דאָס געזעץ זאָגט: אלץ וואָס נוצט נישט, וואָס ארבעט נישט, גייט פארלוירן, ווערט פארניכטעט; אלץ וואָס לעבט, מוז ארבעטן, און אויב עס ארבעט, ווערט עס געשפּייזט. די וואַרעמע חיות מיט רויטן בלוט (און צו זיי געהערט דער מוילוואָרף אויך) האָבן א הארץ, וואָס שפּייזט אלע גלידער מיט בלוט, עס שלאָגט אריין דאָס בלוט אין אלע ווינקעלעך, אין אלע קעמערלעך פון גוף און דערנערט זיי דערמיט. אז מען וויל, צום ביישפּיל, פריי ווערן פון א וואַרצל אויפן לייב, בינדט מען אים שטארק ארום מיט א דינעם זיידענעם פאָדעם; אויף אזא אויפן האַקט מען אים איבער דעם צופלוס פון בלוט, ווערט ער נישט גע־שפּייזט, קאָן ער נישט לעבן. אויסגעהונגערט, ווערט ער איינגעשרומפּן, אויסגעדארט, שטארבט ער און פאַלט אראָפּ, ווי א געשטאָרבן בלאַט פון בוים. דאָס הארץ זאָגט טאַקע: „כאכילתכם כך עבודתכם"! דאָס הייסט:

אזוי ווי איר עסט, אזוי מוזט איר ארבעטן! און ווירקלעך, א גליד, וואָס ארבעט נישט — פארגייט. עס טרעפט, אז מען מוז א קראנקן פארבונדן א פארוואונדעטע האנט, אָדער א פוס, זיי זאָלן זיך רואיק אויסהיילן, די פארבונדענע האנט אָדער פוס ארבעטן נישט און באוועגן זיך נישט א צייט, און דערנאָך, אז מען נעמט אראָפּ די בינדע, זעט מען זיי אויסגעדארט, פיל מאָגערער, ווי די צווייטע האנט, אָדער דער צווייטער פוס...

שילער

און ביים מוח?

לערער

ביים מארך איז אויך דאָס זעלבע. מענטשן, וואָס מען האַלט לאנג פארשפארט אליין אין דער פינצטער, פארלירן דעם מענטשלעכן פאר־שטאנד, די פעאיקייט צו דענקען... דאָס זעלבע איז אויך מיט אויגן. מאסן־באשעפענישן, וואָס לעבן שוין לאנג אין דער פינצטער אונטער דער ערד, האָבן שוין גאָר קיין צייכן פון אויגן נישט... די אָבער האָבן שוין געמוזט גאָר איינגאנצן אָן ליכט פארגעסן. עס חלומט זיי שוין נישט פון ליכט. זיי בענקען שוין נישט דערצו...

שילער

און די, וואָס פארגעסן נישט און בענקען?

לערער

די טוען זיך אן עצה. דער מויל־וואָרף באַפּט זיך פון צייט צו צייט ארויס אויף דער ליכטיקער שיין... די זון וואָלט אים שוין ווי געטון, בא־גנינגט ער זיך מיט לבנה און שטערן... אנדערע...

שילער

וואָס טוען אנדערע?

לערער

טיף אין וואסער איז אויך פינצטער. דורך די ערשטע עטלעכע קלאפטער זעט זיך נאָך א גרינלעכער שיין, א ציטעריקער, צעוואָרפענער. וואָס טיפער איז אלץ פינצטערער און פינצטערער. און די ימים זענען טיף, זייער טיף. אין דעם דייטשן ים האָט מען געפונען טיפע ערטער ביז פינף

הונדערט מעטער, אין מיטללענדישן ים — ביז פיר טויזנט צוויי הונדערט מעטער, אין אטלאנטישן אָקעאַן האָט מען אויסגעמאָסטן טיפענישן ביז זיבן טויזנט. און אין שטילן אָקעאַן — ביז אכט טויזנט און דרייצן מעטער. מען זאָל אהין ארײנלאָזן א הימאלאישן בארג, וואָלט ער קוים ארויסגע־שטאַרט מיטן שפּיץ... ווי פינצטער מוז דאָרט זיין אויפן גרונט! און דאָך לעבן דאָרט פארשידענע אומגעהויערע באַשעפענישן, ווי צום ביישפּיל דער פּאַפּוג־פיש, און זיי זעען!

שילער

ווי אזוי?

לערער

זיי שאַפן זיך זייער אייגן ליכט. ווי אזוי לייכט א גלי־וואָרעם אין דער פינצטער? ער גיט פון זיך ארויס ליכט. און יענע פיש האָבן אזוינע אויגן, וואָס שטראַלן פון זיך ליכט ארויס, און זעען ביים אייגענעם ליכט...

שילער

אלע?

לערער

ניין! פאַראַן אזוינע, וואָס האָבן אָן ליכט פארגעסן און די האָבן די אויגן פארלאָרן!... כדי צו באַשאַפן זיך אייגענע ליכט, מוז מען בענקען נאָך ליכט!

עולם־הבאָ

(אַ סצענע)

שפּעטלעכער אָוונט. אינדערמיט שטוב אַ געדעקט טישל צו דער וועטשערע. רעכטס אַן אויסגעלאָשענער קוימען. לינקס צוויי בעטן. פון פאָרנט, אין דער טיף ביי די פענצטער, אַ וואַרשטאַט מיט כלים פון אַ טאָקער. אַ טונקל ברענענדיקער לאָמפּ איבערן טיש.

פּערזאָנען:

גבריאל און סערל — אַ יונג פּאָרפאָלק.

סערל

(זיצט ביים טיש און דרימלט, אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויף די הענט, וועקט זיך, הערנדיק גבריאלס טריט)

גבריאל

(קומט אריין)

גוטן אָוונט!

סערל

אזוי שפּעט! (גענעצט) וואָס האָסטו זיך אזוי פאַרזוימט? (ציט זיך אויס) די וועטשערע שטייט שוין אונטערן קישן (גענעצט) וואַש דיך.

גבריאל

(אויף און אָפּ גייענדיק)

עט, סערל, יאָ וועטשערע, נישט וועטשערע! נו, א תכלית!

סערל

(וואָס האָט געוואָלט צוגיין נעמען פון אונטערן קישן די וועטשערע, שטעלט זיך אָפּ פאַרוואונדערט)

וואָס איז מיט דיר, גבריאל?

גבריאל

מען עסט וועטשערע, אַנבייסן... מען לעבט... נאָר ווי אזוי לעבט מען? ווי א מוילוואָרף אין דער ערד! זיי ווייסן, די בית־המדרש־לייט! אז מען קוקט אין ספרים אריין, ווייסט מען! אלץ שטייט דאָרטן, אלץ! אָט האָב איך היינט, צווישן מינחה און מעריב, ביים אויוון זיצנדיק, אונ־טערגעהערט, ווי זיי רעדן. וואָס זאָל איך דיר זאָגן? קרעפּלעך אוועקצושטעלן!

סערל

(גייט צו אים צו נענטער)

כ'האָב דיר טאקע היינט געמאכט קרעפּלעך! פון נעכטיקן פליייש... האָסט נישט געגעסן.

גבריאל

(מיט א פאַרוואורף)

א יידענע בלייבט א יידענע! פאַרגעס א רגע אָן עסן... דו זאָלסט הערן דעם וויכוח!

סערל

וועגן וואָס?

גבריאל

נישט וועגן ווייץ אָדער קאָרן, ווי אונדזערע באַלעבאַטים ביי דער מיזרח־וואנט...

סערל

וועגן מילחמה?

גבריאל

נאַרעלע... וועגן עולם־הבא!

סערל

(וויל ווייטער צוגיין צום בעט)

ווּעסט דערציילן ביי דער וועטשערע...

גבריאל

(נישט צופרידן)

ווארט א ווײלע! איך זאָג דיר, מויל און אויערן אויפצושטעלן. בעַ־רעלע מלמד, דאָס קלײנטשיקע, דאָס דאַרע... דאכט זיך א פליג, און אז עס רעדט — פלאַמט אים א פייער אין די אויגן... און נאָך אײנער, עפּעס א חסיד, דאכט זיך, א פרעמדער. רעדן זיי! זאָגט בערעלע פּשוט, — ער איז דאָך א דרדקי־מלמד — זאָגט ער, ווי ביי דיר אין טייטש־חומש שטייט... איך הער דאָך! באשר־בכן, מען וועט עסן און טרינקען, נישט אזוי ווי דאָ; בעסער! און ווי הייסט בעסער! דו ווייסט דאָך: שור־הבור... עס צעגייט, זאָגט ער, טאקע אין מויל. היינט — ווײן! אלטער ווײן! ער האָט עפּעס אויסטערליש אָנגערופן. כ'קאָן נישט נאָכזאָגן, נאָך מששת־ימי־בראשית, זאָגט ער, און, זאָגט ער, ליכטיק וועט זיין אין אלע ווינקעלעך. פון דער שכינה א שיין, א מין אָפּגלאַנץ, און אין דעם אָפּגלאַנץ פאַר־שטייסטו מיך (האלב־זינגענדיק) וועלן זיצן די צדיקים מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ, און קווועלן, און הנאה האָבן ממש שמעלצן זיך פאַר תענוג!

סערל

מען זאָל נאָר זוכה זיין, ריבונו־של־עולם! (טרויעריק) כ'האָב נאָך אפילו די ר' מאיר־בעל־נס־פּושקע נישט פול... שוין א האלב יאָר, אז זי הענגט!

גבריאל

הער אָבער נאָך ווייטער! דער חסיד זאָגט אנדערש: עס וועט זיך ווייטער פירן, זאָגט ער, פּונקט ווי דאָ! נאָר פארשטייסטו מיך, אָן דאגות, אָן עגמת־נפש, אָן א פּיצל צער! פארשטייסט? א וועלט, ווי די וועלט, נאָר אָן אלעם שלעכטן. כדומה־למשל? נעם, זאָגט ער, א בעל־עגלה, א שמיי־סער, פון וואָס האָט אזא מענטש הנאה? פון גוטע פערד, פון א גוטן ווויל־יונגערישן קנאַק מיטן בייטש. זאָגט דער ריבונו־של־עולם: מהיכא־תיתי! און אויב ער פאָרט נישט אין שבת אריין, איז נישט עובר אויף צער־בעלי־חיים, נאָרט נישט אָפּ מיט די צעטלען, שלעפּט נישט ארוים פון די זעק — פאָרט ער דאָרט ווייטער! אזוי האָט ער פון רבינס מויל געהערט, און זיין רבי האָט עס פון בעל־שם! הכלל! הכלל — פאָרט ער! און שמירן די רע־

דער דארף ער נישט... שמן־זית גיסט זיך אויף זיי, אויף די רעדער! און א וועג האָט ער, ווי אויפן טיש... און א בייטש, למשל, פון עלפנביין, א שטריקל, למשל, פון זייד! און עס קנאקט איבער אלע ש"י עולמות... ממש עס דונערט! און פערד, צוויי פּאָר, דריי פּאָר, פיר אויך... ווי איינעם קומט... „נאשפּיץ" און אין דער ברייט... און פערד — לייבן, אָדלער... עס פליט! כהרף־עין פון איין עק וועלט צו דער צווייטער, און צוריק...

סערל

און אזוי שטענדיק?

גבריאל

אז ער האָט הנאה דערפון! דאָס הערסטו דאָך, איז זיין גן־עדן! און עס איז א יושר אויך! וואָס מען ווינטשט זיך, זאָגט ער, אויף דער וועלט, האָט מען אויף יענער, דער ריבונו־של־עולם גיט נאָך יעדן באזונדער זיין תענוג... א בעטלער, זאָגט ער, ווינטשט זיך גוטע באַלע־באַטים — האָט ער! שטייען פאר אים אָפן אלע טירן... מען באַשיט אים מיט גראָשנס, ווי א כלה מיט האָפּן! דאָס איז שוין מיין משל... און ער גייט און גייט... און אָט, למשל, צום ביישפּיל: א כשרער מלמד, וואָס ווינטשט זיך אן ערלעכער מלמד? גוטע תלמידים ווינטשט ער זיך, פלינ־קע קעפּעלעך, עילויים... און דער דאָנערשטיק זאָל אים נישט דערעסן... די רביצן זאָל אים נישט קראַצן אין אויער: אויף שבת און אויף שבת! האָט ער עס, קנעלט ער דאָרט ביי די סאַמע־ראָדנע גבירים. האָט ער די בעסטע און שענסטע תלמידים, טאַקע גוטע שעפּעלעך... פּאַשעט ער זיי מיט תורה! און עס וואַקסן פון זיי למדנים ארויס, גרויסע למדנים, רבנים, צדיקים גרויסע... יעדן זמן לאָזט ער ארויס א גאון, און דאָס איז זיין גן־עדן! א פּאָר מאָל אין יאָר קומען צו אים זיינע תלמידים צו גאַסט, דער רב, יענער רב, דער צדיק, יענער צדיק, שמעלצט ער זיך טאַקע אין זיי, זאָגן זיי אים: דאָס אלץ האָבן מיר פון אייך, רבי! וואָס?

סערל

(טרויעריק)

דאָס איז נישט פאר אונדז געדאכט.

גבריאל

פון א טאָקער האָט ער נישט גערעדט. דערציילט האָט ער נאָר וועגן א דיין. עס איז געווען ערגעץ אין א שטאָט א דיין, האָט ער געפּסקנט

שאַלות, איז ער אָבער א גוטער געווען, א ברילִיאַנט, אַן אוהב־ישראל. „כשר" פלעגט ער ענטפערן מיט א שימחה. ביי „טריפה" האָט ער כמעט געוויינט, ער האָט געוווּסט, וואָס עס הייסט אַ יידישער שאָדן, ווי שווער עס קומט עפּעס אָן! אפילו ביי אַן ערדענעם טעפּל פלעגט ער וויינען! ביפרט אַ הון אויף שבת, ווער שמועסט — פסחדיקע כלים... האָט ער טאַקע גע־ציטערט, אַז ער האָט געזען אריינקומען מיט אַ שאלה! טאָמער, חס־ושלום, וועט מוזן זיין טריף! און טאָג און נאכט האָט ער גאָט געבעטן, נישט וועגן עשירות, נישט וועגן פרנסה אפילו, נאָר זיין ליבער נאָמען זאָל אים באַ־שערן סאַמע כשרע שאַלות! און זיין ליבער נאָמען האָט אויסגעהערט זיין געבעט. זיצט ער דאָרט און פסקנט שאַלות, און קוועלט: וואָס אַ שאלה עס קומט, איז אַלץ כשר! כשר און כשר! און די שימחה זיינע איז גרויס אין־לשער! נאָך יעדער שאלה גייט ער זיך אַ טענצל איבער דער שטוב... זינגט ער פאַר גרויס תענוג... ווי אַ פייגעלע זינגט ער!

סערל

(האַלב־דערשראָקן)

ווייסט, גבריאל, עפּעס אַ מין עולם־הדימיון?!

גבריאל

אבי גוט! זאָל זיין אַן עולם־הדימיון און אַז אַ ייד, זאָגט ער, איז אַ בעל־צדקה, אַ מכניס־אורח... אַ ייד, וואָס גיט, נישט אָבי אָפּצוקומען און נישט מיט ביזיון, נאָר טאַקע מיט אַ יידיש האַרץ, מיט אַ גוט אויג, ער האָט נחת דערפון, וואָס ער גיט... — אַזאַ ייד — זאָגט ער — זיצט אויף יענער וועלט אין אַ גרויסער שטוב, אַ סאַליע מיט אָפענע טירן אין אַלע פיר זייטן... אויפגעפּראַלט! און אַ גאַנץ יאָר איז ביי אים פּורים... צי חנוכה! און אַ געדעקטער טיש מיט אַלערליי שטראָדלען, חלות מיט זאַפרן, פיש און פלייש,, און פלוימען... היינט משקה! און ער זיצט ביי אָפענע זעקער געלט און טיילט, סאַמע גאָלדענע מטבעות טיילט ער און רופט: עסט, רבותים, עסט און טרינקט! לחיים, לחיים! און נעמט געלט. און דאָס מויל ווערט אים נישט מיד פון ווינטשעווען, און די האַנט נישט אָפּגעשוואַכט פון טיילן, עס וואַקסן אים די כוחות פאַר פרייד, זיי באַנייען זיך אים פון טאָג צו טאָג... און אָרעמע לייט קומען און גייען אַוועק, קומען און גייען... קומען קומען זיי בלאַסע, אויסגעמאַטערטע, אויסגעדאַרטע און פאַר־מרה־שחורהטע, און אַרויס גייען זיי פריילעך און לוסטיק, זינגנדיק און

טאנצנדיק... און ער זיצט און קוועלט און שעפּט נחת, און עס וואקסט אין אים דערפון דאָס הארץ... וואָס האָסטו זיך פארטראכט, סערל?

סערל

כ'וויס? כ'קלער: וויפל מען דארף אָרעמעליים, א בעלעבאָס זאָל האָבן א גן־עדן?

גבריאל

אַ יידענע בלייבט א יידענע! גיב שוין בעסער די וועטשערע!

(מאכט ליכטיקער די לאָמפּ)

ס׳ברענט

(איינאַקטער)

פערזאָנען:

שמריה — איבער זיבעציק.

חנה־רויזע — זיין ווייב, א יאָר צוויי־און־צוואנציק.

דוד — שמריהוס שטיף־זון.

אַ ייד — אין פענצטער.

א באַלעבאַטישע שטוב מיט א טיר אין הינטערגרונט אין קיך אריין. אין קיך קעגן דער טיר אין שטוב רעכטס. פון פאָדער־גרונט און ארויף א קאַמאָד, א פענצטער אין גאס אריין, א שאַנק און אין ווינקל — הויך אָנגעלייגטע זעק מיט תבואה, לינקס — א באנק־בעטל הינטער א שפּאַנישן ווענטל, צום פאָדערגרונט צו אָפן; צוויי הויך־אויפגעבעטע בעטן, אינדער־מיט אונטער א הענגל־לייכטער — א טיש מיט שטולן ארום. צייט: צו תיקון־שבועות.

דוד

(ליגט אויפן באנק־בעטל)

שמריה

(ענדיקט דאָס בענטשן)

חנה־רויזע

(האָט געענדיקט, קוקט אומרואיק צום שפּאַנישן ווענטל, דערנאָך צו שמריהון, נעמט זייער שטיל צוזאַמען די טעלער פון טיש, גייט אויף די נעגל צו דער קיך צו)

שמריה

אדני עוז לעמו יתן, אדני יברך את עמו בשלום!

אַ ייד

(קומט פון דרויסן צום פענצטער, וואַרפט אַן איראָנישן בליק צום שפּאַ־נישן ווענטל, זוכט מיט די אויגן חנה־רויזען אין קיך, שמייכלט; דערנאָך הויך צו שמריהון)

גוט־יום־טוב, ר' שמריה...

שמריה

(דרייט זיך צו אים אויס, אומרואיק)

גוט־יום־טוב, גוט־יאָר...

דער ייד

(מיט אַ בליק צום ווענטל)

ליבער אייער גאַסט! נישט געגאַנגען אפילו דאַווענען?

שמריה

אַזוי ליגט ער אין דער פינצטער... אפילו צו דער סעודה נישט גע־גאַנגען. (פון צאָרן באַהערשט) אַהיימגעקומען... אַ שותּף צום הויז!

חנה־רויזע

(וואָס האָט געוואַשן סיגעפעס ביי דער קיך, זיך אויסדרייענדיק מיט פאַרוורף)

שמריה!

דער ייד

נו, א שותף איז ער דאָך... איר האָט עס געקויפט מיט זיין מוטער, עליה־השלום, דאכט זיך, אייער דריטע ווייב... בשותפות? (פויזע) איר גייט צו תיקון־שבועות?

שמריה

אוודאי, וואָס איז די שאלה?

דער ייד

כ'מיין, ווייל ס'איז שפעט. (פויזע) איך גיי שוין, (אָפּ)

שמריה

(נאָכלויפנדיק)

ברעך די פיס! (סאָפּעט שווער, פאַרויכערט אַ ציגאַר, רופט) חנה־רויזע! (העכער) חנה־רויזעלע!

חנה־רויזע

(אריינקומענדיק)

וואָס?

(בלייבט שטיין נישט ווייט פון טיר, ווישנדיק זיך נערוועז די הענט אָן פארטעך)

שמריה

ווי געפעלט דיר מיין שטיף־זונדל און דיין שיר־נישט געוועזענער...?

חנה־רויזע

שמריה, ער הערט דאָך יעדעס וואָרט.

שמריה

וואָס? נישט אמת? נישט געשדכנט זיך צו דיר? — אי"ה באַלד מוצאי יו"ט צאָל איך אים אויס זיין חלק און היידאַ!

חנה־רויזע

אָבער וואָס האָסטו פון מיר געוואָלט?

שמריה

פון דיר?

חנה־רויזע

האָסט דאָך מיך גערופן.

און אַז כ׳האָב גערופן, נייט מען צו נענטער. העי? און ווען אַ יונגער־מאַן רופט דיך?

חנה־רויזע

(צוגייענדיק)

ס׳וואַסער ווערט מיר קאַלט.

שמריה

מיר — דאָס האַרץ (פּויזע) כ׳גיי צו תיקון־שבועות!

חנה־רויזע

(דערשראָקן)

גיי נישט! (כאַפּט זיך) כמאַרעס, ס׳וועט רעגענען...

שמריה

(וואָס האָט אויף חנה־רויזען געקוקט אַ לאַנגע ווײַלע מיט קאַלטן חשד)

שאַדט נישט! כ׳בין נישט פון צוקער און כ׳שמעק דיר נישט, ווי צוקער! (נאָך אַ קורצער פּויזע, צאָרנדיק) און צו לייטן געלעכטער וויל איך נישט זײַן... ס׳דאַרף קיינער נישט וויסן. הערסט?

חנה־רויזע

(זיך קוים איינהאַלטנדיק פון וויינען)

קוועל מיך נישט, שמריה, כ׳בין אַזוי קראַנק...

שמריה

נו... נו? פּריצישקע קרענק, כ׳וויל זאָלסט דיך מאָרגן צו דער שיל אָנטון. הערסט? זאָלסט מיר נישט פאַרשטערן דעם יום־טוב, ווי פּסח! כ׳וועל דיר אַרויסגעבן די צירונג, דערנאָך וועסטו אַ תירוץ האָבן: כ׳האָב דיך נישט געוואָלט וועקן! נעם דיר אַרויס ס׳קלייד... ס׳נייע.

חנה־רויזע

נאָך וואָס?

שמריה

זאָלסט גיין אין שיל אריין, ווי א מענטש! ווי עס פּאַסט פאַר שמריה תבואה־סוחרס. געגנוג חרפּות און בושות געהאַט פּסח! — געגאַנגען אין שיל אריין אין דעם אַלטן קליידל, אין וועלכן די קבצנישע קרובים האָבן זי אַרויסגעפּאַקט! פון פּסח א תישעה־באָב געמאַכט! און אפשר האָסטו זיך מיט עפּעס אַנדערש געפרייט.

חנה־רויזע

איך? —

שמריה

כ'ווייס? געגנוג שימחה געהאַט, אז דו האָסט אייגענע מצות געגעסן!

חנה־רויזע

(איראָניש)

אייגענע!

דוד

(שפּרינגט אויף, האַלט זיך קוים איין און זעצט זיך צוריק)

שמריה

אַלץ נישט פון מעות־חיטין!

(פּויזע)

חנה־רויזע

וואָס ווילסטו פון מיין לעבן?

שמריה

וואָס ווילט איר פון מיין לעבן? שווייגסט?! בע־בע־בע. צנועה מיינע!... כ'בעט דיך, אז דער הימל שפּאַלט זיך, וואָס וואָלסטו געבעטן?

חנה־רויזע

דעם טויט!

שמריה

(נאָך א פרוונדיקע פויזע)

פאר וועמען?

חנה־רויזע

(אויסהאלטנדיק דעם בליק)

פאר מיר...

שמריה

אזוי! ביסטו נאָך טאקע א כשר ווייבל — קריגסט א מתנה דערפאר — צירונג. (ענפט דעם קאַמאָד, זוכנדיק) אזוי, אז מ'איז א געטריי ווייבל! כע־כע־כע! (אַרויסנעמענדיק) שנירלעך פערל!

דוד

די ירושה פון ערשטן ווייב!

שמריה

(גלייכצייטיק)

א פריצה. (זיך אומקערנדיק צום ווענטל) וואָס ברומט ער דאָרט, דער אפיקורס? (צוריק צו חנה־רויזען). א פריצה מעג זיי טראָגן. (צום ווענטל) אַנגעגעסן זיך מיט טריפות, ברומט אין אים! (צו חנה־רויזען) א קונציק שלעסל מיט א בריליאנטל. (צום ווענטל) הערסט? געהאט א דין־תורה מיט אירע יורשים; מ'האָט עס מיר צוגעפסקנט! (צו חנה־רויזען) א כראבינע מעג עס טראָגן. נא, נעם, טראָג עס געזונטערהייט!

חנה־רויזע

(נעמט און פארלירט פון דער האַנט אויפן טיש ארויף די פערל)

שמריה

אַסטראָזשנע! (זוכט ווייטער אין קאמאָדע, ארויסנעמענדיק) און אַט אויריגנלעך!

דוד

(עטוואָס שטילער)

פון צווייטן!

שמריה

אפילו פארגרינט; נאָך יום־טוב אויספוצן; קרייד ב"ה פעלט נישט, און אחרון, אחרון חביב — קאָנסט דאָך לשון־קודש — ער האָט דאָך

דיך געלערנט? — א קייט און א זייגער. (דרייט זיך אויס צום ווענטל צו, צי רעדט נישט עפּעס דוד).

חנה־רויזע

שוין אלע דריי ווייבער!

שמריה

(דערהערט, דרייט זיך האַסטיק אויס)

פּאַסט דיר נישט? קיין איינציקע פון מיסט נישט אויפגעהויבן! אלע חתונה־קליידער און נדן געהאַט. (ארויסגייענדיק) פארשטעק דעם לאָדן, כ'וועל דיר צוקלאַפּן. (אָפּ).

חנה־רויזע

(גייט צו צום פענצטער)

(פּויזע)

שמריה

(פון דרויסן נאָכן צוקלאַפּן פון לאָדן)

שוין?

חנה־רויזע

(וואָס האָט דעם נאָגל פון האנט ארויסגעלאָזט, מעכאַניש)

שוין.

דוד

(אָפּרוקנדיק דאָס ווענטל)

חנה־רויזע!...

חנה־רויזע

(דרייט זיך אויס דערשראָקן)

אַך!...

דוד

(אויפשטייענדיק)

ווילסט מיר אפילו נישט ענטפערן?

חנה־רויזע

(אָטעמט שווער, אָפרייסנדיק סטיכל פון האלדז)

מען טאָר נישט, דוד.

דוד

(פארוואונדערט)

וואס?

חנה־רויזע

כ'בין אן אשת־איש, נישט דאס, וואס געווען!

דוד

וואס איז מיט דיר, חנה־רויזע?

חנה־רויזע

כאטש דו קוועל מיך נישט, דוד!

(זי קאן נישט אפרייסן דעם בליק פון בענטש־ליכטל, וואס צאנקט, טוקט זיך און פלאמט אויף). ס'וויל נישט שטארבן... ס'וויל נישט אויס־גיין... ס'מוז אבער... אלע מוזן! (דאס ליכטל פארלעשט זיך מיטן לעצטן אויפלאמען).

דוד

חנה־רויזע!

חנה־רויזע

און אין מיר צאנקט און צאנקט די נשמה יארן־לאנג! יארן־לאנג!

דוד

(גייט אפ פון ווענטל)

קיין ווארט פאר מיר האסטו נישט?

גייט אויף און אפ איבער דער שטוב. פון זיין גאנג צעוויגט זיך דער הענג־לייכטער. ביי דעם שוואכן ליכט פון דעם קיך־לעמפל טאנצן ארום שאטנס אויף די ווענט. חנה־רויזע יאגט זיי נאך מיט פארשטארטע אויגן. דודס טריט ווערן האסטיקער און וועקן זי פון שווערע געדאנקען, זי זעצט זיך און פאר־ברעכט די הענט)

חנה־רויזע

שוין דריי טעג און דריי נעכט אזוי... אויף און אפ, אויף און אפ... (כאפט זיך אן ביים קאפ) משוגע צו ווערן! אויפן בלויזן הארץ טרעט ער מיר!

דוד

(גייט צו צום ווענטל)

זאָגסט מיר עפּעס, חנה־רויזע?

חנה־רויזע

(איבערשראָקן)

ניין, ניין!

(פּויזע)

דוד

(נאָך א ווײַלע)

וואָס האָסטו מיר געטון, חנה־רויזע?! וואָס האָסטו אונדז ביידן געטון?!

חנה־רויזע

(מיט א קול אָן א קלאַנג)

וואָס ווילסטו פון מיר, דוד! האָב דו רחמנות אויף מיר!

דוד

פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געגלייבט, חנה־רויזע!

חנה־רויזע

(ווי פריער)

קוועל מיך נישט, דוד — גאָט איז מיין עדות! א שוואכע בין איך... האָסט מיך א רגע ארויסגעצויגן פון דער פינצטער. דערנאָך, אז דו ביסט אוועק, בין איך צוריק אריינגעפאלן אין דער פינצטערניש! — זיי האָבן מיך לייכט איבערוועלטיקט, איבערגעדייבערט... זיי האָבן מיר אויפן קאָפּ פלעקער געשלאָגן! „נאָר געלערנט האָט ער דיך"... דאָרט פעלן קיין כלות נישט... „ער האָט דיר דען עפּעס צוגעזאָגט?!" „ער שרייבט דען?"

דוד

(עמפּערט)

כ'האָב געשריבן, חנה־רויזע, כ'האָב געשריבן!

חנה־רויזע

האָט מען אונטערגעשלאָגן!.. און אין דער פינצטערער אָרעמקייט... וויים איך? און יעדער ביסן ברויט האָט געשטיקט, יעדער טרונק וואסער

געוואָרגן! פון קראנקע קינדערס מויל אוועקגענומען... און דו ווייסט — א שוואכע בין איך; א מענטש אָן בלוט... א פליג... איז געקומען די שפּין... (פּויזע) א שוואכע פליג!

דוד

ווייל דו האָסט נישט געגלייבט, חנה־רויזע!

חנה־רויזע

אפשר... נאָר יעדער ביסן האָט געשטיקט, יעדער טרונק וואסער — געוואָרגן... איז ער געקומען... ארום און ארום געשפּינט אַלץ, ארומגענומען! און דאָ בין איך איינע אַליין... איינע אַליין, א יתומה... און אָן כוח... בין איך אין פינצטערן קבר אריינגעשפּרונגען, איך בין אַליין שולדיק... ווען א פונק שׂכל... א פונק... און עס האָט זיך אָנגעהויבן א לעבן, א לעבן... שרעק, פּיין, עקל... און נעכט... נעכט! דוד, איך בין גענוג באַשטראָפט געוואָרן!

דוד

נישט דיין שטראָף וויל איך! באפרייען וויל איך דיך, באפרייען!

חנה־רויזע

ניין, ניין, דוד! געשטאָרבן, באגראָבן! כ'האָב מורא פאר דיר, דוד! איך דאַרף דיך גאָרנישט הערן, דוד... עס איז א זינד... א שרעקלעכע זינד! ער האָט מיר גאנצע נעכט פון ספרים ארויסגעלייענט... פאראן א גיהנום... מען הענגט אויף בריסטן... איבער אָנגעצונדענע סמאָלע, כ'האָב מורא פאר דיר, דוד! פאר דער זינד, פאר גאָט!

דוד

(דערשראָקן)

וואָס האָט ער געמאכט פון דיר, חנה־רויזע? וואָס טוט זיך עס? ווארף פון דיר אראָפּ זיין קללה, שאָקל דיך אָפּ, ווי פארכישופט ביסטו! וואָס טוט זיך מיט דיר, קרוין מיינע, חנה־רויזע, לעבן מיינס! נשמה מיינע!

חנה־רויזע

(קוקנדיק שטאַר אויף די שאָטנס)

ניין, נישט דיינע, נישט דיינע! אן אשת־איש בין איך, שמריהס

בין איך... ער האָט מיך געקויפט... גענומען אריין אין זיין שפּינוועבעריי און ער נאָגט און נאָגט... נישט דיינע בין איך... דיינע, דוד, לעבט שוין נישט... ער האָט זי באַזידלט, באַשפּיגן, פאַרמיאוסט, דערנאָך מיט די דאַרע הענט געוואָרגן, מיטן אַלטן פייער אין די אויגן מיר פון לייב אויס־געברענט. פאַרפאַלן!... ש מ ר י ה ס ווייב בין איך, אַן אשת־איש... איך מוז אַנטלויפן פון דיר, דוד. (רוקט זיך הינטערווייַלעכץ אָפּ מיטן בענקל צו די זעק אין ווינקל) און קוועל מיך נישט, דוד! רעד נישט, זיי דו מיין מלאך־המוות נישט! מאַך מיך כאָטש נישט זינדיק! דיין קול איז אָנגעזאַפּט מיט זינד, דיין יעדעס וואָרט שטעכט מיך אין האַרץ, ווי אַ נאָדל... און איבער דער שטוב גיי נישט... איך טאָר אַפילו דיינע טריט נישט הערן! איך טאָר נישט און קאָן שוין נישט! איך האָב שוין קיין כוח נישט און אַזוי ווי דו גייסט, אַזוי טאַנצן אַרום מיר די שאָטנס אויף די ווענט, זיי קריכן צו מיר! שטעקן צו מיר אויס לאַנגע צונגען... לאַנגע דאַרע הענט! זעץ דיך אַנידער, דוד!

דוד

(זעצט זיך אויפן באַנקבעטל, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אין טיר)

און ווי לאַנג איז, אַז דו האָסט פאַר מיר קיין מורא נישט געהאַט... ווי לאַנג איז, אַז מיר האָבן זיך אַזוי טריי געזעגנט... אין סקווער אויף דער באַנק, געדענקסט! אַ קלאָרע נאַכט געווען... געזעגנט האָבן מיר זיך. „מען וועט דיך אַרויסלאָזן", האָסטו מיך געטרייסט, וועסט צוריקומען... אויפן אָנלען אָנגעשפּאַרט ביסטו געזעסן... אַ שוואַכע, אַ בלאַסע, און שטיל געשמייכלט האָסטו! אַ שטילער רואיקער גלויבן האָט איבער דיין פּנים געשוועבט... האָסט אָנגעשפּאַרט דיין קאָפּ אָן מיין אַקסל; איך האָב דיך געקושט, און דיין פּנים האָט זיך גערויטלט, ווי אַ פרישער מאָרגנשטערן! און פון דיינע אויגן, פון דיינע גרינע טיפע שמאַראַגדן, זענען גאָלדענע שטראַלן אַרויס... געבליצט האָבן זיי... מיך ביסטו געוואָרן און אַראָפּגע־רוקט האָט זיך דיין קאָפּ אויף מיין האַרץ... „ווי עס קלאַפּט!" האָסטו קוים הערנדיק געזאָגט, און ווי געציטערט האָט דיין קול... און איבער דיי־נע האָר, איבער דיין העבאָן־קרוין האָבן וווּנדערלעכע גלאַנצן געציטערט. מיט אַ פאַרציטערטער האַנט האָב איך דיינע האָרנאָדלען אַרויסגענומען און דיין העבאָן־קרוין האָט זיך צעפלאָכטן, ביז צו דער ערד אַראָפּגע־לאָזט... איך האָב מיט דער פלאַכער האַנט דיינע האָר געגלעט... פונקען זענען מיר פון אונטער דער האַנט געפלויגן.

חנה־רויזע

(וועקט זיך, בעטנדיק)

שוויַיג, דוד, שוויַיג! דערמאָן נישט דאָס פאַרלוירענע! עס טוט אַזוי וויי!

ד ו ד

(מיט אַ פּאָרוווּרף)

און מיר האָבן נישט גערעדט, חנה־רויזע! נאָר דו האָסט געוווּסט און געגלייבט!

חנה־רויזע

איך האָב דיר דאַמאָלט געגלייבט, דוד, איך האָב מיך דאַמאָלט אין ליכטיקן שטריַיף געבאָדן און אַ ליכטיקע נשמה געהאַט! דו ביסט געווען ביי מיר, מיין האַרץ האָט דיך אַזוי נאָענט געפילט, און מיין נשמה איז צו דיר געפלויגן, ווי פון ווינט און רעגן אַ שוואַכע טויב אין היימישן טויבנשלאָג אַריין!

ד ו ד

(דערפרייט)

דער טויבנשלאָג איז אָפן, חנה־רויזע! דו ביסט מיין!

חנה־רויזע

ניין, ניין! דיין חנה־רויזע איז געשטאָרבן... שמריהס אשת־איש לעבט!... אין קבר לעבט זי, אין פינצטערן קבר... באַזידלט, באַשפּיגן... מיינע אויגן וואַרפן שוין קיין שטראַלן נישט, איך האָב זיי אויסגעוויינט... איך האָב שוין נישט קיין העבאָן־קרוין... אָפּגעשניטן האָט מען זי און ער האָט די האָר מיט די שטראַלן, מיט די גלאַנצן עמעצן פאַר אַ שייטל פאַרקויפט, איך טראָג אַ האָר־באַנד! פאַרלאָשן איז געוואָרן דער גאָלדע־נער שטריַיף און אַ פינצטערניש האָט מיך פאַרשלונגען.

ד ו ד

איך וויל דיך צוריק אין דער ליכט אַריינציען!

(פון דרויסן הערט זיך אַ ווינט, וואָס ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער. רעכטס ציטערט און קלאַפּט דער לאָדן)

חנה־רויזע

ניין, ניין, דוד! — הערסט, איך האָב מורא, דוד! איך שרעק מיך — פאַר דיר, פאַר אים, פאַר דער וועלט... פאַר אַלע... נאָך מער פאַר גאָט!

דוד

גאָט איז אַ גוטער, חנה־רויזע.

חנה־רויזע

(שאָקלט מיטן קאָפּ)

דיין גאָט, דער באַשעפער פון דיין וועלט... דיין וועלט איז פאַר מיר אַ גאָרטן מיט רויזן געווען... פלאַמענדיקע רויזן... און ווייסט אויך... און פיל בלויע, בלויע שטילע ברידערלעך... און בלוי איז געווען, און לייט־זעליק דער הימל איבערן קאָפּ... מיט מיליאָנען לייטזעליקע אייגעלעך האָט גאָט אַראָפּגעקוקט אויף דער וועלט... און האָט אין גאָרטן די בלומען גע־בענטשט, און אַ ווינטל האָט אין גאָטס נאָמען געבלאָזן: ליבט אייך, ליבט! גאָט וויל אַזוי, גאָט הייסט אַזוי! אויף דעם האָט ער דעם גאָרטן געווים באַשאַפן — דאָס אַלץ, דוד, איז חרוב ונחרב געוואָרן — אַן אשת־איש בין איך — — — אַ פליג אין זיין נעץ, אין זיין נעץ, אין זיין שפּינוועבס! און ער זיצט איבער מיר און יאָגט, און יאָגט... גאַנצענע טעג, גאַנצענע נעכט... ער האָט מיר די פריערדיקע נשמה אויסגעזאָגט! און פון גן־עדן בין איך פאַרוואָגלט געוואָרן! — איך בין זיין, און אין זיין וועלט לעב איך, אין זיין גיהנום! און אונטער מיר ברענט דער גיהנום און איבער מיר איז אַרויסגעצויגן אַ קאַלטער שטיינערנער הימל... און אַרום מיר טאַנצן זיינע שאַטנס, זיינע שדים! גאַנצע טעג, גאַנצע נעכט האָט ער עם מיר בלאָס און פינצטער געמאַכט — און פון צווישן די שפּאַלטן פון אייזער־נעם הימל קוקט אַראָפּ אַ בייזער גאָט! ער טרייסט נישט, ער שעלט! ליבן הייסט ער נישט! מיט שאַרפע אויגן, ווי מיט בליצן פון חלפים קוקט ער דעם אָרעמען מענטש אין האַרץ אַריין און פאַרשט און שטראָפט — פאַר יעדער סעקונדע גליק שטראָפט ער! דער ווינט שטאַרקט זיך, הערסט! דאָס פאָרשט ער! דאָס פרעגט ער! אַזוי רעדט ער צום אָרעמען פאַריתומטן, שוואַכן מענטש! פון שטורעם אַרויס! (עס דונערט) און שוין! ער האָט אַ זונה געפונען און שטראָפט. אומר־ועושה! —

דוד

חנה־רויזע!

חנה־רויזע

(מיט צאָרן)

שווייג, אז ער רעדט! (דער ווינט רייסט אויף דעם לאָדן פון פענצ־טער רעכטס. עס באווייזן זיך פלאמען. מיט שרעק) פלאמען קומען צו מיר, דוד, פלאמען!

ד ו ד

(לויפט צו צום פענצטער ארויס, עס הערן זיך גלאָקן פון גאס)

חנה־רויזע

(שפרינגט אָפּ לינקס)

עס קלינגט! די טומאה קלינגט! דער גיהנום! נאָך מיין פארזינדיק־טער נשמה קלינגט מען... איך גיי פון דער וועלט! איך גיי און אָן א וואָרט אין מויל... אָן ווידוי! און אזוי פארזינדיקט, דוד, ראטעווע מיך, דוד. (גייענדיק צו אים מיט אויסגעשטרעקטע הענט) נאָר דיך איינעם האָב איך אויף דער וועלט, נאָר דיך איינעם!

ד ו ד

(ווענדט זיך פון פענצטער, איילט צו איר)

נישט ווייט ברענט!

ש מ ר י ה

(אריינקומענדיק מיט צעשפרייטע הענט, וואָס לאָזן זיי נישט צוזאמענקומען)

דאָ, דאָ ברענט! ס׳גיהנום ברענט!

(ראשער פאָרהאנג)